NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11591

# INDYE UN TSYELON

Itzhak Rimon

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאפולער
וויסנשאפטלעכע
ביבליאטעק

י. רימאָן

# אינדיִע און ציילאָן



36

קאאפעראטיווער פארלאג
„קולטור־ליגע"

פאָפולער - וויסנשאפטלעכע ביבליאָטעק

13/12176

י. רימאָן

# אינדיע און ציילאָן

נאטור. ווירטשאפט. באפעלקערונג. באציִונגען.

№ 36

קאָאָפּעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע“
קיעוו — 1930

[illegible]

מעלוכע - טרעסט „קיעװ - דרוק“
2-טע דרוק. װאָראָװסקי-גאַס 42
באַשט. № 3464. געדרוקט 3.000
קיעװער אָקרליט 715. $10 \frac{1}{2}$
דרוק־בויגן.

# פאָרוואָרט

ווען אין מענטשן שפּילט דאָס גאָרן צו וויסן און פאַרשטיין, וואָס סע רינגלט אים אַרום און וואָס אַרום אים קומט פאָר, — דעמאָלט איז יעדער ווינקעלע פון דער וועלט, יעדער שפּאַן ערד פול מיט אינטערעס, דעמאָלט איז ניטאָ קיין „גע-ווינלעכס" און „טאָגטעגלעכס", — אַלץ איז דאַן „אויסטערליש" און שיינט מיט דער גאַנצער גאַמע רייך-קאָלירן, אין וועלכע סע אַנטפּלעקט זיך אונדז די נאַטור, איר פאַרבנשפּיל, אירע גײַצמעסיקייטן, אַקוראַט ווי די גײַסלשאַפט מיט איר קרעפטן-גערANגל, וואָס וועקט דעם געדאַנק און רופט צום אומופהערלעכן אויפשטייגן אויף נײַע ביז געראַכטע נאָך היסטאָרישע פּאָזיציעס, צום אויפגאַנג פון נײַע קלאַסן און צו באַנײַטע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. נאָר דאָך פאַרמאָגט דער ערדקײַלעך סײַ געאָגראַפיש-לאַנדשאַפטלעך, סײַ סאָציאַל-היסטאָריש באַשטימטע „קניפּ - פּונקטן", ווו אי די נאַטור-עקזאָטיק, אי די פילפאַרביקייט און קאָמפּ-ליצירטקייט פון די גײַסלשאַפטלעכע באַציִונגען דערגרייכט ביז צו דער העכסטער שטופע, ביז צום אַפּאָגיי פון בילדערישקייט און אינטערעס.

צו אָט די היסטאָריש-געאָגראַפישע „קניפּ-פּונקטן", וואָס פאַרמאָגן נאָך דערצו דעם פולן אינטערעס פון הײַנטצײַטיקייט, ווײַל זיי שטייען אין ברען-פּונקט פון די איצטיקע וועלט געשעענישן און זײַנען אָנגעקניפּט אין יענעם געשיכטלעכן פּראָצעס: וואָס רײַסט אונטער — דורך די צוזאַמענדריקע אָנשטרענגונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט באַשוטפעס מיט די אויפגעוואַכטע „אומהיסטאָרישע" נאַציעס — דעם אימפּעריאַליסטישן „שאָלעם", הינטער וועלכן סע באַהאַלט זיך הײַנטיקע אַ פּערמאַנענטע בלוט-פאַר-גיסונג, אַן אומדערבאַרעמדיקע מלחמה קעגן די שוואַכע פעלקער, פאַר דער מאַקסימאַלסטער עקספּלואַטאַציע פון זייערע טעריטאָריעס, ערד-רײַכטימער און באַ-וווינערס פאַר דער פאַרשקלאַפונג פון זייער פּויערים און אַרבעטערשאַפט.

אונדז—דעם ראטנפארבאנד, דער ערשטער סאָציאַליסטישער **וועלט-רעפּובליק** קער אינדיע אָן; א באָענטע שכיינע, נאָענט — געאָגראפיש, נאָר נאָך **נעענטער**— סאָציאַל און היסטאָריש, אף די אלגעמיינע **שטאפלען פון קאמף קעגן דעם ענגלישן** און אלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם.

ראַרסן מיר אינדיע וויסן און לערנען.

**רעד.**

## 1. ווי ווײַט איז קיין אינדיִע.

פון ראַטנפאַרבאַנד קיין אינדיִע איז נעענטער ווי פון מאָסקווע קיין לענינגראַד. ערטערווײַז ניט ווײַטער ווי פון קיִעוו קיין טשערניגאָוו.

אונדז טיילט אָפּ פון אינדיִע אַפגאַניסטאַן,—א מעלוכע אָן אײַזנבאַנען, וואָס מע קאָן זי דורכפאָרן נאָר אַף קעמלען אין א קאַראַוואַן. א מעלוכע מיט איין און אייגציקער פאבריק אין גאַנצן לאנד, כאָטש די גרייט איז דאָס לאַנד ווי פראַנקרײַך און האָט אזויפיל אײַנוווינער סאַכאַקל ווי בעלגיִע.

ערטערווײַז (אין מיזרעך) איז דער פּאַס אַפגאַניסטאַן, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון אינדיִע, אסאַך שמעלער אפילע פון הונדערט וויאָרסט. דאָס איז אזוי ווי אומיסטן און אָפּצעלאָכעס אַרײַנגערוקט א פּאַס פון א דריטער מעלוכע, פון אַפגאַניסטאַן, צווישן אונדז און אינדיִע. כאָפּט א קוק אַף דער מאַפּע, וועט איר עס גלײַך באַמערקן.

אָט ביז צו אָ דעם שמאָלן פּאַס ערד האָבן זיך דערקײַקלט נאָך סאָף נײַנצנטן יאָרהונדערט דער ענגלישער און צאַרישרוסלענדישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָבן ביידע — ענגלאַנד פון דאָרעם־זײַט און רוסלאַנד פון צאָפן־זײַט—אונטערגעוואָרפן אונטער זייער מאַכט די מוסולמענער באַפעלקערונג פון מיטל־אַזיִע ביז זיי האָבן זיך באַגעגנט קימאַט פּאָנעם־על־פּאָנעם אַף די שפּיצן בערג פון הינדוקוש, פּאַמיר און קאַראַקאָרום. איז געבליבן צווישן זיי א שמאָלער פּאַס אַפגאַניסטאַן, האָבן זיי אים געלאָזט צורו—„ניט מיר, ניט דיר“—אלס א בופער־מעלוכע. ווען מע פירט דורך אן




אפגאניסטאן צווישן ם.ס.ר.ר. און אינדיע.

אײַזנבאַן־ליניע סאַכאַקל פון 500 קילאָמעטער פון אונדזער סטאַנ־
ציע קושקא (דאָרעמדיקער פון טאַשקענט) דורך אַפגאַניסטאַן צו
דער צאָפן־אינדישער סטאַנציע קוועטאַ, וואָלט מען געקאָנט פאָרן
אָן אַ איבעררײַס אין אן עקספרעס פון מאָסקווע קיין קאַלקוטע
אָדער באָמביי, און קיין רײַזנדער וואָלטן זיך ניט געדאַרפט מאַ־
טערן און רײַטן אף קעמלען דורך אַפגאַניסטאַן אָדער מאַכן א
פּאָלג־מיך־א־גאנג מיטן יאַם דורך סועץ און באָספּאָר מיט די




אינדיע אין צענטער פונעם ענגלישן „אײַנפלוס־קרײַז" ארום אינדישן אָקעאַן.
א ווײַזער ווײַזט דעם וועג פון ענגלאנד קיין אינדיע.

דאַרדאַנעלן אָדער נאָך ווײַטערע וועגן... איז פאַרוואָס מאַקע —
זײַנט איר גרייט פרעגן — בויט מען ניט אויס אָט־א די קליינע
אײַזנבאַן־צווײַג, קעדיי צו פאַרבינדן צווישן זיך צוויי גרויסע לענ־
דער און שאַפן א דירעקטן וועג צווישן צוויי אָקעאַנען, צווישן
צאָפנדיקן און אינדישן און צווישן אייראָפּע און אינדיע?

אין וואָס איז די מעניִע? צי שטערן ניט קיין שרעקלעך הויכע בערג אָדער וויסטע מידבּאָריעס, וואָס מע קאָן זיי טעכניש ניט בּײַקומען און דאָרט דורכפירן קיין וועגן?

ניין, דעם וועג קאָן מען אויסבויען. די מעניִע איז נאָר אין ענגלאַנד, וואָס האָט מוירע דערפאַר, אַז א צווייטע מעלוכע זאָל ניט ווערן קיין נאָענטע אַרײַנגייערן אין אינדיִע און איר שאַפן א קאָנקורענץ מיט אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציִעס, וואָס זי פאַרמאָגט אין אינדיִע.

## 2. פאַרוואָס ציטערט אזוי ענגלאַנד איבּער אינדיִע?

וואָס־זשע פאַר א מעציִע איז אזוינס אינדיִע, וואָס ענגלאַנד ציטערט אזוי איבּער איר? וואָס פאַר א לאנד איז עס, וואָס ענגלאַנד האַלט אזוי שטײַף בּא זיך אין די הענט די שליסל פון אירע טויערן?

איר פארשטייט אליין, אז די ליבּע פון ענגלאַנד צו אינדיִע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ענגלאַנד דערלייגט ניט צו איר, נאָר, אַדעראבּע וועאַדעראבּע, זי מאכט דאָרט א רעכטע מאַטבּייע.

ענגלאנד איז אין אינדיִע בּיידע זאַכן: אי א סויכער, א פאַר־קויפער, אי א קוינע.

אינדיִע, הייסט עס, איז א גוטער מאַרק, — דער ערשטער און גרעסטער מאַרק אין אַזיִע פאַר דער מילכאָמע. איר אויסערלעכער האַנדל (אַרײַנפיר און אַרויספיר) האָט בּאַטראָפן פאַר דער מיל־כאָמע בּא די 5 מיליאַרד רובּל. אַצינד איז ער נאָך מער אויסגע־וואַקסן און האַלט שוין בּא די

7½ מיליארד.

איז אין וואָס בּאשטייט דער אינדישער אויסער־האַנדל? וואָס קויפן דאָרט און פארקויפן די ענגלענדער?

## מיט וואָס האנדלט אינדיע?

| | פירט אריין | פירט ארויס |
|---|---|---|
| רויוואַרג . . . . | 10% | 50% |
| פאבריקאטן . . | 70% | 25% |
| שפּייז . . . . . | 20% | 23% |
| פארשיידענע . . . | 1% | 2% |
| סאכאקל . . . . | 100% | 100% |

דאָס אלץ איז אין קײלעכדיקע צאָלן, קײלעכדיקע און קלאָרע: אינדיע פירט ארויס, פארקויפט דעריקערשט ר ו י וו א ר ג.

און קויפט איין הויפּטזאכלעך פ א ב ר י ק א ט ן.

די טײַטש דערפון איז, אז אין אינדיע זײַנען ווייניק פאבריקן, אז פאבריק־פּראָדוקטן באציט זי אליין פון אויסלאנד, און דערפאר גיט זי אָפּ איר רויווארג, אירע נאטור־אויצרעס, וועלכע זי אליין איז לעסאמע ניט אימשטאנד צו באארבעטן, צוליב דויכעק אין מאשינען און פאבריקן.

דערפון איז קלאָר, אז אינדיע איז א לאנד א לאנדווירט־שאפטלעכס דעריקער. אקוראט דער הייפעך פון ע נ ג ל א נ ד, וואָס 75% פון איר ארויספיר איז קאָלעריי פאבריק־פּראָדוקטן.

דערפון איז קלאָר, אז ענגלאנד און אינדיע זײַנען דאפקע א פּאָר. איינע פארמאָגט דאָס, וואָס דער אנדערער פעלט. נאָר ווען איז דאָס געווארן, ווען ביידע זאָלן זײַן פריי און אינדיע זאָל קאָנען באגלײַך מיט ענגלאנד קויפן דאָס, וואָס זי וויל און דאָרט ווו זי וויל, פאר די פּרײַזן, וואָס איר לוינט.

ווי איז אָבער דער דין, אז אינדיע טראָגט דעם נאָמען „בריטאניש ענגלאנד", ד. ה. זי איז אונטערגעוואָרפן ענגלאנד,— דעמאָלט, פארשטייט זיך, איז די פּאָר פאר ענגלאנד א פּאָר,— פאר אינדיע אָבער קלאל און קלאל ניט, מאכמעס ענגלאנד שאפט אזעלכע באדינגונגען אפן אינדישן מארק, ווערליק סע לוינט איר, ענגלאנד.

אינדיע פארמאָגט ניט קיין אייגענע עקאָנאָמישע פּאָליטיק. איר עקאָנאָמישע פּאָליטיק ווערט דיקטירט פון די טעמזע־ברעגן. יעדער לאנד, וואָס וויל בא זיך אנטוויקלען געוויסע צווייגן פון דער אינדוסטריע, קעדיי עס זאָל ניט אָפּהענגען אין יעדער פּיצעלע פון די אנדערע בורזשואזע מעלוכעס,— איז וואָס טוט מען דאָרט? שטעלט מען איין הו[illegible]ע גרענעץ־אָפּצאָלן אף די אָדער אנדערע פאבריקאטן, ב[illegible] זיי זאָלן ניט קאָנען קאָנקורירן מיט דער אָרטיקער פּראָדוקציע. אינדיע וואָלט עס עפּשער אויך געקאָנט טון. דער אומגליק איז אָבער, וואָס אין אנדערע לענדער שטעלט מען איין יענע צאָל־טאריפן, וואָס לוינען זיי, און אין אינדיע עקזיסטירן יענע טאריפן, וואָס קאָנפּענירן פאר לאָנדאָן און ניט פאר דער אָרטיקער אינדישער באפעלקערונג.

## 3. דאָס רויוואַרג פון אינדיע

2/3 פונעם אינדישן ארויספיר בילדעט פאָלגנדיק רויוואַרג: באוול, דזשוט, טיי און אייל־זוימען.

אפן ערשטן אָרט: באוול.

ווען איר דערמאנט זיך דערביי, אז אין דער ענגלישער אינדוסטריע פארנעמט דאָס ערשטע אָרט די טעקסטיל־אינדוסטריע און אז צווישן די פּראָדוצירטע געוועבן שטייט

אפן ערשטן אָרט — באוולוואַרג,

הייבט אייך אָן אביסל קלאָר ווערן, פארוואָס צווישן קושקא און קוועטא איז ניטאָ קיין אייזנבאן און פארוואָס לאָרד באלפור האָט אמאָל געזאָגט, אז אויב רוסלאנד וועט זיך דערוועגן אויס־

בויען אַן אײַזנבאַן אין אַפגאַניסטאַן, וועט עס ברענגען צו מיל־כאָמע.

מער באַוול ווי אין אינדיִע קלײַבט נאָר אויף אַמעריקע, ריכ־טיקער, — די פאַרייניקטע שטאַטן.

אַזוי אַרום איז אינדיִע דער ערשטער קוואַל פון באַוול אין דער „אַלטער וועלט“.

איז ווי זאָל עס די גרעסטע באַוול־פאַבריק אין דער וועלט — ענגלאַנד, — ניט זײַן פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין אַזאַ רײַכער באַוול־קאָלע, ווי אינדיִע איז, די רײַכסטע אַפן אַלטן קאָנטינענט?

ענגלאַנד וואָלט אַסאַך אַוולעס מויכל געווען דעם קאָמינטערן, ווען זי זאָל נאָר ניט מוירע האָבן, אַז ער זאָל כאַסוועשאָלעם ניט קאַליע מאַכן אָט־אָ דעם באַוולנעם שידעך, צו וועלכן סע דערלייגן עפשער זייער געזונט די אינדישע באַטראַקעס אַף די פּלאַנטאַציִעס, אָבער פאר קיין אויפן ניט די פאַבריקאַנטן פון לאַנקאַשיר.

א גרויסע ווערט אינעם אויסערלעכן האַנדל פון אינדיִע האָט דער אַרויסבאַקום פון טיי.

מיר מיט אײַך טרינקען אָפּט ציילאָנער אָדער אינדישע טיי.

אין דעם געביט פאַרנעמט אינדיִע דאָס ערשטע אָרט אין דער וועלט.

$^2/_3$ וועלט־אַרויספיר פון טיי

דערלאַנגט אינדיִע און ציילאָן:

העכער 1½ מיליאָן פוד.

פון ציילאָן פירט מען אַכוץ דעם אַרויס רוי־גומי (קוימשוק), קאָקאָס־ניס און שמאַלץ, קאַקאָאָ און צימרינג.

אַכוץ דעם פירט מען פון אינדיִע אַרויס ווייץ (ווייניק) און פלייש.

נאָך דער צאָל בעהיימעס איז אינדיִע דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט. און אין דער אייגענער צײַט פאַרזוכן די אינדוסן קימאַט קיין פלייש ניט, מאַכמעס די עמונע זייערע פאַרווערט זיי טויטן אַ בעהיימע, קעדיי צו עסן איר פלייש.

רינדער אַליין פאַרמאָגן זיי ־ באַ 150 מיליאָן קעפּ (4 מאָל מער פון אונדז), ד. ה. קימאַט אַן אָקס אָדער א קו אַף איטלעכע צוויי נעפאַשעס פון דער באַפעלקערונג, בעיס באַ אונדז קומט אויס א רינד אַף איטלעכע פיר מענטשן קימאַט.

קיין כאַזיירים איז אין אינדיִע ניטאָ (אין ציילאָן—אַביסל), מאַכמעס מע האַלט עס פאַר אַן אומריינעם און אומווערדיקן באַלכיַ.

נעמען מיר זיך צום אַריַנפיר, שטייט דאָ אויך אַפן ערשטן פלאַן

באַוול־שטאָף.

און פונוואַנעט זאָל אינדיע באַציִען באַוול־שטאָף, אויב ניט פון ענגלאַנד? אַ ברייִרע האָבן זיי?

65% סכוירע־אַריַנפיר פון גאַנץ אינדיִע באַקומען זיי פון ענגלאַנד.

דאָס הייסט, אַז 2/3 דערפון, וואָס אינדיִע באַדאַרף, קויפט זי דורך און פון ענגלישע הענט.

א פיַן קלייטל פאַרמאָגט לאָנדאָן אף די ברעגן פון גאַנג און אינד.

א קלייטל מיט העכער 300 מיליאָן קוינים, — אַזוי איז די גרייס פון דער באַפעלקערונג אין אינדיִע.

## 4. אינדיִע פאַר זיך.

דאָס אַלץ האָבן מיר אייגנטלעך גערעדט וועגן דער ראָליע פון אינדיִע אינעם וועלט־מאַרק, אין וועלכן זי גייט אַריַן אין אַן ענגלישן שלייער. אינדיִע לעבט דאָך אָבער סאָפּקאָלסאָף ניט בלויז פאר דער וועלט. מע מוז דאָך ווי ניט איז אונטערהאַלטן די עקזיסטענץ פון די 300 מיליאָן אייגענע נעפאַשעס.

אינדיִע באַזאָרגט די וועלט מיט באַוול און מיט טיי.

און זיך מיט וואָס?

קוידעמקאָל מיט ריַז. באַ די 3 מיליארד פוד

## 3 מיליאַרד פּוד!

1/8 פון גאַנצן זריִע־שעטעך.

ער וואַקסט אינעם נידער־ברעגלאַנד פון בענגאַליִע און באַם אונטערשטן שטראָם פון גאַנג



א רײַז־פּלאַנטאַציִע מיט יונגע רײַז־שפּראָצונגען.

אין צאָפן־מיזרעוו אָבער און צענטראַל־אינדיִע, ווו דער קלימאַט איז צו טרוקן פאַר רײַז,—רײַז פאָדערט דאָך אָן א שיר וואַסער,—דאָרט זייט מען ווייץ.

לויטן פאַרזיי־שעטעך פון ווייץ פאַרנעמט אינדיִע דאָס צווייטע אָרט נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. לויט דער פּראָדוק־

ציִע אָבער דאָס דריטע, מאַכמעס דאָס געזעלשאַפֿטלעכע איז אין אינדיִע זייער־זייער אַ נידעריקע. דעריבער גייט גלײַך נאָך אַמעריקע קאַנאַדע, האַגאַם דער פֿאַרזיי־שעטעך איז דאָרט אַ פֿיל קלענערער איידער אין אינדיִע. אַכוץ דעם האָדעוועט מען זיך אין דעקאַן און ציילאָן מיט הירזש.

אין דער געזעלשאַפֿטלעכע פֿון געזעצן גייט אינדיִע גלײַך נאָך די פֿאַראייניקטע שטאַטן אונטער ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿאַרנעמט אַזוי אַרום דאָס דריטע אָרט אין דער וועלט.

אינדיִע פֿאַרמאָגט אויך גאַנץ היפּשע ערד־אויצרעס: קוילן, גאָלד, מאַרגאַנעק־מינעראַלן און זאַלץ. פֿאַרן וועלט־מאַרק האָט דער־פֿון אַ ווערט בלויז דער מאַרגאַנעץ, וועלכער קאָנקורירט מיט אונדזערן און מיטן בראַזיליִער.

קוילן ברענגט נאָך אינדיִע אַרײַן צו זיך, האַגאַם איר אַרויס־באַקום איז פֿאַרן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דרײַ מאָל אַזויפֿיל אויסגעוואַקסן: פֿון 7 ביז 20 מיליאָן טאָן.

בירמער נאַפֿט־קוואַלן דערלאַנגען 12 מיליאָן טאָן נאַפֿט אַ יאָר (קימאַט אַזויפֿיל, וויפֿל אונדזערע נאַפֿט־קוואַלן).

## 5. געוויקסן, וויבט און רעגן.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך האָבן מיר געזען, ווי די ענגלישע פּאָליטיק אין אינדיִע שטאַמט פֿונעם עקאָנאָמישן כאַראַקטער זייערן דערפֿון, וואָס אינדיִע קאָן עקספּאָרטירן דאַפֿקע דאָס, אין וואָס ענגלאַנד נייטיקט זיך. דאָס אינדישע רויוואַרג דיקטירט די ענגלי־שע פּאָליטיק.

אין וואָס אָבער ווענדט זיך דאָס אינדישע רויוואַרג? פֿאַר־וואָס וואַקסן דאַפֿקע אין אינדיִע באַוול, טיי, רײַז, רוי־גומי, קאָ־קאָס־ניס א. אז. וו.?

דאָס ווענדט זיך פֿולקאָם אינעם קלימאַט. ער דיקטירט עס אינדיִע אירע קולטור־געוויקסן, וואָס שאַפֿן איר איקער ווירטשאַפֿט, מאַכמעס דאָס לאַנד איז אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכס.

ווער ווייסט עס ניט, אַז ווייך וואַקסט אין דאָרעם פון אונדזער פֿאַרבאַנד, און אין צאָפן זייט מען דעריקערשט קאָרן, ווײַל ווייך דאַרף מער וואַרעמקײַט האָבן, קעדיי אויסצוּוואַקסן איידער קאָרן.

אינדיִע ליגט אָבער נאָך דאָרעמדיקער פון אונדז. דער סאַמע צאָפנדיקער פּונקט פון אינדיִע ליגט אף איין ברייט אַנערעך מיטן סאַמע דאָרעמדיקסטן פּונקט פון אונדזער פֿאַרבאַנד.

דער קלימאַט פון צאָפן־אינדיִע איז אַזוי אַרום וואַרעמער פונעם קלימאַט פון די סאַמע דאָרעמסטע ערטער אין אונדזער פֿאַרבאַנד.

אינדיִע ציט זיך אויס אַף 30 גראַדוס פון צאָפן קיין דאָרעם און דערגייט קימאַט סאַמע צום עקוואַטאָר (ביזן 6־טן גראַדוס).

דער קרעפּס־טראָפּיק, ד. ה. די ליניִע, וואָס שטייט אָפּ אַף $23^1/_2$ גראַדוס פונעם עקוואַטאָר, טיילט אינדיִע קימאַט אף דער העלפט.

אין די סאַמע קאַלטסטע כאַדאָשים, אין דעקאַבער און יאַנוואַר, איז דאָ 25 גראַד היץ, ד. ה. וואַרעמער ווי בײַ אונדז אום זומער אין ק ר י ם.

דער הייסטער כוידעש אין צאָפן־מײַרעוו־אינדיִע איז יוּני־יוּלי (ווי בײַ אונדז). אין צענטראַל־אינדיִע אָבער שוין—מײַ, און אין דאָרעם—אַפּרעל.

די טעמפּעראַטור פון דער לופט דערגייט אַן אַנדערש מאָל,— ווען ס׳ע בלאָזן הייסע ווינטן,—ביז 49°. דעמאָלט פֿאַרשטעלן אפילע די דאָרטלײַט אף א גאַנצן טאָג די הײַזער מיט ראָגאָזשעס און ראַפּי־געפלעכטן (אַזאַ מין שטרוי), אײַנגענעצט אין וואַסער.

דער צווייטער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר פונעם קלימאַט פון אינדיִע איז דאָס, וואָס דאָס לאַנד ליגט אינגאַנצן אינעם גאַרטל פון מוסאָנען, ד. ה. ווינטן, וואָס בלאָזן אום זומער פון דעם יאַם אף דער יאַבאָשע און אום ווינטער פֿאַרקערט (מאַכמעס די יאַבאָשע ווערט אום זומער מער און גיכער אָנגעוואַרעמט און אום ווינטער מער און גיכער אָפּגעקילט, ווי דאָס וואַסער) (זע די געמעלן ז. 16).

די זומעריקע ווינטן טראָגן מיט זיך פײַכטקײַט, אין וועלכער די געוויקסן נייטיקן זיך. זיי זעצן אָבער אָפּ די פײַכטקײַט דאָרט, ווו די בערג לאָזן זיי ווײַטער ניט בלאָזן.

דעריבער איז די פײַכטקײַט פון געגנט, די מאָס אָפּזאַצן אירע געווענדט אין דעם גרעסטן טייל ניט בלויז דערינען, צי זי איז נעענטער אָדער ווײַטער פונעם עקוואַטאָר, זי איז נאָך געווענדט דערינען, וואָס פאַר אן אויסבויג, וואָס פאַר אַ רעליעף די ערד־אויבערפלאַך האָט דאָ, פון וואָס פאַר א זײַט איז זי פאַר־שטעלט מיט בערג און וווהין איז זי אָפן פאַר ווינט און פײַכטקײַט.

פון די צאָפן־לענדער איז אינדיִע אָפּגעטיילט מיט די העכסטע בערג אין דער וועלט, מיט די הימאַלאַיען און מיט די סאָלימאָן־




די מוסאָנען

בערג, ד. ה. אַז די צאָפן־גרענעצן פון אינדיִע לאָזן ווײַטער ניט דורך די אָפּזאַצן, וואָס די זומעריקע פײַכטע יאַם־ווינטן ברענגען צו טראָגן אין זייער שויס. מוזן זיי זיך אינגאַנצן קימאַט אויסגיסן אין אינדיִע.

אינדיִע איז דעריבער דאָס לאַנד פון רײַכע טראָפּישע שלאַקס־רעגנס, וואָס מאַכן ניט זעלטן אָן היפּשע כורבוינעס. זיי שאַפן אָבער יענעם קלימאַט, וואָס גיט די מעגלעכקײַט צו קולטיווירן רײַז, אָט דאָס שטאַרק וואַסערליביק געוויקס.

בײַ אונדז אין פאַרבאַנד איז נאָר איין ווינקעלע פאַראַן אַזאַ, וואָס ווייסט דעם טעם פון ענלעכע שלאַקס־רעגנס, דאָס איז דאָס שוואַרציאַמיקע ברעגלאַנד פון קאַווקאַז.

רײַכער מיט וואַסער פון אַלע איבעריקע געגנטן אין אינדיִע איז דער טייל פון גאַנג און בראַמאַפּוטרע אין צאָפן־מיזרעך אינדיִע און מאַלאַבּארער ברעגלאַנד אין מײַרעוו. דאָ פאַלט אויס רעגנס אום זומער (מײַ—אָקטיאַבּער) 5 און 10 מאָל אַזויפיל ווי בײַ אונדז אין פאַרבּאַנד און אָפטמאָל נאָך מער, 20 מאָל אַזויפיל (אין טשעראַפּונדזשי). דער גרעסטער טייל צענטראַל־און דאָרעם־אינדיִע ליגט, א האַלבּ קילאָמעטער אַנערעך די הייך איבערן יאַם־שפּיגל און טראָגט דעם נאָמען „דעקאַנער פּלאַטאָ״, אָדער פּאָשעט, דעקאַן א באַזאַטענער מאַסיוו, וועלכער איז ערטערווײַז געשפּאָלטן מיט טײַך־טאָלן פון מײַרעוו קיין מיזרעך. דער גאַנצער פּלאַטאָ איז טוואָס אָנגעבויגן קיין מיזרעך,—טראָגט ער דעריבער זײַנע וואַסערן אין בענגאַלישן אײַנגוס אַרײַן. פון צאָפן-זײַט צווישן דעקאַן און די הימאַלאַיען ליגט דאָס צאָפן־נידערלאַנד, איבער וועלכן סע לויפן אין הייפּעכדיקע ריכטונגען די טײַכן גאַנג און אינד. אָט־אָ דאָס נידערלאַנד איז אַמאָל, אין דער לעצטער געאָלאָגישער עפּאָכע, דער דנאָ פון יאַם געוועזן, און בלויז אַדאַנק די באַרג־וואַסערן, וואָס האָבן פון די הימאַלאַיען אַראָפּגעפּלייצט און אַהער אָנגעטראָגן די צעשטערטע־פּראָדוקטן פון די הויכע בערג, האָבן זיך דאָ זאַמד־און ליים־שיכטן געקליבן און אויסגעבילדעט אַ יאַבּאָשע, אַ נידערלאַנד. די טײַכן אינד, גאַנג און בראַמאַפּוטראָ זײַנען די שיראַים פון אָט־אָ יענע יאַבּאָשע-שאַפּנדיקע בערג־שטראָמען, וואָס האָבן אויסגעבילדעט די פּרוכפּערדיקע טאָלן פון בענגאַליִע, פּענדזשאַבּ און באָמבּיי (די פּראָווינץ). פון אָט־אָ דעם דאַרף אויך קלאָר ווערן, אַז צענטראַל־אינדיִע—דער פּלאַכבּאַרגישער דעקאַן דאַרף פיל ווייניקער פײַכטקײַט האָבן איידער דאָס באַבּרעגיקע אינדיִע, מאַכמעס דער דעקאַן איז אויך אַ גאַנץ באַדײַטנדער ווידערשטאַנד פאַר די ווינטן מיט זייערע פײַכט־אויצרעס.

אָט־אָ דער קלימאַטישער אײַנגארט פון אינדיִע איז אויך די סיבּע פון זײַנע אייגנאַרטיקע געוויקסן און באַלעכאַים־וועלט.

ווען די קולטור־געוויקסן איז אונדז שוין אויסגעקומען צו ריידן, מיט דער באַלעכאַים־וועלט פון אינדיִע וועט זיך דער לייע־


רעליעף און וואַסער פון אינדיע
מאַסשטאַב
100 150 0 300 600 קילאָמ.
ג. אינד
קאַראַטשי
הימאַלײַ - בערג
ג. גאַנג
קאַלקוטע
באָמבײ
מאַדראַס
בענגאַלער
אָקעאַן
ראַנגון
ג. איראַוואַדי
הײך אין פוס.
0 — 200.
200 - 600
600 - 1000
1000 - 2000
2000 - 5000
5000 - 10000
10000 - 20000
איבער 20 000

נער באַקאַנען פון די וויַיטערדיקע קאַפּיטלען פונעם ביכל. אין אַלגעמיינעם איז גענוג אויב איר וועט געדענקען, אַז די געוויקסן־וועלט גייט בעהעסקעם מיטן רעליעף (דעקאַן, ברעגלענדער, ני־דערלאַנד) און קלימאַט. דעקאַנער פּלאַטאָ איז באַדעקט מיט ס אַ־וו אַ נ ע ן. דאָס זייַנען אַ מינע פּראַכטפולע רייַכע טראָפּישע הויכ־גראַזיקע סטעפּן, סטעפּן מיט שיטערע ביימער, וואָס וואַרפן אַראָפּ זייער געבלעטער. די אַרומיקע ברעגלענדער אָבער, ווי אויך דאָס צאָפנדיקע נידערלאַנד און בענגאַליע און די בערג־טעראַסן פון די הימאַלאַיען זייַנען באַדעקט מיט טיפּיש־טראָפּישן וואַלד, מיט וועלכן דער לייענער וועט זיך ניט איינמאָל באַגעגענען אין די וויַי־טערדיקע באַשרייַבונגען.

די בערג־טעראַסן פון די הימאַלאַיען מיט זייער פּראַכטפולער נאַטור און ווייכערן קלימאַט דינען פאַר איינגלענדער אַלס אַ מין אינדישע שווייצאַריע, וווּ מע פאַרברענגט דעם זומער. ווייניק וואַקלט זיך די טעמפּעראַטור אין דאָרעם־אינדיע: אום ווינטער איז זי גאַנץ הויך און אום זומער לאָזט זי דער יאַם זיך ניט שטאַרק אופהייבן. פאַרקערט, אין צאָפן און צאָפן־מיַירעוו, אין פּענ־דזשאַב און סונד איז דער קאָנטראַסט אַ גרויסער, סייַ צווישן זומער און ווינטער, סייַ צווישן טאָג און נאַכט. אָט דאָ אין צאָפן־מיַירעוו ליגט אויך דער אינדישער מידבער טאַר, ווו די טעמפּעראַטור־קאָנטראַסטן זייַנען די גרעסטע.

## 6. עטוואָס געשיכטע.

אַן אָנצייענד אָרט זייַנען פאַרן אוראַלטן מענטשן געווען די טאָלן פון די צאָפן־אינדישע טייַכן, פון גאַנג און אינד. אָנציי־ענד מיטן קלימאַט, מיט דער רייַכער נאַטור, וואָס דערלאַנגט אַ שעפע לעבנסמיטלען באַ געוויסע אָנשטרענגונגען, ווי רעגולירן די וואַסער־צעגיסן א. אז. וו. אָנצייענד איז אינדיע געווען אויך מיט באַ־וואָרנטקייַט פון סוינישע אָנפאַלן. הויכע בערג פון צאָפן, יאַם פון דאָרעם, זעלטן ווו אף דער ערד איז פאַראַן אזא מין אויסטערליש

גינסטיקער קאָמפּלעקס פון נ א ט ו ר ־ ב א ו ו אָ ר ע נ י ש ן און באַ־
קוועמע אייגנשאַפטן פון קלימאַט און באָדן, ווי אינעם דאָזיקן ווינקעלע, און דאָסדאָזיקע „באַוואָרנטקייט“ איז דאָך דער הויפּט־טנאַי פאַר דער גינסטיקער אַנטוויקלונג אין דער „קינדערשער“ שטופע פון יעדער ציוויליזאַציִע.

אין יענעם אוראַלטן פּעריאָד פון דער געשיכטע, ווען אָפּגע־ריסנקייט פון דער וועלט און דאָס אָפּוועזנהייט פון פאַרקער מיט דער ברייטער וועלט איז געווען א מַיילע,—אין יענער צייט איז ד ע ר מ י ד ב ע ר ג ע ו ו ע ן א ג י נ ס ט י ק ע ר פ א ק ט אָ ר.




די פיר טייך־טאָלן—די „וויגעלעך פון דער ציוויליזאַציִע“.
1) נילוס, 2) טיגר און אייפראַט, 3) אינד און גאַנג, 4) כואַנכע.

דערבײַ דאַרף מען נאָך נעמען אין אכט די ווערט פון די גרויסע טײַכן אין אינדיִע, וואָס שאַפן די מעגלעכקייט פון סאָציִ־אַלער און פּאָליטישער פאַרבינדונג. דער טײַך האָט־געגעבן די אײַנוווינער פון בײדע ברעגן די מעגלעכקייט פון לײַכטע באַ־ציִונגען און פאַרקער לענגויס דעם גאַנצן וועג זײַנעם און פון אַלע זײַנע בײַטײַכן, ד. ה. אַפן גאַנצן שעטעך פונעם טײַך־באַסיין.

אינדיִע איז דעריבער דאָס לאַנד פון איינערפון די אוראַלטסטע קולטורן. די אינדוסן, וואָס האָבן דאָ געבילדעט די ערשטע הויכע ציוויליזאַציִע, זיַינען ניט די ערשטע איַינוווי־נער פון אינדיִע. די־אור־איַינוווינער פון אינדיִע זיַינען די שוואַרצ־הויטיקע קאָלאַרישע שוואָטים, וואָס זייערע רעשטן זיַינען נאָך פאַרבליבן אין די בערג פון בענגאַליִע און צאָפן־מיַירעוו. שפּעטער זיַינען אַהער אַראָפּגעקומען די דאָרעמדיקע דראווידישע פעלקער־שאַפטן, ווי די טאמילן אָדער מאלאבארן. און ערשט דערנאָך, מיט אַ 4 טויזנט יאָר צוריק — די וויַיסהויטיקע אינדוסן. אַ נאָמאַדן־שייוועט פון פיך־כאָווער האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פון פּאַמירער באַרגלאַנד און זיך באַזעצט טכילעס אין פּענדזשאַב, דערנאָך באַ־צווונגען און באַזעצט צאָפן־אינדיִע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ זיַינען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון דוירעס בלוט־מיש־פּראָצעסן (גע־מישטע כאַסענעס), וואָס האָבן געווירקט סיַי אָפן טיפּ פון אינ־דוסן גופּע און אויך געשאַפן אַ גאַנצע ריי געמישטע שוואָטים און פעלקערשאַפטן.

אין XII י״ה דרינגען אַהערצו אַריַין די מוסולמעניש־מאָנגאָ־לישע שוואָטים, וואָס שאַפן אין XVI י״ה אין צאָפן־אינדיִע אַ שטאַרקע און קולטורעלע מעלוכע. זי ווערט אָבער גיך באָטל: די ניַיע אייראָפּעיִשע קולטור פון די ווייניקער וואַרעמע לענדער, ווו די באַפעלקערונג איז אַרבעטספעיִקער, הייבט אָן אַריַינדרינגען און באַצווינגען אינדיִע.

אינדיִע מיט אירע טראָפּישע געווירץ־געוויקסן און דעריקער פורפער איז פון שטענדיק אָן געווען אַ צוציִענדיקער פונקט פאַר אַסאַך הענדלער פון פיל לענדער. זיי האָבן דעריבער שטענדיק געמאַכט דעם קירצסטן וועג קיין אינדיִע.

נאָך די פּאָרטוגאַלער פון טכילעס 17־טן י״ה האָבן זיך אַהער אַ לאָז געטון די האָלענדער, פראַנצויזן און ענגלענדער, טכילעס אַלס סאָכרים און נאָכדעם אַלס באַצווינגער. אין 1857 איז געווען אַן אופשטאַנד קעגן די ענגלענדער, דער סיפּאיער־אופשטאַנד, דערויף האָבן זיי געענטפערט דערמיט, וואָס מע האָט אָפיציִעל פאַרעכנט

אינדיִע פאַר אַן ענגלישער טעריטאָריִע. די קייסערינע פון בריטאַ־ניִע איז געוואָרן אימפּעראַטאָרן פון ענגלאַנד, און אינדיִע האָט באַקומען אַן ענגלישן שייני־לעמעלעך, וועלכן זי האָט אַדאַיעם.

## 7. איצטיקע אינדיִע.

אינדיִע איז צעטיילט אַף 15 פּראָווינצן, 8 פון זיי (מאַדראַס, באָמביי, בענגאַל, פאַרייניקטע פּראָווינצן פּענדזשאַב, ביהאַר און אָריס, בירמאַ און אַסמי) האָבן אַן ענגלישן גובערנאַטאָר און אַ גע־זעצגעבערישן ראַט מיט צוויי מיניסטאָרן. די איבעריקע פּראָווינצן ווערן דירעקט אָנגעפירט דורך אַגענטן פונעם וויצע־קעניג.

דער וויצע־קעניג, וועלכער ווערט באַשטימט אַף 5 יאָר, רע־גירט מיט דער הילף פון

1) אויספיר־ראַט פון 8 מיטגלידער,

2) מעלוכע־ראַט פון 59 מיטגלידער, וואָס 33 פון זיי ווערן אויסגעוויילט,

3) אַ געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג פון 144 דעפּוטאַטן, וואָס 104 פון זיי זײַנען געוויילט.

וואַלרעכט פאַרמאָגן אין אינדיִע 7 מיליאָן.

דאָס הייסט 2 פּראָצענט באַפעלקערונג.

דער וויצע־קעניג האָט דאָס רעכט פון „וועטאָ", ד. ה. ער קאָן אָפּוואַרפן געזעצן, וואָס אַפילע ביידע פּאַלאַטעס, סײַ דער מע־לוכע־ראַט, סײַ די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג. האָט זיי אָנגע־נומען. ער קאָן זיי אויך צעלאָזן, ווען ער וויל, און דורכפירן יענע מאָסמיטלען, וואָס געפעלן אים.

ווען איר נעמט אַ געוויינלעכע געאָגראַפישע מאַפּע, פון אַ שול־אַטלאַס, צום בײַשפּיל, איז דאָרט גאַנץ אינדיִע פאַרשמירט מיט רויטער פאַרב און אופגעשריבן איז דערוף „בריטאַניש ענג־לאַנד". נעמט איר אָבער אַ גרויסע מאַפּע, זעט איר שוין פאַר זיך גאָר אַן אַנדער בילד. אינדיִע פינקלט דאָ מיט אַלע פאַרבן פון־דעגנבויגן. איר האָט דאָ מעלוכעס און מעלוכעלעך, קעניגרײַכן,



לאָרד קערזאָן
אלס ענגלישער וויצע-קעניג אין אינדיע.

פירסטנטימער, הערצאָגטימער אוכעדוימע, פאָרמעל אומאָפּהענגיקע פון ענגלאַנד. מער ניט דער כילעק איז, וואָס־דאָ הייסן זיי מיט אַנדערע נעמען אָט די אַלע פירסטן און קעניגלעך: זיי הייסן „ראַדזשאַ" אָדער „מאהאראַדזשאַ", „ניזאם", אָדער „מאָ־



אינדישע מאהאראדזשאס.

הויל", סולטאַן אָדער „נאבאָב", „מודעליאַר", „אדיהאר „העקוואַר" אָדער „ראטע מאכאטמיי" א. אז. וו. טיטלען פאַרמאָגן זיי אויך קינאַ־נאָרע ניט ווייניקער און ניט קיין קלענערע פון אונדזערע אייראָפּעי־שע פרינצן און באַראָנען. זיי ווײַנען אָבער אַסאַך רײַכער פון די לעצטע. די אייראָפּעישע באַראָנען האָבן אָפּטמאָל א כוצן טיטל קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט באַ דער נעשאָמע. די אינדישע

פירסטן אָבער האָבן זייער „פאַרמעגנס" גאַנצע טעריטאָריעס. דער ניזאַם, אַשטייגער, פון היידעבאַראַד קאָן באַשטאַטן „באַ זיך אין לאַנד" גאַנץ דײַטשלאַנד. עמעס, זיי זײַנען ניט קיין פרײַע באַלע־באַטים באַ זיך אין לאַנד. איבער זיי הענגט די האַנט פונעם ענג־לישן דיקטאַטאָר אין דער פערזאָן פונעם אינדישן וויצע־קעניג וואָס וווינט אַ גאַנץ יאָר אין דעלי און אום זומער אין סימלע. אַזעלכע מעלוכעלעך איז פאַראַן באַ אַ 700! אַזוי צעריסן און צעשפּליטערט איז דאָס לאַנד. דאָס קומט אָבער בלויז צונוץ ענג־לאַנד. לײַכטער איז האָבן קעגן זיך 700 מיקראָסקאָפּישע מעלו־כעלעך איידער איין גאַנצע אינדישע נאַציע.

די פאַרבינדונג אין לאַנד ווערט באַדינט דעריקערשט דורך דער אײַזנבאַן־נעץ, וואָס איז פיר מאָל געדיכטער פון אונדזער פאַרבאַנדישער: 12 קילאָמעטער אײַזנבאַן־רעלסן אַף 1000 קוו. קילאָמעטער שעטעך, און באַ אונדז בלויז 3—4. דאָך איז זי אין פאַרגלײַך מיט דער גרייס פון לאַנד אַ נישטיקע. די אײַזנבאַן־נעץ פון יאַפּאַן, צום בײַשפּיל, איז דרײַ מאָל געדיכטער. 90% פונעם האַנדל־טראַנספּאָרט פאַלט אַף די יאַם־וועגן, אין צאָפן־אינדיע דינען נאָך דערצו די גרויסע טײַכן אינד, גאַנג, בראַמאַפּוטראַ און די קאַנאַלן, וואָס פאַרבינדן זיי.

## 8. אייניקע ציפערן.

א) אינדיע פאַרנעמט אַ שעטעך פון 5 מיליאָן קוו. קילאָמע־טער, ד. ה. צען מאָל מער פון דײַטשלאַנד, פיר מאָל קלענער פון ראַטנפאַרבאַנד, און אנדערהאַלבן מאָל גרעסער פון אייראָפּע־ישן טייל פאַרבאַנד.

ב) אין אינדיע איז 320 מיליאָן מענטשן, דריטהאַלבן מאָל מער, ווי באַ אונדז אין פאַרבאַנד.

ג) אַצינד מאַכט אַליין דעם כעשבן: אינדיע איז פיר מאָל קלענער פונעם פאַרבאַנד און האָט מענטשן דריטהאַלבן מאָל מער.

קלאָר, אַז אינדיִע איז 10 מאָל געדיכטער באַזעצט פון אונ־זער לאַנד.

אונדזער באַפעלקער־געדיכטקייט איז 7—6 און אין אינדיִע — 70—60.

אין אַזיִע איז נאָך כינע אינדיִע דאָס באַפעלקערטסטע לאַנד.



געדיכטקייט פון באַפעלקערונג אין אַזיִע.
ווו איז זי געדיכטער פון אלץ.

די געדיכטקייט איז, פאַרשטייט זיך, ניט אומעטום קיין אַל־ציינע, נאָר פּראָפּאָרציאָנעל דער רייכקייט מיט נאַטירלעכע אויצרעס פון לעבנסמיטלען. דעריבער איז אין בענגאַליִע די געדיכטקייט ניט קלענער, ווי אין בעלגיִע. צווישן צוויי און דריי הונ־דערט.

איוורע קאָן נאָר 7% פון דער באַפעלקערונג.

# 9. דער אריַינפאָר קיין צייל‌אָן.

דער יאַם איז בליַי־גרוי: דער הימל אָבער, דער הימל!.. כאָטש סע איז נאָך פריִער טאָג, האָט זיך דער הימל שוין צע־פינקלט און מיט אָן אַ שיר פארבן אָפּגעשלאָגן. דאָס צאַרטע אָפּאַלן־פּאַסיקל, וואָס טיילט אָפּ הימל פון ערד, באַהאַלט זיך ער־טערוויַיז הינטערן האָריזאָנט, ערטערוויַיז אָבער שוין אַרויסגע־שווומען העכער פון אים.

אַציַנד איז די ציַיט פון מוסאָנען, איז דער יאַם אין שטאַר־קער באַוועגונג.

און ווי אַ טונקל פּאַסיקל אין שימער פון אָפּאל, ווי אַ מי־ראַזש—די האוון־שטאָט קאָלאָמבאָ.

פונדערוויַיטנס קאָן מען שוין דערקענען די וויַיסע לענגעכיקע ליגיִעס פון שיַינטורעם, דעם טונקעלן פלעק פונעם פּאַלמען־וועלדל און אויך דעם גראָבווינקלדיקן ברוינעם קאַסטן—מיסטאָמע געל־פייס־האָטעל. מע זעט אַ געדיכטן רויך—דאָרט איז, וויַיזט אויס, דער האוון. און אַ וויַיסער קאסטן סטארטשעט אין דער הייך. דאָס איז דער וואָלקנקראצער.

געפעלט איַיך, אז אין אָט־אָ דעם צאַרט אָפּאלישן צויבער זאָל אויסוואַקסן אַ וואָלקנקראצער? עפּעס איז ער צו רעאַל. ער קערט איַיך אום און דערמאָנט איַיך אין דערווירקלעכקיַיט, אין וועלכער איר פאַרגעסט, פאָרנדיק לאַנגע טעג איבער די וואסערן פון יאַם. באַזונדערס, פון זינט איַיער שיף האָט אינעם רויטן יאַם געשפּאָלטן דעם קרעפּס־טראָפּיק.

אין אָט־אָ דעם פונקט ערדקיַילעך קומט מיט איטלעכן איירא־פּייער פאָר איינס און דאָסזעלבע: די זון דערלאַנגט דאָ א קלאַפּ דעם איירא־פּייער איבערן שאַרבן, אז ער פאַרלירט שיִר ניִשט דעם באַוווסטזיַין. דער קערפּער דערפילט אזא היץ, וועלכע ער האָט אַף זיַין לעבן ניט איבערגעטראָגן. דאָס וואָס סע רינט פון די הויט־לעכלעך, קאָן מען שוין ניט אָנרופן שווייס, נאָר גיכער עפּעס אַ מין אייל, אזוי געדיכט און קלעפּיק איז עס. סע דאַכט זיך דיר,

אַז דער גאַנצער מאַרך איז אין פֿוכירן אופגעלאָפן. די געדאַנקען צעלויפן זיך און גלײַך, ווי זיי שפּילן אין טשייכן.

נאָכן קאַפּ גוואַרדאַפּוי ווערט שוין אָבער גרינגער. איר זעט שוין, אַז די רײַזע האַלט באַם סאָף. דער שטאָלצער שײַנער וואָלקנקראַצער פֿון קאָלאָמבאָ, די גרעסטע שטאָט פֿון אינזל ציילאָן, גיסט אַרײַן אַ ניכטערניש אין אײַער צעקראָכענעם מאַרך און איר קערט זיך אום צו דערווירקלעכקײַט.

ס'איז קיין האַלבע שאָ ניטאָ זינט דער לאָצמאַן איז אַרויף אַפֿן באָרטן, קעדיי דורכצופירן די שיף צום ברעג־צו דורך די באַבּרעגיקע פעלזן און ריפן, ווי די מאַטראָסן וואַרפן שוין דעם אַנקער אַרויס און די שיף זיצט שוין זיכער אין קאָלאָמבער שטילן האַוון.

אַ קינסטלעכער האַוון! און דאָך איינער פֿון די בעסטע אין דער וועלט, אָנגעשפּונקעוועט מיט שיפֿן פֿון קאָלערליי פֿעלקער. נעענטער צום ברעג ענגען זיך די זעגלשיפֿלעך פֿון די בּרוינהויטיקע אָפּגעריסענע יאַמלײַט פֿון די מאַלעדיווער און לאַקעדיווער אינזלען. לענגויס די כוואַליעס־שנײַדערס, ווו דער אָסאַן הייבט אויף קאַמען יאַם־שוים, ווי אַ הויז די הייך, שטייען שורעסווײַז די האַנדלס־שיפֿן פֿון פֿאַרשיידענע מעלוכעס.

די האָטעל־שיפֿלעך טוליען זיך צו די לײַבער פֿון די גרויסע שיפֿן און וואַרטן ביז דער האַוון־דאָקטער וועט ענדיקן באַטראַכטן די שיפֿן. דעמאָלט לאָזט זיך ערשט אַראָפּ דאָס געלע פֿענדל פֿונעם מאַסטבוים, און האָטעל־אַגענטן טוען זיך אַ לאָז אַרויף אַפֿן טראַפּ, אויסשרײַענדיק אַף אַ קאָל די מײַלעס פֿון זייערע האָטעלן, וואָס זײַנען „אייראָפּעיִש שעבאייראָפּעיִש", אויב מע מעג זיי גלויבן.

בלויז צוויי אַגענטן שטייען מיט ווירדע פֿון דער זײַט און דערלאַנגען זייערע קאַרטלעך נאָר געציילטע פּאַסאַזשירן, וואָס געפֿינען „לײַטזעליקײַט" אין זייערע אויגן.

— „ד ז ש י־אָ־א יי ט ש" זאָגט קורץ איינער פֿון זיי (דאָס זײַנען די ענגלישע ראָשעטייוועס : G.O.H. פֿון די ווערטער „גראַנד־אָריִענט־האָטעל").

דער צווייטער איז אויך ניט שטאַרק מאריך:

— געל־פּיס,—רופט ער אַרויס.

און דער געקליבענער אוילעם, וואָס דער גרעסטער טייל זייַנער איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל דאָ אין ציילאָן, ווייסט, אז דאָס איז דער הויכער פּראכטפולער האָטעל, וואָס שטייט באַם אַרייַנ־פאָרן אין די „קינאמאָן־גערטנער" (ווו סע וואַקסט ציילאָנער צימ־רינג). די טרעגערס העלפן ארויסטראָגן דעם באַגאַזש, וועלכן דער צאָל־באַאַמטער באטראכט אף גיך. זיי לאָדן אים גלייַך אָן אף א וועגעלע, אין וועלכן ס'איז אייַנגעשפּאנט א קלייניניקער קרעפּטיקער זעבו.

דער פּאַסאזשיר גופא פּארלירט זיך אָפּט, ניט ווי סנדיק מיט וואָס זאָל ער זיך לאָזן פאָרן: מיטן אַוטאָמאָביל צי מיטן באַלע־גאָלע, וואָס טרייַבט אין שפּאַן א פּאָר מויל-אייזלען אייַנגעשפּאַנט אין אן אויסגעמאָלט פורל, צי גאָר ארייַנזעצן זיך אין דעם פּאָר־רעדערדיקן לייַכטן פּאַעסאָנדל, וואָס א טונקלהויטיקער קולי, דער ריקשא, שלעפּט נאָך זיך לויפנדיקערהייט.

האַקלאַל, איר זיצט אף דעם פורל, דעם קאָפּ און רוקן ארויסגעוואָרפן אף צוהינטן און כאַפּט א קוק פון די זייַטן. פון די זייַטן און ניט פונפאָרנט: דאָרט פּארשטעלט אייַך דעם ריקשעס פּלייצע.

## 10. דער פּעטאך.

געשווינד טראָגט ער אייַך דורך די גאסן פון די אייראָפּעיִשע הייַזער און קלייטן. אָט האָט ער זיך אויסגעדרייט און פירט אייַך אַרייַן אין דער שוואַרצער שטאָט, אָדער, ווי מע רופט זי דאָ—קיין „פּעטאך" אריַין. דאָס איז דער קוואַרטאל פון די קאָ־לירטע היגע, פון די דאָרטלייַט. דער רישקא געפינט פלינק זייַן וועג צווישן די קלייטלעך און הייַזקעס און צווישן די טאמילער־סינגאלעזער, מאלאיער, מוירען און קאפרען, וואָס גייען איבער דעם וועג.

דאָס גאנצע לעבן פון דער באפעל־קערונג קומט דאָ פאָר, ווי ביכלאל אונטער די טראָפּיקעס, אויסער די וווּנדער־וועגט־וועגנט, בא אלעמען פאר די אויגן. די אייביקע טראָפּישע היץ, וואָס צווינגט דעם דאָרטיקן מענטשן אראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער און זיך באנוגענען מיטן מינימום, צווינגט זיי אויך באנוגענען זיך מיטן איינפאכסטן טיפּ וווינונגען אָן טירן און פענצטער. די פעדערשטע וואנט איז אָפן און ווערט אף באַנאכט און אין א געוויטער פארהאַנגען מיט א ראָגאָזשע אָדער א שילד. א גאנצן טאָג אָבער איז דאָס גאנצע שטוב־לעבן ארויסגעשטעלט, ־ווי אף דער גאס! די הייַזקעס זייַנען ארומגערינגלט מיט קליינע גערטנדלעך, פונוואַנען די איַינווינער באקומען די נייטיקסטע שפּיַיז־פּראָדוקטן.

דאָס ערשטע אָרט פארנעמט צווישן אָט די שפּיַיז־געוויקסן די קאָקאָס־פּאַלמע. זי פארנעמט דאָס ערשטע און אָפטמאָל אויך דאָס איינציקע אָרט אינעם סינגאַלעזערס ווירטשאפט און זי לייגט איר שטעמפּל אפן לאנדשאפט סיַי אין דאָרף, סיַי אין שטאָט. געוויינלעך איז זי א 20 מעטער די הייך, האָט א וויַיסן שלאנקן שטאם און א גרויסע קרוין פעדערדיקע בלעטער. צייַלאָן פארמאָגט א 40 מיליאָן פאלמען אזעלכע, און איטלעכער בוים ברענגט 80—100 ניס מיט 8—10 קוואָרט אייל.



קלעטערט נאָך קאָקאָס־ניס.

אין צאָפן און טיילווײַז אין מיזרעך־ציילאָן וואקסט ניט די קאָקאָס־פּאַלמע. דאָ פאַרבײַט זי אָבער די פּאַלמירער פאלמע, מיט איר דיקן שוואַרצן שטאם אונעם בינטל פּאָכערפאָרמיקע בלעטער באם סאמע שפּיץ.



לינקס א גאנצער, רעכטס אן אופגעשניטענער קאָקאָס-נוס.

אבוך די פאלמען טרעפט איר נאָך אין די סינגאלעזער גערט־נער ברויט־און מאנגאָ־ביימער, באַנאַנען. דאָס גערטנער־גרינוואַרג טיילט זיך זייער אײַנגענעם אויס אפן רויטלעכן פאָן פון באָדן וואָס איז אָנגעזעטיקט מיט אײַזן־אָקסיד. דערמיט האַרמאָנירט דער ברוינער הויט־קאָליר פון די סינגאַלעזער און די טונקל־גרוי ברוינע פאַרב פון די טאמילן—די אָרטיקע ציילאָנער הויפּט־באַפעלקערונג. (75% סינגאַלעזער, 17% טאמילן, 7% מוירען, 0,1% אייראָפּייער),

דער ריקשע פירט אײַך ווײַטער פארבײַ קאָלאָמבער אָזערע, וואָס אין דער מיט אירער הויכט זיך דאָס „קנעכט־אינזל". אף יע־נעם אינזל האָבן אין 18־טן י"ה די האָלענדער געהאלטן פארשמאכט זייערע קנעכט.

דאָס איז אָבער אמאָל געווען. אצינד... אצינד פלאטערט די בריטאנישע פאָן איבערן געל־פּייס־האָטעל, ווו מע נעמט אוף מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס די... סמעטענע פון דער אייראָפּעיִשער אימפּעריאַליסטישער בורזשואזיע.



א באמבוקן-וועלדל אין ציילאָן.

# 11. אין געל־פּייס־האָטעל.

„געל־פּייס־האָטעל" איז דאָס אָרט, וווּ די ווײַסע ראַסע, פאַרב־דיק פון פאַרשיידענע עקן וועלט, באַגעגנט זיך אין אַזיִע. אַהערצו קומען פון דאָרעם־מיזרעך די אַוסטראַליער. פֿון מיזרעך, ד. ה. פון אינדאָ־כינע, כינע און יאפּאַניִע קומט אהערצו דער אייראָפּעיִשער סויכער. אַן אַמעריקאַנער פון פילאַדעלפיִע, א האָלענדער פון די זאַנד־אינזלען, א דײַטש פון נײַ־גווינייע, א דאָרעם־אַפריקאַנער קומט צו פאָרן פון דאָרעם־מײַרעוו, א „אינדישער ענגלענדער" פון צאָפן,— און פון צאָפן־מײַרעוו אייראָפּייער פון אַלע לענדער,

דאָ טרעפט זיך א דיפּלאָמאַט מיט א נעגאָציִאַנט, א פאַרמאָ־גער פון גומי־און טיי־פּלאַנטאציִעס מיט א יאם־אָפיצער, א רײַזנ־דער—א פאָרשער מיט שאָפּהענדלער. נאָר דערצו קומען נאָך צו די אינדוסישע מהאראדזשעס, נאבאָבן אָדער ניזאמען, די יאַפּאָני־שע, כינעזישע אָדער סיאַמישע פּרינצן, די מאַלאַיִשע סולטאַנען און מוירען—גאָלדשמידס.

און אומעטום, איבער אלע קאָרידאָרן, נאָמערן און אופנאַם־צימערן לויפן אום אָנעם מינדסטן ראַש באָרוועסע „האָטעל-באָיען" (יִינגלעך), אין ווײַסע רעקלעך און ווײַסע סאַראָנגען, וואָס נעמען ארום די פּיס, ווי א ווײַבערש קליידל, מיט האָר פאַרנומען פונונטן אין א קובלעק מיט אן ארײַנגעשטעקטן שילדקרעטענעם קעמל.

שיקאָזנע דאמען אין עלעגאַנטע טואַלעטן טרינקען טיי אָדער שפּאַצירן ארום איבער די ווערא‌נדעס און האַנדלען אײַן מיזראָכישע מעציִעס: זײַד, גאָלד־און זילבער־שטאָף בא די הענדלער פון מאַדורע אָדער לעוואָנע־שטיינער, רובינען און סאַפּירן בא די מוסול־מענער סאָכרים מיט די געגאָלטע קעפּ.

אין זאַל שפּילט מוזיק. פּאָרלעך דרייען זיך, און פונפאָרנט שפּילן מאַנסבלען, אין פרעק געקליידעט, אין ביליאַרד, פּאָקער אָדער ברידזש.

באזונדערס בוילעט טיילן זיך אויס אין אָט דער סוויווע די איינראָפּייער פון די קאָלאָניעס, איבערהויפּט, די ענגלענדער. דאָס זײַנען איידעלע, דאַרע און בלייכע מענטשן מיט א זשעדנעם קוק פון די בלויע אויגן זייערע. ס׳דאַכט זיך, אז זייער גאנצער איך איז דורכגעווייקט מיט יאַם. די באוועגונגען זייערע זײַנען אײַנגעהאלטן. שאָענווײַז קאָנען זיי זיצן שווײַגנדיקערהייט אין א געזעלשאפט און ניט מיד ווערן שווײַגן. אף זיי ליגט דער שטעמפּל פון מאלאריע, אָפּיום און די ווענערישע קראנקײַטן פונעם מיזרעך.

דער מיזרעך, דער אויסגעלאסענער זיצט שוין בא זיי אין בלוט. זיי זײַנען פּיאָנערן, אוואַנטוריסטן און זוכער פון שטארקע צערייצונגען.

פאראן אויך פּרויען פון אָט דעם מין, אָט צווישן די, וואָס טאַנצן הײַנט אין האָטעל. די גרויסע שיף־וועגטיליאַטאָרס הענגען נידעריק איבער די קעפּ פון די, וואָס טאַנצן, איז קימאט, וואָס זיי רירן זיך־צו צו זייערע קורץ געשוירענע האָר. פונעם קאַלטן טרערקענעם קוק זייערן, פון די דינע פיס, וואָס שטויסן אָפּ די קני פון די טענצערס, פון די אויסגעלאסענע באוועגונגען פון די האַלבנאַקעטע, קימאט יינגלשע לײַבער זייערע, אָטעמט מיט עפּעס אזוינס, וואָס זיי האָבן שוין אָט דאָ אין מיזרעך גענאַשט מיט א מין קונציק אופגעשרויפטן ליידנשאפט, וואָס איז פארשארפט פון באשטענדיקער שפּיל מיט געפאר און טויט, אָט־אָ דאָ אין די לענדער פון פארשקלאפטן מיזרעך.

זיי האלטן זיך, אָטאָ די טיפּן, פאַר פאָרשטייער פון די „העכערע ראסן״.

ס׳איז אָבער דורכויס פאַלש. אין דער ווירקלעכקײַט זײַנען זיי אליין קנעכט, קנעכט פון דעם אינדישן קולט פון גאָט שיווא און פון די טויזנטער דעמאָנען,—די דעמאָנען פון זייער אייגענעם, ניט־זאט־ווערנדיקן בלוט.

נאָר לאָמיר לאָזן צורו אָט־אָ די „העכערע ראסע״ און זיך בעסער אומקוקן אף דער ארומיקער נאַטור־פּראכט, וואָס איז ניט געמינערט געוואָרן איבער די פאַלשע באַציִונגען, וואָס צווישן איין מענטשן און צווייטן.

ס'איז 5—6 אזייגער. דער זון־קײַלעך האָט זיך נאָך ניט באהאלטן אינגאנצן. פילט איר א שנײַדנדיקן ווייטיק פונעם פײַערדיקן אָפּגלאנץ אפן טונקלרויטן גאסן־סאמעט. איר זעגט אינגאנצן אויפגעטרייסלט פון אָט דעם פראכט פון פארגאנג, וואָס צעפּליקט דעם הימל אף אָראַנזשענע, בלאָווע, פורפורנע און זילבערנע שטיקער.

דער אינדישער אָקעאַן, פון מוסאָן געהויבן, ווארפט אף דער דאמבע אומגעהייער גרויסע ברויזנדיקע כוואַליעס.

לענגויס דער טונקל־רויטער גאס ציִען זיך די גרינבלעכע פלעקן פון גראָז־גאזאָנען. נאָר אָט־אָ דער פרעכער צוגעשוירענער כמורנער גאזאָן, וואָס האָט דעם אויסזען פון א קופּער־שלאנג, אָט דער גאַזאָן שווימבלט אצינד מיט מענגעס מיזרעך־מענטשן, מענטשן ביזן גאַרטל אנטבלויזטע, מיט קאָלירטע געוועבן אף דיך און פיס.

## 12. די וואלד־מענטשן.

ציילאָן שטעלט מיט זיך פאָר א שיין בילד, ווו אף שריט און טריט ווארפן זיך אין די אויגן ראסן פון אלע פארבן: אי די ווײַסע, אי די געלע, אי די שווארצע און אלע איבעריקע צווישנדיקע קאָלירן. די הויפּט־באפעלקערונג זײַנען דאָ די סינגאלעזער און טאמילן. פאראן אויך א גרויסע צאָל מוירען. ווײַטער האָט איר דאָ מאלאיער, קאפרען, הײַנט די „אייראזיער", ד. ה. די קינדער פון געמיש־כאסענעס צווישן די אייראָפּייער און אזיאטן. אכוצדעם זײַנען די אייראָפּייער גופע פאָרגעשטעלט מיט געווים מער, ווי א האלב טוץ פעלקער.

אינטערעסאנטער פון זיי אלע אָבער זײַנען אָן א שום סאָפעק די אורזאלטע אײַנוווינער פון ציילאָן, די היגע „אויטאָכאָנטן", אזוי צוזאָגן—דאָס זײַנען די אדאיעם ווילדע ו ע ד ן.

ווען די סינגאלעזער זײַנען אראָפּגעקומען פון צאָפן־אינדיִע צום ערשטן מאָל קײַן ציילאָן, וואָס האָט דאן געטראָגן דעם נאָמען ל א נ ק א, האָבן זיי דאָ געטראָפן א באפעלקערונג, וועלכע זיי האָבן א נאָמען געגעבן י א ק כ א. דאָס איז אָט־אָ יענע שוואָ־

טים, וואָס ווערן אצינד אָנגערופן ווערן. דאָס וואָרט וועדן איז די טײַטש יעגער. אזוי ארום ווייסט איר שוין פון אָט דעם נאָמען ניט בלויז דעם נאָמען גופא פון אָט־אָ די שוואַטים, נאָר אויך זייער הויפּט־פּארנאָסע און קולטור־שטופע.

טכילעס, פארשטייט זיך, זיינען צווישן די אראָפּגעקומענע און די אלטגעזעסענע געווים פאָרגעקומען צוזאמענשטויסן און מיל־



די וועדן.

כאָמעס, נאָר אינגיכן האָבן זיי זיך אויסגעגלײַכט און פארפירט א פרידלעך שטיל צוזאמענלעבן. אלנפאלס, ווען צייַלאָן ווערט באַ־פאלן פון דעם דאָרעם־אינדישן טאמילן־שייוועס, גייען שוין די סינגאלעזער און וועדן אין שלאכט קעגן די טאמילן; האנט בא

האנט. און אזוי אויך אף ווײַטער, אין אלע שפּעטערדיקע אָנפאלן פון קאָלערלײ פעלקער, וואָס האָבן זיך געוואָלט א קוויק טון מיט צײלאָנס רײַכע נאַטור־אויצרעס, טרעפן מיר די סינגאַלעזער מיט די וועדן אין איין פעסטן מילכאָמע־פארבאנד. אזוי ראנגלען זיי זיך פריִער קעגן די פאָרטוגעזער און דערנאָך קעגן די ענגלענדער.

עמעס, גלײַך נאָך די מילכאָמעס דערווײַטערן זיך די וועדן צוריק אין די וואלד־געדיכטקײַטן. ס'אפילע א סוואָרע, אז ביכלאל באַטייליקן זיך די וועדן אין די מילכאָמעס אונטערן דרוק פון די סינגאַלעזער, וואָס פאָדערן בא זיי, צווינגען בא זיי אויס מיט געוואלד די הילף. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די וועדן גופע פילן ניט אומיטלבאר דעם אָנגריף פון סוינע און באצווינגער, מאכמעס זיי זײַנען טיף און ווײַט באהאלטן אין די וועלדער און האָבן א קנאפּע שײַכעס מיט די קאָלאָניזירטע ראיאָנען.

און טאקע דערינען באשטייט דער אויסערגעווײנלעכער אינטערעס פון דעם וועדן־שיווּעס. ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי זײַנען ארומגערינגלט מיט לעפּיִערעך הויכציוויליזירטע פעלקער און האגאם זיי געפינען זיך מיט זיי אין באשטענדיקע באציִונגען פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אף קײַן האָר פאָרויס ניט א רוק געטון און פארבלײַבן הײַנט אקוראט דיזעלביקע פּראָיִם, די זעלביקע וואלד־מענטשן, וואָס מיט פיל דורעס צוריק. זייער שפּײַז איז פלייש, וואָס דער פּײַלנבויגן פארשאפט זיי, און האָניק פון ווילדע בינען. פון פײַער ווייסן זיי שוין, נאָר זיי באקומען אים ארויס מיט די סאמע פּרימיטיווסטע אויפאנים. זיי וווינען אין היילן און אין די בוים־הוילענישן פון די דזשונגלי־וועלדער און האלטן זיך פון דער ווײַטן פון דער ארומיקער באפעלקערונג.

זייערע באציִונגען מיט די שכיינים זייערע, מיט די סינגאלעזער און טאמילן באשטייען דערינען, וואָס באנאכט קומען די וועדן אראָפּ אין די דערפער און לייגן אנידער, צום בײַשפּיל, בא דער שוועל פונעם שמידס געצעלט גרינע בלעטער אויסגעשניטן אין דער פאָרם פון פײַלן. די טײַטש דערפון איז, אז זיי דארפן אזעלכע און אזעלכע פײַלן און בעטן, אז דער שמיד זאָל דאָס

מאכן. אלס לוין פאר אָט דער ארבעט לייגן זיי טאקע דאָ גלײַך אנידער אביסל געווילד פון זייער רויבזאק, וואקס אָדער האָניק, מאכט זיי דער שמיד די באשטעלטע פײַלן און לייגט זיי צוריק ארויס פאר דער שוועל פון זײַן געצעלט. אין איינע פון די נאָענטסטע נעכט קומען די ווערן און נעמען אָפּ זייער „באשטעלונג".

ווי ווײַט נידעריק די וועדן זײַנען אין זייער אנטוויקלונג איז צו זעען דערפון, וואָס זיי שיסן און עסן מאלפעס. קיין שום פּרי־מיטיווער שייוועט אָבער, וואָס האָט זיך אבי עטוואָס נאָר אופגע־הויבן העכער פון פּראָיִשן שטאנד, טוט דאָס שוין ניט. בא פיל שטיל־אָקעאנישע פּראָים איז דאָס וואָרט „מאלפּנפרעסער" אפילע א זידלוואָרט. זיי לעבן מישפּאָכעסווײַז. קײַן אנדער פאַרבינדונג ווייסן זיי ניט אכוץ דעם, וואָס דער וואלד איז צעטיילט צווישן גרופּעס פון קרויווערסדיקע מישפּאָכעס, איטלעכע גרופּע זאָל יאָגן געווילד און קלײַבן האָניק און וואקס אין א באשטימטן שטיק וואלד.

שוואָר איז אויך אָנצוטאפּן בא זיי די סימאָנים פון אוועלכער סע ניט איז רעליגיִע. איינס איז קלאָר, אז זיי גלויבן אין וואלד־שיי־דים און רוכעס, פאר וועלכע זיי האָבן מוירע איימאָס־מאָוועס.

זייער אינטערעסאנט איז אויך דער אויפן, אין וועלכן זיי באנוצן דעם פײַלנבויגן. זיי לייגן זיך אנידער מיט דער פּלייצע אף דער ערד און אין אזא מאָס ציִען זיי אָן דעם פײַלנבויגן צווישן די פיס.

די ענגלענדער האָבן ניט איינמאָל געפּרוווט ארויסצונארן די וועדן פון די וועלדער און פארוואנדלען זיי אין א באזעסן פאָלק. דאָס האָט זיך נאָך מיט 90 יאָר צוריק געפּרוווט טון דער דאמאָל־טיקער אָרטיקער ענגלישער גובערנאטער מאקענזי. ער האָט געגריינדעט פאר זיי א ריי דערפער, אויסגעבויט געצעלטן, אויס־געטיילט זיי רײַזפעלדער, געצײַג, בעהיימעס און נאכלעס קאָקאָס־וואלד. אויסגעגראָבן זיי ברונעמער, צעגעבן זיי מאלבושים און הויזראָד. אײַנגעאָרדנט שולן און, פארשטייט זיך, אויך א קלויס־טער, קעדיי צו ראטעווען זייערע ווילדע נעשאָמעס אף יענער וועלט פון געגעס. האקלאל, די וואלד־מענטשן האָבן זיך באזעצט

אין די דערפער, פארזוכט דעם טאם פון א קולטורעל לעבן און עס איז זיי, דאכט זיך, גאנץ ווילגעפעלן. זיי האָבן געשיקט די קינדער אין שול, אויב מ'האָט זיי עפּעס דערפאר געשענקט, פארשטייט זיך, געגאן אין קלויסטער. נאָר אין עטלעכע יאָר ארום איז זיי אָט דאָס נימעס געוואָרן, וויַיזט אויס. די ענגלענדער האָבן פון זיי מיסטאמע צו גרויסע פראָצענטן געפאָדערט פאר זייער קולטורטרעגערישער מיסיִע און דערפאר, וואָס זיי האָבן זיי אריַינגעבראכט אין שויס פון דער קריסטלעכער קירכע און דערמיט זיי אויסגעלייזט פונעם געַנעם־פיַיער, מיט איין וואָרט די ווערדן האָבן זיך אין איין שיינעם פרימאָרגן אופגעהויבן און אפילע אָן א זיַי־געזונט פארלאָזט די דערפער מיט די פעלדער, די גערטנער מיט די ברונעמער און זיך צוריק אָפּגעטראָגן אין געדיכטעניש אריַין פון די דזשונגלי־וועלדער.

בלויז אייניקע געציילטע מישפּאָכעס פון זייערע האָבן זיך צוגעבונדן צו דער ערד און זיך באזעצט אין די סינגאלעזישע און אין די טאמילישע דערפער. נאָר זיי ווערן בעהאדראָגע אסימילירט און פארלירן זייער אָריגינעלן פארצעף. נאָר אויך די וואלד־ווערדן גייען אונטער, ווי אסאך אנדערע ווילדע פעלקער, וואָס קאָנען זיך ניט צופאסן צום נייעם לעבן און ניט ביַישטיין אקעגן די קאָלאָניזיר־מעטאָדן פון אימפעריאַליזם.

## 13. אין די בערג פון ציילאָן.

א רייַזע קיין קאנדי, אין די בערג פון ציילאָן, קומט מיט אונדז!

א טראָפּיש געוויטער. אין ווילדע צעיאָכמערטע שטראָמען פאלט אראָפּ מיט די טויזנטער בארג־טרעפּ א רעגן אין די דזשונגלי. ביימער און קוסטן קרעכצן און ברעכן זיך אונטערן דרוק פון דער ווילדער סטיכיִע.

שלענג קריכן איבער דעם וועג. ווייך טרעטן איבער די זומפּיקע ערטער די פיַיכטע העלפאנדן מיט צוויַיגן און בלעטער אין שנוק. די סינגאלעזער, וואָס זיצן אף די רוקנס פון די העלפאנדן,

האָבן ארופגערוקט זייערע דיך־הייזלעך איבערן קאָפּ. אין די ראַכ־מאָנעס־דערפעלעך שפּאנען ארום נאַקעטע מענטשן מיט פאראסאָלן.



אין מיַרעוו-ציילאָן.

אין א שאָ ארום איז דאָס געוויטער פארביַי. דער וועג ווערט שרויפיקער. די בערג בלאָוון אין דער וויַיט.

וואָס העכער מיר הייבן זיך אויף, אלץ אָפטער טרעפן זיך אונדז טיי-פּלאַנטאַציעס, באַרג־טעראַסעס, אין קאַנאַלן־שורעס גע־שפּאָלטן אינדערלענג און איבערבריים און מיט טיי־קוסטן באַ־דעקט. קאַקאַאָ־ביימער, אין קוסטן געראָטן, מיט פּורפּור־פרוכטן, ענלעך צו פלעשלעך. הויכע גרויע רוי־גומי־ביימער, וואָס וואַקסן אויף שטיינערדיקן באָדן. אויף זייערע שטאַמען צופוסנס זײַנען מילכווײַסע ווונדן, וואָס יאַטרען מיט גומי אין די אונטערגעשטעלטע קיילים פון קאָקאָס־שאָלעכץ. און אויף יעדער טריט זעט איר דינינקע איידעלע אַרעק־פּאַלמען, צאַרטע און שלאַנקע, גלײַך־אויסגעצויגענע, ווי ליכט.

גייגאָלד־גרינער ביינאַשמאָשעס.

פּאַמעלעך שווימט אַרויס אַ האַלבע לעוואָנע פון צווישן גע־בלעטער. ניט אַזאַ, ווי מיר זעען זי אין אייראָפּע. דאָ ליגט זי ווי אַ הילפלאָזער אינזעקט, וואָס איז איבערגעקערט אויפן רוקן, ווי אַ אויף צווייען צעשפּאָלטענער זילבערנער קאָקאָס־נוס, פון וועלכן די גאַנצע זאַפט איז אויסגעצויגן און וואָס זײַן אומנוציקע שאָ־לעכץ האָט מען אַנידערגעוואָרפן אונטער די שטערן.

אין די דאָרפישע קלייטעלעך, פון ביידע זײַטן וועג שימערן רויטע פּײַערלעך פון קעראָסינענע לעמפּעלעך.

מיר זײַנען שוין ניט ווײַט פון קאַנדי, די אַמאָליקע שטאָט פון ציילאָנער קייסאָרים, די קיניגן פון לאַנקאַ, ווי ציילאָן האָט אַמאָל געהייסן.

פונונטן, אין טונקל, רוישט מאַהאַוועלי־גאַנג, דער טײַך פון ציילאָן.

אין קאַנדי איז פאַראַן אַ גוטער האָטעל, וווּ מיר נעכטיקן איבער.

און פאַרפרי נאָך לאָזן מיר זיך אין אַן עקסקורסיע קעדיי ניט אָנצוווערן די אינדערפריִענדיקע שאָען, ווען די זון צאַפּט נאָך ניט אויס דאָס לעצטע ביסל קויכעס. אַן אווטאָמאָביל טראָגט אונדז אַוועק אין דער אומגעגנט פונעם פּראַכטפולן סינגאַלע־זישן דערפל קאַדוווּעלאַ.

# 14. די דזשונגלי.

סאמע באם דערפל הייבט זיך אָן בערגלען דאָס אָרט. די ני־דער־ערטער זײַנען באדעקט מיט לאָנקעס און רײַזפעלדער און אײַנגעשניטן אין קאנאוועס, וואָס גייען זיך צונויף אין קלײנינקע שײַנע סאַזשלקעס אזעלכע. די העכערע ערטער, פון 90—30 מעטער די הייך, זײַנען באוואָקסן מיט געדיכטן וואַלד, אָט־אָ דעם וואלד, וואָס איז בארימט אונטערן נאָמען דזשונגלי.

מיר זעען דאָס ערשטע מאָל אזא מין לאנדשאפט, וואָס מאכט זיך נאָר דאָרטן, ווו דער ערדבאָדן איז נאָך ניט באארבעט. געוויינלעך מיינט מען מיטן וואָרט דזשונגלי אזא מין בסולע־וואלד, ווו דעם מענטשנס פוס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָטן. אזעלכע וועלדער אָבער, דארף מען אצינד זאָגן, זײַנען שוין אין ציילאָן אָדער אינגאנצן ניטאָ, אָדער מע דארף זיי זוכן מיט ליכט.

אצינד דאַרף מען פארשטיין, ווען מע רעדט פון א דזשונגלי־וואלד, פּאַסט א געדיכט געפלעכט פון קאָלערליי מיניםביימער, וווהין ס׳שווער און אן אנדערסמאָל אומעגלעך אריינצודרינגען. אָט־אָ די ביימער זײַנען אויסגעוואָקסן אָנעם מענטשנס מינדסטער האָרעוואניע, אָן א שום סיידער. האָבן זיי זיך ווילד איבערגעפלאָכטן איינס ס׳אנדערע און אלע מיטאנאנד דורך דריידל־און קלעטער־געוויקסן פארוואָקסן געוואָרן און זיך באדעקט מיט פרעמדפּרע־סערישע פעדערגראָזן, אָרכידייען און אַנדערע פּאַראַזיטן. אלע דורכשײַנען צווישן די ביימער זײַנען אזוי פארשלאָגן מיט ווילד־געוויקסן, אז ס׳איז לאכלוטן אומעגלעך אָט דאָס געפלעכט צו פאנאנדערוויקלען און צעטיילן צווישן זיך, צעשיידן די באזונדערע פּאָרמען.

דאָ וועסטו זיך אָן קיין האק און פײַער בעשומויפן ניט באַגיין, — שרײַבט דער באוווסטער נאטוראליסט העקל. — א שאָ נאָכאנאנד האָב איך מיר געשלאָגן, קעדיי דורכצוגיין א פּאָר טריט ביז איך בין געבליבן אָן קויכעס. צעביסן פון מילבן, צע־שטאָכן פון מאָסקיטן, ווו איך האָב נאָר אן אייוער געהאט, אין

א צעריסענעם בעגעד, מיט צעבלוטיקטע הענט און פיס, צעקאַ־
ליעטשעט און צעריסן דורך הונדערטער געוויקס־נאָדלען און שטע־
כעלקעס, מיט וועלכע ס'זײַנען באוואָפנט די קלעטערנדיקע רא-



אין געדיכטעניש פון דזשונגלי.

טאנג־פאלמען, די כיביסקוסן, מילכערס, לאנטאנען און אָן א שיר
אנדערע געוויקסן,—האָב איך מיך געמוזט אונטערגעבן און אָפּ־

זאָגן פון מײַן ערעגײַציקן װונש דורכצולײגן זיך אן אײגענעם װעג אין די דזשונגלי מיט די הוילע הענט.

כאראַטע אָבער אף דער עקסקורסיִע האָב איך בעשומויפן ניט געהאט. כ'האָב דערזעען פּאָנעם על פּאָנעם אזעלכע געוויקסן און באַלעכאיִם, וואָס זעען קאָן מען זיי נאָר אָט־אָ דאָ, ווו דער מענטש האָט נאָך לעסאטע א קנאפּן דריסאס־האָרעגל און די נא־טור לעבט נאָך אף איר אלטן ווילד־שטייגער. וואָס איז ווערט, אשטייגער, צו זעען די גיפטיקע צײלאָנער קלעטער־ליליִע (Gloriosa superba) מיט איר גינגאָלד־רויטן קרוין, דעם שטע־כיקן כיביסקוס (Hibiscus radiatus) מיט זײַנע גרויסע אינדרויסן שוועבל־געלע און אינעווייניק ליליִענפארביקע בלומען, ארום וועל־כע ס'האָבן זיך געדרייט גיגאנטישע שווארצע באבעלעך מיט בלוט־רויטע פלעקן אף די עקפּאָרמיקע פליגל־צוגאָבן און מעטאל־קאָלירטע זשוקעס א.א.וו. א.א.וו.

נאָר אמיינסטן האָט אונדז געפרייט דאָס, וואָס שוין פון דער ערשטער באגעגעניש מיט די דזשונגלי האָבן מיר זיך גלײַך אָנ־געשטויסן אף די סאמע כאראקטעריסטישסטע אײַנוווינער פון די העכערע באַלעכאיִשע קלאסן,—אף די פּאָפּוגאַיען און מאלפּעס.

דערזעענדיק מײַן ביקס, האָט א טשאטשע גרינע פּאָפּוגאיען זיך אופגעהויבן מיט א געשריי פון א הויכן בוים, וואָס האָט ארויס־געשטעקט הויך, העכער איבער די דזשונגליס. דאָסגלײַכן האָט זיך א טשערעדע גרויסע שווארצע מאלפּעס א וואָרף געטון אין געדיכטעניש מיט א מין ברומען הויך אף א קאָל.

דערשיסן אפילע איינע פון זיי איז מיר ניט געראָטן. זיי זײַ־קען שוין, ווײַזט אויס, רעכט באקאנט מיט פײַערשיס־געווער או ווייסן שוין ווי אויסצודרייען זיך דערפון.

נאָר פונדעסטוועגן איז מײַן ערשטער שאָס ניט פארפאלן אומזיסט. אפן ברעג קאנאל מיט וואסער האָט זיך געוואַרעמט א געזונטער היפּשער קראָקאָדילפּאָרמיקער באלכײַ פון א צוויי מעטער קימאט די לענג. האָט אים די קויל געטראָפן גלײַך אין קאָפּ ארײַן און אים צוערכט געמאכט דאָ טאקע אפן אָרט. דער־

נאָך האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס איז א יאַשטשערקע אזא מינע (קינעגאָרע), פאר וועלכער די דאָרטלײַט ציטערן איימאס־מאָוועס. איר וויסנשאפטלעכער נאָמען איז אינדישער וואסער־וואַראן— (Hydrosarus salvatus). ווען די ווונד איז ניט קיין געפערלעכע, קריכט ער ארײַן צוריק אין וואסער. ער קאָן זיך גאנץ גוט פאר־טיידיקן אויך מיטן עק מיט ווײַנעם, וועלכער איז באדעקט מיט הארטע שנײַדנדיקע שילדעלעך. מיט איין קלאפ ווײַנעם קאָן ער זיך רעכט לאָזן פילן און אפילע צעברעכן די ביינער.

אפן וועג צוריקוועגס האָב איך זיך געקוויקט מיטן זיס־ה־ערן זאפט פון קאָקאָס־נוס, וועלכן מע רופט קאָקאָס־מילך.

## 15. די הויפטשטאָט פון די קייסאָרים פון לאנקא.

דאָס איז זי א מ אָ ל געווען, אַצינד איז זי א פּאָשעטע באַרג־שטעטל אפן אינזל ציילאָן: קאַנדי.

ליגט גאַנץ הויך. פונדעסטוועגן וואקסן דאָ כיביסקוסן, פאל־מען און טאמאריסקן איבערגעמישט מיט סאָסנעס, טענענביימער און אַנדערע וואַלד־מינים פון די אייראָפּעיִשע בארג־וועלדער. די פאַרשיידנפאַרביקע געוויקסן־וועלט פון די טראָפּישע נידער־ערטער באַדעקט די בערג־טרעפּ און די ברעגן פון דער דורכזיכטיקער סאַזשלקע.

אין אַלע אינדערפרײַקע קאיאָרן טרײַבט מיך אַרויס פון בעט און רופט מיך אַרויס אפן באלקאָן דער פויק פון בודאס טעמפל. קאָן איך מיך דעמאָלט זאַט ניט אָנקוקן אף אָט דעם זעלטענעם לאַנדשאַפט, וואָס האָט שוין אָבער פאָרט אָנגעווירן דעם פראַכט און צויבער פון אוראלט, בסולישער ווילדקײַט. אין איין אָרט בלויז קאָן מען אים נאָך געפינען, אָט־אָ דעם פראַכט, אין אָט דער געגנט: אַפן היטל־צוקער־פאָרמיקן באַרג, וואָס לאָזט זיך אָפגעריסן ווערטיקאל אראָפּ צו דער אָזערע.

אַפן שפּיץ פון אָט דעם באַרג האָט מען נאָך מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק מענטשלעכע קאָרבאָנעס געבראַכט צו דער

אומדערבאַרעמדיקער געטן קאַלי, פונונטן צופוסנס דעם באַרג, אין די דעמאָלטיקע קייזערלעכע פּאַלאַצן האָט מען געוויס געהערט די ווייגעשרייען פון די אומגליקלעכע קאָרבאָנעס, ווען מע האָט זיי צום מיזבייעך געשלעפּט.

נאָר אין קייזערלעכע פּאַלאַצן מאַכט מען געוויינלעך ביכּלאַל א קנאַפּ ווען פון ווייגעשרייען, וואָס הערן זיך פונדרויסן.

דער מיזבייעך פאר מענטשלעכע קאָרבאָנעס איז שוין לאַנג צעשטערט. דערפאר האָט דאָס קליינע שטעטעלע קאַנדי אצינד א גרויסע, העסלעך גרויסע טפיסע, מיט נאַקעטע ווייַסע ווענט, וואָס די ענגלישע אדמיניסטראַציִע האָט אויסגעבויט, קעדיי איינצופירן „אָרדענונג און געזעצלעכקייַט״ צווישן די אומדערצויגענע עקספּאנסיווע מיזרעך־לייַט.

אצינד וווינט אין דעם געוועזענעם קייזערלעכן פּאַלאַץ דער ענגלישער גובערנאַטאָר, דער אויבערהאר איבערן גאַנצן אינזל. אינעם אַמאָליקן אַודיענץ־זאַל, ווו דער קייסער פלעג אופנעמען געסט, זייַנען אצינד די זיצונגען פונעם געריכט. אַן ענגלישער לאָרד אין א רויטן טאלער מיט א ווייַסן פּאַריק אפן שארבן זיצט ער זיך גרויסאַרטיק, מייַסע־מעלעך צווישן די טונקעלע זאלן און לאָדם און מישפּעט און פּאסקנט די קאָלירטע מענטשן פון אינזל, וואָס רעדן געוויס ניט ווייניקער, ווי אף א מייע אָרטיקע דיאַלעקטן. דער לאָרד, דער שופעט, רעדט, פאַרשטייט זיך, ענגליש, און א דאָלמעטשער פאַרטייַטשט זייער רייד פון איינעם דעם צווייטן.

ווי באַווייַזט דער ענגלישער לאָרד צו געפינען די גערעכטיקייַט צווישן אָט די פילקאָלירטע און פאַרשיידנשפּראַכיקע מענטשן? וואָס פאר א נאַפקעמינע?

ס׳האַנדלט זיך דאָך פונעם לעבן און פּאַרמעגן סאַכאַקל פון קאָלירטע מענטשן! א רענדל אַרוף, א רענדל אַראָפּ,—מער מיט א לעבן, ווייניקער מיט א לעבן,—די וועלט וועט דערפון סייַווי ווייניק אָנווערן. פונעם ענגלישן קיניגס קאָפּ אַלקאָלפּאָנעם וועט געוויס קיין האָר ניט גערירט ווערן,—איז וואָס איז דאָ פּאַראַן צו קלערן? —Rule Britania!

## 16. דער גאנײדן אין צײלאָן.

דער העכסטער שפּיץ פון די בערג אַף אָט דעם זעלטן שײנעם אינזל הײסט אָדאָמס פּיק, און דער שמאָלער ערד־פּאס, וואָס האָט אַמאָל, ווי א נאָפּלשנור, פאַרײניקט צײלאָן מיטן אינדישן מאטעריק, הײסט אצינד אָדאָמס בריק.

אָט אהערצו האָט די מענטשלעכע פאנטאזיע אריבערגעטראָגן דעם לעגענדארישן גאנײדן, דעם פארלוירענעם פּראכט־גאָרטן פונעם אויסגעטראכטן זאָרגלאָזן און לוסטפולן אורמענטשלעכן לעבן.

וואָרעם ווו דען זאָל ער געווען זײַן, דער גאנײדן, אויב ניט אַפן דאָזיקן אינזל פון בלומען, ווו די באַרג־וואסערן טראָגן אין זײער טיפן שויס טײַערע אײדלשטײנער, ווו די ברעגן פון רוישיקן יאם זײַנען רײַך מיט פּערלמוטער, ווו מענטשן אפילע שלאָגן אָפּ מיט אלע קאָלירן פון די טראָפּישע פארבן און ווו די געוויקסן און באלעכאים זײַנען ווילד און צאַפּלדיק יונג, קרעפ־טיק און לעבנסדורשטיק, ווי אין די ערשטע לעבנס־טעג פון דער דעמאָלט נאָך פרישער ערשט אופגעקומענער ערד? אין אײן אָרט איז דער גאנײדן נאָך אדאיעם פארבליבן. דאָס זײַנען די באַ־רימטע גערטנער פון פּאראדעניא, עטלעכע מײַל הינטער קאַנדי.

פּאראדעניאַ איז א קלײן שטעטעלע, ווו די ענגלישע רע־גירונג האָט מיט הונדערט יאָר צוריק נאָך, אין 1819 יאָר געגרינ־דעט א באָטאַנישן גאָרטן. די געוויקסן־אויצרעס, וואָס זײַנען אופ־געקליבן אין פּאראדעניא, שעמען ברײט איבער דער גאנצער וועלט. דעריבער, פארשטײט זיך, קען קײן שום לײַטישער רײַזנ־דער פּאראדעניא ניט אויסמײַדן. פּאראדעניא ליגט אַף דער אײַזנבאַן־ליניע, יאָס פירט פון קאָלאָמבאָ קײַן קאנדי.

אײראָפּײער פאָרן מיט דעם ערשטן קלאַס, מיטן דריטן קלאס פאָרן בלויז די ברוינע סינגאלעזער און די טונקל גרויברוינע טא־מילן. אינעם צווײטן קלאס פאָרן די בלוט־געמישטע „אײראזיער".

ווי איר זעט, איז דער וועג צום גאנײדן אויך אויסגעהאלטן שטרענג לויטן קלאַסן־פּרינציפּ.

צום אַרײַנגאַנג אין גאָרטן פירט אַן אַלײע פון פּראַכטפולע אַלטע גומי־ביימער, אָט־אָ יענע אינדישע ביימער, וואָס זייער קאָנדענסירטן מילכיקן זאַפט רופן מיר אָן קויטשוק, אָט דער אייגע־נער בוים, וואָס ס׳האָבן געזען מיסטאַמע אַלע, וואָס האָבן אַפילע אין אינדיע ניט געשמעקט, מאַכמעס אָט דער בוים וואַקסט בא אונדז אין די הײַזער אַלס א דעקאָראַטיוו־געוויקס מיט העל גרינע דיקע לעדעראַרטיקע און אייפּאָרמיקע בלעטער און טראָגט דעם נאָמען „פיקוס״. ווער פון אײַך האָט קײַן פיקוס ניט געזען? איז אַן אַלײע פון אַזעלכע פיקוס־ביימער פירט צום אַרײַנגאַנג אין גאָרטן.

נאָר בעיס אין אונדזערע הײַזער איז זעלטן ווען דער פיקוס דערגרייכט צו דער סטעלי און קאַם וואָס ער האָט א פּופּציק בלעטער, איז אים דאָ אין זײַן היים ניט צו דערקענען. דאָ איז עס א גיגאַנטיש הויכער בוים מיט צווײַגן פון פּופּצן מעטער די לענג, וואָס ציִען זיך אויס האָריזאָנטאַל און באַדעקן מיט זייערע טויזנטער בלעטער אַזאַ מין שעטעך, אַף וועלכן מע וואָלט געקענט אויסבויען א גאַנצן פּאַלאַץ. נאָר אַזויפיל אָרט וויפל סע פאַרנעמט פונויבן די בלעטערקרוין, פאַרנעמט נאָך מער אָרט פונונטן אַף דער ערד די וואָרצל־סיסטעם פון בוים, 30—20 הויפּט־וואָרצלען ציִען זיך אין אַלע זײַטן געדרייט אַזוי ווי שלענג אַף א שטרעקע פון א 15—30 מעטער די ווײַט פונעם בוים־שטאַם. דער „שלאַנ־גען־בוים״ רופן אים דערפאַר די דאָרטלײַט. דערבײַ הייבן זיך אייניקע וואָרצלען־קניִען אויף ווערטיקאַל אין דערלופטן און שפּאַרן אונטער דעם בוים אַזוי, אַז ער האָט שוין ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר קײַן שטורעם.

אקוראַט אקעגן אַרײַנגאַנג־טויער שטייט א בוקעט פּאַלמען, פּאָרשטייער פון צייל אָנער פלאָרע, און אויך פון אַנדערע טראָ־פּישע געגנטן. די אַלע ביימער זײַנען איבערגעפּלאָכטן מיט שיינע ליִאַנען און באַצירט מיט זעלטן שיינע פּאַראַזיטאַרע פּעדערגראָזן.

מיר גייען איבער צו אנדערע כידושים פון פאראדעניא. אָט וויַזט מען אונדז ריזיקע באמבוק־קוסטן, וואָס באשטייען פון 60—80 באמבוק־שטאַמען, פון וועלכע איטלעכער שטאם זייערער האָט 30—60 סמ. אין דורכמעסער און 30 מעטער די הייך און אלע וואקסן זיי ארויס פון איין וואָרצל-שטאם. פונויבן האָבן זיי אף זיך זייער גראנדיעזע בלעטער. און אָט־אָ די גראנדיעזעביימער זיַינען דאָך ניט קיַין ביימער, נאָר פּאָשעטע שטרוי־גראָזן, פון איין שוירעש מיט אונדזערע שטרויענע זאנגען. אקוראט ווי יעדער שטרוי, איז זייער שטאם אויך צעטיילט אף צווישנקניפּן, מער ניט אין די צווישנקניפּן וואָלט זיך קאָנען אויסבאהאלטן א דריַיאָריק קינד.

ניט ווייניקער אינטערעסאנט זיַינען די בלעטערדיקע פּאלמען אָדער ראָטאנגען (Calomus) מיט זייערע גראנדיעז־אויסגעשטרעקטע פעדערדיקע בלעטער. זייער דינער שטאם, וואָס איז סאכאקל ווי א פינגער די גרעב, איז אָבער אזוי שטאַרק און בויגעוודיק, אז ער קלייַבט זיך ארוף אף די שפּיצן פון די העכסטע ביימער און קען דערגרייכן ביז 90—150 מעטער די לענג. דאָס איז דאָס סאמע לענגסטע געוויקס אין דער וועלט.

רויזן אָבער שטעכן זיך.

בעשאס איך האָב געבלאָנדזעט אין היַיכן גראָז אונטערן שאָטן פון פּאלמען לענגויס דעם טיַיך און זיך געפּלאַיסט אויסצושפּירן דעם געדרייטן וועג פון א וואָסער ס'ניט איז ליַאנע, האָב איך דערפילט עטלעכע שטעך אין די פיס. אז איך האָב פארקאטשעט די הויזן, האָב איך געפונען צוויי קליינינקע פּיאווקעלעך, וואָס האָבן זיך צוגעזויגן צו מיַין פוס, און א האלב טוץ אנדערע האָבן זיך אויסערגעוויינלעך שנעל ארופגעקליבן ארוף איבער מיַין שטיוול. די פּיאווקעס זיַינען די לאַנד־מאקע פון אָט דעם אינזל. זיי זיַינען דאָ פארשפּרייט אומעטום אכוצן יאם־ברעג און די הויכע בערג־שפּיצן. און אייניקע פיַיכטע וואלד־ערטער זיַינען מאַ־מעש אָפּגעשאָטן מיט זיי אזוי, אז מע קאָן דאָרט קיַין פּאָר שריט ניט מאכן, זיי זאָלן דיר ניט אַראָפּפאלן פון די ביימער־צוויַיגן אַפן קאָפּ און אָנשיטן דיר א פולן קאָלנער.

הונגעריקעראהיים זײַנען זיי ניט גרעבער פון א פאָדעם און קאָנען זיך לײַכט דורכקלײַבן דורך זאָקן־שלייפן. אמאָל פילט מען אפילע ניט זייערע ביסן. מע דערקענט זיי נאָר נאָך רויטע בלוט־פלעקן אפן ווײַסן וועש. שפּעטער אָבער הייבן די ערטער, וווּ זיי האָבן אָנגעביסן, אָן שרעקלעך צו בײַסן, אז ס'איז מאמעש ניט איבערצוטראָגן, ניט זעלטן ווערט דאָרט אן אָנצינדונג. אין 1815 יאָר האָט א מאכנע ענגלענדער זיך דורכגעקליבן פון ברעג יאם קײַן קאנדי. האָבן זיי א רעכטע מאפּאָלע געהאט פון אָט די פּיאווקעס, וואָס זײַנען זיי מיריאַדנווײַז באפאלן, און פיל זעלנער ארויסגעפירט פון קאָן. קעדיי פּאָטער צו ווערן פון א צוגעזויגע־נער פּיאווקע, דארף מען אף איר א טריף טון א טראָפּן ציטרין־זויער, קארבאָלקע אָדער ספּירט. דערפאר גייט מען דאָ געוויינ־לעך אף עקסקורסיִעס מיט א לימענע אין קעשענע. אנדערע טוען אָן אף די פיס זאָקן אָדער קאמאשן פון רוי־גומי אָדער פון דורכויסיקער הארטער מאטעריִע. איך האָב מיך פון זיי אָפּגעהיט דורכדעם, וואָס איך האָב דורכגעפירט פונונטן ארום די הויכע יעגער־שטיוול א רינגארומיק פאסיקל פון קארבאָלקע. האָבן שוין די פּיאווקעס איבער אָט דער גרענעץ זיך קיינמאָל ניט דערוועגט איבערצושפּרײַזן.

פּאראדעניִער באניידן איז אויך גוואַלדיק רײַך אין מאָסקיטן און איינטאָגפליגן. פון זיי באוואָרנט מען זיך מיט מוסלינענע פאָרהענגלעך, מיט וועלכע מע באהענגט ארום די בעטן.

פאראן אויך גיפטיקע סקאָרפּיאָנען און טויזנטפיסערלעך.

איינס פון די שענסטע ווינקעלעך אין פּאראדעניִע איז דער „פּעדערגראַד־גאָרטן".

באם קילן טײַכל ליגט ער אונטערן געדיכטן שאָטן פון הויכע ביימער. דאָ זײַנען אופגעקליבן קאָלערליי מינים פּעדערגראָזן, קליינע און גרויסע, גראָזיקע און בוימארטיקע. בעיס איינע פּעדערגראָזן, די בוימארטיקע, האָבן זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זייער הייך אפילע אין פארגלײַך מיט די שטאָלצע פּאלמען,— אף אוויפיל הויך שטרעקן זיי אויס זייערע בלעטער־קרוינען,—

אין דער אייגענער צײַט טרעפט איר דאָ אזעלכע מיניאַטיורע פעדערגראָזן, וואָס ס'איז זיי שווער צו דערקענען און אָפּשיידן פון מאָך.

פאראן דאָ אויך אזעלכע פלויגען, וואָס דערמאָנען מיט זייער וווּקס די אין איירָאָפּע פון לאנג שוין אויסגעשטאָרבענע פלוינען, אָט־אָ יענע, וואָס האָבן דאָ געוואקסן אין דעם ווײַט פארגאנגענעם שטיינקוילנדיקן געאָלאָגישן פעריאָד פון דער ערד־געשיכטע.



אינדישער פייגנבוים.

אין איין אָרט האָב איך מיך געהאט פארקוקט אף די אינדישע פײַגנביימער מיט זייערע קאָלאָסאלע בלעטער־קרוינען. דערווײַלע באמערק איך בעשאס־מײַסע איין אלטן בוים קימאט אָן בלעטער, נאָר די צווײַגן זײַנע, האָט זיך געדוכט, זײַנען באהאנגען מיט גרויסע גרוי־ברוינע פרוכטן. ווי גרויס איז אָבער מײַן ווונדער געווען, ווען בעשאס איך האָב מיך דערנעענטערט צום בוים האָבן זיך אייניקע פרוכטן אופגעהויבן, אָפּגעריסן זיך פון די בלעטער און אָנגעהויבן שוועבן ארום. דאָס, האָט זיך אויסגעלאָזט, זײַנען געווען פליִענדיקע פוקסן. זיי געהערן צו דער זעלטענער מישפּאָכע האנטפליגלדיקע פרוכטנפרעסער, וואָס זײַנען

פארשפרייט בלויז אין די טראָפּישע לענדער פון דער אַלטער וועלט. עטלעכע געראָטענע שאָס האָבן אַנידערגעוואַלגערט אַ האַלבן טוץ זייערע, די איבעריקע זײַנען זיך צעפלויגן מיט אַ הויך געשריי. אויסערלעך זײַנען אָט־אָ די באַלעכאַים זעלטן געראָטן אין אַ פוקס, באַזונדערס דער קאָפּ זייערער. די ענדגלידער זייערע זײַנען באַהעפט מיט אַ פלי־הײַטל, ווי בײַ אַ פלעדערמויז. זיי דערנערן זיך פון פרוכטן און זײַנען דעריבער גרויסע שאָדנבּרענגערס אין די פּלאַנטאַציִעס.

דעם טאָג איז מיר באַשערט געווען צו פאַרפירן נאָך איין זאָאָלאָגישע באַקאַנטשאַפט, אַביסל אַ געפערלעכע.

פאַרנאַכט האָט אינדרויסן געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן און איך בין געווען פאַרטון דערינען, וואָס כ׳האָב אַרײַנגעזעצט אַ גיגאַנטישן שוואַרצן פערציקפיסלער אין אַ באַנקע מיט ספּירט, קעדיי אַראָפּצוברענגען אָט דעם כידעש קײַן אייראָפּע. פאַרטיפט אין דער אַרבעט, האָב איך בעשאַס־מײַסע ניט באַמערקט, ווי צו מיר אין שלאָפצימער איז אַרײַנגעקראָכן אַ גרויסע ברילענשלאַנג, אַ שרעקלעכע קאָברע. איך האָב זי ערשט דערזעען, ווען זי האָט זיך שוין געפונען עטלעכע ווערשקעס די ווײַט פון מיר און ווען דער כאַווער מײַנער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו מיר מיט אַ געשריי: „אַ קאָברע, אַ קאָברע!“ מיט זײַן הילף האָב איך בײַגעקומען די שרעקלעך גיפטיקע שלאַנג, וואָס איז געווען בײַ אַ מעטער די לענג, און זי אַרײַנגעפּערעט אין אַ גרויסן סלוי מיט ספּירט. זאָל מען אין אייראָפּע כאָטש זען טויטערהייט אָט־אָ די מעציִע, לעם ווערלכער איך האָב געהאַט געשפּילט מיטן לעבן, — אַ שפּיל אַף אַ שטרעקע פון עטלעכע ווערשקעס.

## 17. די קרעלן־גערטנער.

פון קאָלאָמבאָ גייט אַ באַברעגיקע אײַזנבאַן־ליניִע קײַן פּ ו נ ט אָ ־ג א ל א, אַ פעסטונג אַפן דאָרעם־מײַרעוודיקן עק פון ציילאָן. און פּונטאָ־גאַלא שעמט מיט אירע אונטערוואַסערדיקע

קרעלן־גערטענער, וואָס האָבן זיך היפּש און ווילד צעוואָקסן אין די בוכטע־וואסערן ארום דעם שטעטל.

אַלע האָבן געווים געזעען קרעלן־צירונג. נאָר זעלטן ווער ס׳ווייסט, אז דאָס זײַנען סקעלעטן פון געדערים־בלויזע באַלעכאַים, וואָס לעבן אומבאַוועגלעך, צוגעוואָקסן צום יאַם־גרונט.

אין די ציילאָנער קרעלן־אינזלען הערשן קאָלערליי ניואַנסן פון גרינס: געלגריז און בלויגרין, מאלאכיט און איילבירט־גרין, איזמאראגדן און יאַפּ־קאָליר. דערמיט אונטערשיידן זיך די היגע קרעלן פון די מיטלאנדישע קרעלן־ריפן. ביכלאל צייכנט זיך ציילאָן אויס ניט בלויז מיט די אייביק־גרינע געוויקסן זײַנע, נאָר אויך מיט די גרין־קאָלירטע מערסטנטייל באַלעכאַים: פייגל, יאשטשערקעס, באַבעלעך און זשוקעס. מיטן גרינעם קאָליר זייערן טיילן זיך אויך אויס פיל יאַם־באַלעכאַים: פיש, קרעפסן, ווערים און יאַם־רויזן (אַבטיגיא). פיל באַלעכאַים אפילע, וואָס אין אנדערע ערטער זײַנען זיי ניט גרין, „קליידן זיך" דאָ אָן אין גרינס, ווי די יאַם־שטערן, צום בײַשפּיל, די יאַם־שטעכלערס, גאָלאָטוריעס און אנדערע. דאָס איז א זעלטענע דעמאָנסטראציע פון דערפון, וואָס ווערט אין נאַטורוויסנשאפט אָנגערופן פון דארווינס צײַטן אָן „שוץ־קאָליר". די באַלעכאַים־וועלט מאַסקירט זיך אויס אינעם הערשנדיקן קאָליר פון דער ארומיקער סוויווע: „זע מיך ניט און לאָז מיך צורו!".

עפּשער מיינט איר, אז אזא איינארטיקײַט קאָן נימעס ווערן ?

ס׳הייבט זיך ניט אָן! ערשטנס, רעדט זיך ניט וועגן איין קאָ־ליר, נאָר וועגן פּ י ל ניואַנסן פון איין קאָליר, וואָס גייען איבער איינער אין צווייטן, קאָנטראסטירן, שטרײַכן אונטער איינס דאָס אנדערע א.א.וו. אכוצדעם רעדט זיך וועגן דער ה ע ר ש א פ ט פון איין קאָליר, אָבער ניט וועגן דערפון, אז דער איינציקער. פארקערט, די הערשאפט פון איין גרונט־פאָן באַטאָנט נאָך מער די פילפארביקע אויסנאמען. באזונדערס פילפארביק זײַנען די פּי־שעלעך פון קאָלערליי פאנטאסטישע פאָרמען, וואָס שנאָרכען ארום

צווישן די אונטערוואסערדיקע קרעלן־ביימער. נאָר אויך צווישן די קרעלן גופא מאכן זיך פון ראָזע, רויטע, געלע, פּיאָלעטענע און גרויבראַונע קאָלירן.

צום באַדויערן, האָבן אָט־אָ די פארבן א קיום, נאָר ווען דו קוקסט אף זיי פונדערווייטנס. נעמסטו ארויס א קאָראַלן־פּאָליפּ פון דער וואסער אָדער אפילע, אז דו רירסט זיך צו אים צו אונטערן וואסער מיטן פינגער, ווערסטו גלייך באַשטראָפט: די דאָזיקע פילבאַרע באַלעבאַטישלעך ציִען דעמאָלט טייקעף אייַן זייער רייַך־קאָלירטע צעלאָזטע הערנערלעך און קערפערלעך אינעם סקעלעט אריַין אינעווייניק,— בלייַבט א קאלעמוטנער גרוי־צע־צווייַגטער שטיינערנער קוסט...

א רייַכן איַינדרוק מאכן אויך די פּ ע ר מ ע ן פון די קאָראַלן. יעדער פּאָליפּ באַזונדער איז ענלעך צו א בלימל, און אלע צו־זאמענגענומען, די גאנצע קאָלאָניע,—צו א קוסט אָדער בוים. ניט אומזיסט האָט מען נאָך ביז גאָר ניט לאנג גערעכנט די קאָראַלן פאר עכטע געוויקסן.

ווען דו לאָזט זיך אין יאם ארויס אף א שיפל אין דער צייַט פון אָפּפלייץ, ווען די וואסער איז פליטקע, פארטשעפּעסטו אָפּט־מאָל מיטן שיפל די שפּיצן ביימער פונעם אונטערוואסערדיקן קרעלן־וואלד. דאָס וואסער איז באַדערבייַ אזוי דורכזיכטיק און די קרעלן אזוי נאָענט צו דער האנט, אז זעלטן ווער ס׳פּאָרט אוועק פונדאנעט מיט ליידיקע הענט, אָן א רייַכער קאָלעקציִע פון אָט־אָ די אונטערוואסערדיקע שטיינערנע בלומען. דער כילעק איז נאָר, וואָס אָפּרייַסן א בלום איז פיל לייַכטער, ווי „אָפּרייַסן א קרעל". צוליבדערצו דארף מען זיך באַוואָרענען מיט אן אייַזער־נער דאָלאָטע און א האמער. ווער סע וויל באַקומען היפּשע עק־זעמפּליארן, דער מוז אָנקומען צו דער הילף פון יאם־טונקערס, וואָס לאָזן זיך אראָפּ מיט די איַיזערנע מאכשירים אונטערן וואַ־סער, האקן דאָרט אויס פּאָליפּן־בלומען פון א פּוד אָדער אנדער־האלבן די וואָג. אזעלכע בלומען, ווי איר זעט, איז שוין שווער־לעך צוצושטעכן צום רעקל־שלייף...

אגעוו, קעדיי צו באנעמען דעם גאנצן פּראכט פון א קאָראלן־באנק, דארף מען אים באטראכטן ניט בלויז פונויבן אראָפּ, פונעם שיפל ארויס, נאָר טאקע פון אונטער דער וואסער, דאָס הייסט, ווערן אף א ווײַלע א וואסער־טונקער און אונטערטונקען זיך מיט אָפענע אויגן.

טכילעס גיט זיך עס ניט אײַן, נאָר נאָך עטלעכע פּרווו געלינגט עס, דעמאָלט באקומט איר דאָס פארגעניגן זען די אונטערוואסער־וועלט בא א מאָדנער גרינער שײַן, וועלכע ס'איז יך שווער פאָרצושטעלן דעם, וואָס האָט געקוקט דערויף בלויז פונויבן. די געשטאלטן פון די באלעבאַטים און קרעלן דאכטן דע־מאָלט אויס אָן א שיר פאנטאסטישער און אינטערעסאנטער.

זענט איר דערפאר מעקאנע אוואדע די יאם־טונקער? דארפט איר אָבער דערבײַ ניט פארגעסן, אז אקוראט ווי רויזן שטעכן זיך, אזוי קומען די אונטערוואסער־רויזן אויך ניט אָן אזוי גרינג. די מעדוזן, וואָס שווימען צווישן זיי, בריען זיך קלאל ניט ערגער פון קראָפּעווע. איינעקע פּאַנצער־פיש שטעכן זיך מיט זייערע פליס־פעדערן ניט ערגער און ניט ווייניקער געפערלעך פון קיין סקאָרפּיאָן. די קרעפסן קנײַפּן זיך גאנץ שטארק מיט זייערע שערן. די שווארצע יאם־שטעכלערס קאָנען מאכן געפערלעכע ווונדן מיט זייערע לאנגע אָנגעזעגטע נאָדלען. הײַנט די בלומען גופא, בימכילע, די קרעלן־צווײַגן לאָזן זיך ניט אזוי צורירן צו זיי. זייער געגנאָדלטער אויבערפלאך און שפּיצעכיקע ווינקלען זײַנען זיך פריער גוט נויקעם אין אײַערע הענט, ביז איר קריגט זיי ארויס. נאָך עטלעכע מאָל „קרעלן־רײַסן" האָב איך פײַנע עטלעכע טעג ארומגעטראָגן זיך מיט פארווונדעטע, צעקאַ־לעטשעטע הענט.

נאָר פאר א ליבהאָבער פון דער נאטור האָט עס א קליינעם באטרעף אקעגן יענעם ווילד־שיינעם פארגעניגן, וואָס די קרעלן־גערטנער פארשאפן, ווען מע באזוכט זיי. דער אײַנדרוק דערפון פארבלײַבט אפן גאנצן לעבן.

## 18. דער נאַטורפאָרשער באַם ברעג יאַם.

בעליגעמאַ הייסט דאָס דאָרף. אַזוי רופן עס די ענגלישע באַלעבאַטים פון לאַנד, וואָס האָבן צעקאַליעטשעט דעם סינגאַ־לעזישן נאָמען „וועליגאַהאַם". וועלי — איז די טײַטש — זאַמד. גאַהאַם — איז אַ דאָרף, וועליגאַהאַם = דאָס „זאַמדאָרף". דאָס דאָרף געפינט זיך אויך אויפן דאָרעם־מערבֿדיקן עק פון צייַלאָן און ליגט אונטער דער ברייט פון 6° פונעם עקוואַטאָר.

אַהערצו קומט מען אַראָפּ זיך באַקאַנען מיטן לעבנשטייגער פון אַ סינגאַלעזיש דאָרף, וואָס ליגט אין אַ פֿײַנעם קאָקאָס־וואַלד באַם סאַמע ברעג פון יאַם. די בוכטע איז דאָ אויך פול מיט קרעלן. נאָר קרעלן האָבן מיר אָנגעקליבן שוין אין פּונטאָ־גאַלאַ, און דאָ האָבן מיר זיך געלאָזט מיט שיפלעך אין יאַם קעדיי צו פֿאַנגען די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער היגער יאַם־פֿאַונע (באַלעכאַים־וועלט).

האַגאַם מיר פלעגן אַרויספאָרן אַזייגער נײַן אינדערפֿרי, פֿונ־דעסטוועגן האָט שוין די טראָפּישע זון אַזוי אומבאַראַכמאָנעסדיק געבאַקן פונעם הויכן טונקלבלויען הימל אַראָפּ, אַז מ׳האָט ניט געקענט אויסשטיין דעם אָפּשפּיגל פון די זונשטראַלן אינעם יאַם־אויבערפלאַך. קעדיי עפּעס צו זען, האָב איך געמוזט אָנטון בלויע ברילן. פריִער האָב איך געמיינט, אַז ווײַטער פון ברעג וועט זײַן קילער, נאָר כ׳האָב אַ טאָעס געהאַט: די אומבאַוועגלעכע יאַם־גלאַט האָט געבלענדט די אויגן און אויסגעזעצן, ווי אַ פלי־סיקע מאַסע צעשמאָלצענער בלײַ.

נאָך איין שאָ אַרבעט האָב איך געפילט, אַז די קויכעס גייען מיר אויס, כ׳בין געווען אָפּגעגאָסן מיט שוויס, אין די אויערן האָט געזשומעט, אין קאָפּ האָט זיך געפילט אַ שרעקלעכע שווער־קײַט און געדאַכט האָט זיך מיר שוין, אַז אָט־אָט באַקום איך אַ זונענקלאַפּ. האָב איך געהייסן מע זאָל מיר אַרופגיסן אויפן קאָפּ און אויף די קליידער אַ פּאָר עמער וואַסער, צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ פֿײַכטן האַנטעך און פֿונויבן אָנגעטון אַ ברייטקאַנטיקע הוט.

אָט דאָס האָב איך אלע טאָג געמוזט טון אין דער צײַט פון מײַנע עקסקורסיִעס, קעדיי כ׳זאָל ניט האלטן בא כאלאָשעס.

די יאם־באלעכאִים האָב איך געפאנגען מיט א נעצל פון דינער מאטעריִע, פון „גאזי". דאָ האָבן זיך פּאָפּאדיעט סײַ קליינע קרעפּסלעך, סײַ מעדוזעס, שלייערלעך פון שנעקן, ווערים, פּאָ־ליפּן און קרעפּסארטיקע. דערמיט אלץ האָב איך אָנגעפילט די באנקעס. נאָר דאָ פאר מײַנע אויגן האָבן אייניקע גרעסערע רויב פּאָרמען פארניכטעט די שוואכערע.

דאָסראָוו געפאנגענע זײַנען גלאָזארטיק און דורכזיכטיק. זייער דורכזיכטיקײַט איז אויך אלפּי דארווינען א רעזולטאט פון נאטיר־לעכן אָפּקלײַב. מאכמעס דורכזיכטיקײַט איז דאָך אויך א מאסקיר־מיטל, א מין שוץ־קאָליר, וואָס מאכט אומבאמערקבאר דעם, וואָס פארמאָגט אָט־אָ די מײַלע.

ווען איך האָב זיי דערפירט צוריק צום ברעג, אין א האלבע שאָ ארום, איז שוין 3/4 פון זיי געווען פולקאָם צעפוילט, מ׳האָט שוין קיינשום געשטאלט אין זיי ניט געקאָנט דערקענען, און זיי זײַנען געלעגן ווי א קאלעמוטנער אָפּזאץ אפן דנאָ פון די סלויעס אזוי אז כ׳האָב זיי צוריק געמוזט ארויסוואַרפן אף אזויפיל ווירקט דאָ די טראָפּישע היץ. מיִטן איבעריקן ביסל האָב איך מיך, שוין געײַלט אהיים אין אײַנפאָרהויז ארײַן, כ׳האָב געוואָלט א טייל פון מײַן זאק־רויב כאָטש באטראכטן אונטערן מיקראָסקאָפּ, וועלכן כ׳האָב געהאט מיט זיך. האָבן זיך אָבער באם ברעג צונויפגעזאמלט די היגע אײַנ־ווױנער און אומבאדינגט געפּאָדערט, כ׳זאָל זיי ווײַזן וואָס פאר א פיש כ׳האָב געפאנגען צום עסן. ווען זיי האָבן אָבער דערזען וואָס פאר א מיעסקײַטן כ׳האָב אָנגעקליבן, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי אַ מעשוגע־נעם. אנדערע האָבן ארויסגעזאָגט א געדאנק, צי בין איך עפּשער ניט קײַן קישעפמאכער. ווען מ׳האָט זיי אָבער געגעבן צו פארשטיין, אז איך בין א רײַזנדער און וויל ברענגען אהיים אזעלכע לעבעדיקע זא־כענישן, וואָס דאָ זײַנען זיי דאָ און דאָרט ניט, האָט עמעצער ווײַזט אויס יאָ פארשטאנען, א סימען האָב איך געהאט אף מאָרגן, ווען גאנצפרי, ווי נאָר כ׳האָב מיך אופגעכאפּט, האָט זיך בא מײַן האָטעל

אויסגעסטראָיעט א שערענגע ייִנגלעך, שיינינקע נאקעטע סינגאַ־לעזער באָכורימלעך און איטלעכער האָט מיך מיט עפעס מעכאבעד געווען: ווער מיט א יאם־שטערן און ווער מיט א יאם־שטעכלער, ווער ס׳האָט געבראכט א סקאָרפּיאָן און ווער א פערציקפיסלער, — איינער א פּאָר מעטאל־גלאנציקע זשוקעס און דער צווייטער א גרויס באבעלע. מיט פּאכעד און ערעפורכט פלעגן זיי צוגיין און שטילערהייט אנידערלייגן פאר מיר זייער „רויוו״ און האכנאָ־עדיק ווארטן, וואָס וועל איך זיי שענקען דערפאר, און פון דער קלענסטער מאטבייע זיינען זיי געווען העכסט גליקלעך.

## 19. א טאָג־אויסקומעניש אין ציילאָן.

אופשטיין פלעגן מיר 5 אזייגער פארטאָג, נאָך פארן זון־אופ־גאנג און פלעגן באָדנדיק זיך שוין זעען, ווי די זון האָט זיך אופגעהויבן איבער די שפּיצן פונם פּאלמענוואלד. פארן אָנטאָן זיך האָט מען באדארפט אופמערקזאם ארויסטרייסלן פון די קליידער די סקאָרפּיאָנען, פערציקפיסלער און די אנדערע לעבעדיקע באַ־שעפענישן, וואָס זיינען פאר דער נאכט אהין אָנגעקראָכן.

איבערבייסן פלעגן מיר קאָקאָס־מילך, טיי, באנאנען און מאיס־ברויט, וועלכע אלע עסן דאָ. אינטערעסאנט איז, וואָס דאָ, ווו ס׳וואקסט קאווע און פונוואנען מע ברענגט אים קיין אײראָפּע, האָבן מיר ניט געקענט טרינקען קיין גלאָז קאווע. ער איז דאָ זייער ניט געשמאק, מאכמעס די קערנער זיינע קאָנען דאָ בא דעם טראָפּישען פייכטן קלימאט ניט אויסטריקענען, ווי געהעריק. און גוטע קאווע באקומט זיך נאָר פון טרוקענע קערנער, די קאווע־קערנער פון די טראָפּישע פלאנטאציעס טריקענען גוט אויס ערשט אין אייראָפּע.

קעדיי איז דעריבער צו געדענקען, אז א גוטע גלאָז קאווע קאָן מען טרינקען בלויז דאָרטן, ווו ער וואקסט ניט. און דערפון איז זיך לייכט אָפּצולערנען, ווי אָנגעזעטיקט מיט פייכטקייט די טראָפּישע נאטור איז.

נאָך שארפּער האָבן מיר עס דערפילט, ווען מיר האָבן געעפנט די רייזע־פעק אונדזערע און געפונען, אז די אייזערנע מעסערס זיינען פארזשאווערט, אלע לעדערנע זאכן פארשימלט. דאָס שווארצע רעקל מיינס איז אזש ווייס געוואָרן פון שימל. דעם פאָטאָגראפישן אפּאראט, וואָס כ'האָב מיטגעבראכט, איז כאָטש נעם און ווארף אים ארויס. די פּאָסט־קאָנווערטן האָבן זיך פון זיך אליין פארקלעפּט, אז מ'האָט זיי ניט געקאָנט אופקלעפּן. און דאָס אלץ איז געשעען אין דער טרוקע.נער צייט פון יאָר. מע קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס קומט פאָר אין דער „פייכטער" רעגנדיקער צייט!

אָט וואָס סע הייסט 7° — 6° פון עקוואטאָר!

נאָך א פּאָר שאָ עקסקורסירן איבערן יאַם האָבן מיר זיך א צווייט מאָל אויסגעבאָדן און ווידער אַמאָל אונטערגעלענט דאָס הארץ מיט רייז און קערי. קערי איז א נאציאָנאל־סינגאַלעזישער מייכל, א מין ראָסל פון פיש, פלייש, יאשטשערקעס, שלענג, פלעדערמייז, קרעפּסן אָדער יאם־מאָלוסקן מיט קאָלערליי פּרוכטן און גאָרטנווארג, פארפּראווועט מיט פעפער און געווירצן. דאָס מייכל ווערט אָבער אזוי קונציק צוגעגרייט, אז דערוויסן זיך פון וואָס ס'איז געקאָכט פלעגן מיר ערשט דערנאָך, ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן. ווען מיר זאָלן פריער געוועזן וויסן, וואָלט עס אונדז מיסטאמע געבליבן שטיין אין האלדז. וואָס אנבאלאַנגט דעם טאם איז טכילעס איז ער געווען עטוואָס פּריקרע, נאָר דערנאָך האָבן מיר זיך צוגעוויינט און געהאלטן עס אפילע פאר א גאנץ באטאמט מייכל.

נאָר עמעס געשמאק איז געווען דאָס פארבייסן: קאָלערליי אָרטיקע פיירעס און דעריקערשט די באנאנען, אָדער, מע רופט זיי אנדערש די „באניידן־פייגן".

די סינגאלעזער קולטיווירן עטלעכערליי סאָרטן באנאנען. פאַראן גרויסע, ווי אן אוגערקע, וואסעריקע באנאנען מיט א געשמאקן קילן זאפט, און פאראן קליינע באנאנען, ווי א פינגער די גרייס, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער זיסקייט. פאראן דיקע מעליקע „קארטאָפלדיקע" באנאנען. מיט אזעלכע 4—3 שטיק קאָן מען לייכט

שטילן דעם הונגער. פאַראַן „אַנאַנאַסענע“ באַנאַנען מיט אַן אײדעלן אַראָמאַט. פאַראַן „צימרינגדיקע“, מיט אַ פּיקאַנטן געווירצן־בײַגע־שמאַק. עסן עסט מען די באַנאַנען רויערהייט, נאָר זיי זײַנען זייער



באַנאַנען אין צײלאָן.

געשמאַק געקאָכטערהייט און געבראָטענערהייט אויך. ס'שווער צו געפינען נאָך אַזאַ געשמאַקע, געזונטע און נאַרהאַפטיקע פּרוכט און וואָס זאָל אַזוי קאָנפּענירן אין דער באַלעבאַטישקייט.

איטלעכער באַנאַנען־בוים טראָגט א קראַנץ פון עטלעכע הונדערט פּרוכטן. און אָט־אָ דער בוים מיט זײַן גרויסאַרטיקער בלעטערקרוין פון העלגרינע הענגענדיקע אַנדערהלבן־קלאַפטעריקע בלעטער איז גאָר קיין בוים ניט, נאָר אַן א ײ נ י אָ ר י ק ג ע װ י ק ס, װי אונדזער גאָרטנװאַרג. די שענקײַט פונעם באַנאַן־קוסט איז קלאַל ניט קלענער פון זײַן נוץ. ער באַפּוצט דעריבער די אינדישע געצעלטן.

אַחוץ באַנאַנען פלעגן מיר אָפט עסן אַנאַנאַסן און מאַנגאָ־פּרוכטן — גרינע אײפאָרמיקע פּײרעס פון 8—15 סמ. די לענג, װאָס ס'האָט זיך פון זײ געהערט שפּיגינאַר. צײלאָנער עפּל און פּאָמע־ראַנצן זײַנען פון זײער פּראָסטע סאָרטן און ניט געשמאַק. די פּאָמעראַנצן זײַנען נאָך דערצו גרין און האָבן אין זיך קײַן זאַפט ניט. דאָס איז דערפאַר, װײַל די סינגאַלעזער ניט זײ װײסן און ניט זײ האָבן געדולד װי אַקוראַט נאָכצװזען אָט־אָ די פּרוכטן, װאָס פאָדערן א גוטן אַרומגאַנג אַרום זיך.

צום מיטאָג איז װידעראַמאָל געװען רײַז און קערי דעריקער פון אַלערלײ יאַם־באַלעכאַיִם. פלײש פלעגן מיר באַקומען פון געיעג אין װאַלד. א געבראָטנס פון מאַלפּן־פלײש, פון פליִענדיקע פוקסן, א זופּ פון שלענג. דער טאַם פון דער גרויסער מאַניטאָר־יאַשטשערקע איז זײער געראָטן אין קעלבערן־פלײש. פון אויפעס האָבן מיר דאָ געהאַט טויבן, קאַטשקעס און רײערס.

נאָכן אַרבעט־טאָג מיט די קאָלעקציעס און נאָך די עקסקורסיע אין װאַלד און אין יאַם פלעגן מיר זיך לײגן שלאָפן. אפריער, פאַר־שטײט זיך, האָט מען געמוזט גוט אויסטרײסלען דאָס בעטגעװאַנט פון דער באַלעכאַיִם־װעלט, װאָס האָט זיך אַהין פאַרן טאָג, פאַר־קליבן. אײַנשלאָפן איז געװען גאַנץ געשמאַק אונטערן אַקאָמפּאַ־נימענט קלינגענדיקע שטימען פון די בוים־פרעש, װאָס װױנען אינעװײניק אין די היפשע בלומען, זײ זײַנען זײער שײנע און גראַציעזע. דער שלאָף איז געװען א רויִקער, זעלטן װען די שאַקאַלן מיט זײער הױלן אָדער דער טײַװלשער פױגל, א סאָװע אַזאַ מין (Syrnium Indiani) מיט איר אומרו־געשרײ האָבן אונדז ניט געלאָזט שלאָפן.

## 20. אין אַ סינגאַלעזער דאָרף.

אין בעליגאַמאַ האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט נעענטער זיך צו באַקאַנען מיטן לעבן פון די סינגאַלעזער. דערצו האָט מיט־געהאָלפן דער „בייט־האַנדל", וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז דורכדעם, וואָס זיי האָבן מיר אַריינגעבראַכט אַלערליי אַנטיקן פאַר מיינע קאָלעקציעס. פון דער צווייטער זייט האָבן מיינע סלויקלעך און מאַכשירים בײַ זיי אַרויסגערופן די פאַר־שטעלונג וועגן מיר ווי וועגן אַ קישעפמאַכער, וואָס מאַכט גע־וויקסן קאָלערליי, מאַגישע געטראַנקען און פון יאַם־באַלעכאַים — גאָלד! פלעגן זיי פון מיר ניט אָפּטרעטן און מיט נייגיר צוקוקן זיך צו יעדן טריט מיינעם, צו יעדן ריר מיט דער האַנט. פאַר זייערע עקזעמפּליאַרן, וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער קאָלעקציע, פלעג איך זיי איינטיילן מעסערלעך, שערלעך, אָפּצוועגעס, העמ־מערלעך א. א. וו. די בעסטע מאַטאָנע אָבער איז בײַ זיי געווען אַ העלפאַרביקע „קאַרטינקע". צווישן אונדזערע רייזנדער איז געווען איינער, וואָס האָט מיטגעבראַכט אַזעלכע בילדלעך מיט פּאָרטרעטן פון פּרייסישע יונקערס, ענגלישע אַדמיראַלן, קריגס־בילדלעך א. א. וו. האָבן אָט־אָ די „קונסטווערק" איינגיכן באַפּוצט אַלע סינ־גאַלעזער הײַזלעך. זיי פלעגן זיך רײַסן איבער אָט די זאַכן.

איינגיכן זײַנען מיר געוואָרן געוויינלעכע געסט אין זייערע דערפלעך און הײַזקעס.

בעשאַס די עקסקורסיעס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, ווי ווייניק מיידלעך ס׳איז בײַ זיי אין דער עלטער פון 12—20 יאָר. צו 11—13 יאָר האָבן זיי שוין כאַסענע. צו 20—25 יאָר זײַנען זיי שוין פרויען אין די מיטעלע יאָרן, — צו 25—30 יאָר זײַנען זיי גיט זעלטן באָבעס.

די צאָל פרויען איז ביכלאַל קלענער פון דער צאָל מענער און באַציט זיך, ווי 9—8 צו 10. דעריבער איז דאָ פאַרשפּרייט אַזאַ דערשײַנונג, אַז צוויי־דרײַ ברידער האָבן איין ווײַב אויף קאָלעק־טיווע יעסוידעס. פאַראַן פרויען, וואָס האָבן 8—12 מאַנען.

איינער פון די אָרטיקע, וואָס האָט אליין געהערט צו א העכערער קאסטע און זיך באצויגן מיט פאראכטונג צו דער „מאסע", האָט אף אזא אויפן דערקלערט דעם נידעריקן מאצעוו פון די היגע:

— וואָס פאר א בידעשע איז עס, —האָט ער געזאָגט,— איטלעכער פון זיי האָט דאָך עטלעכע טאטעס. איז וויבאלד ער יארשנט פון יעדן טאטן די בעסרוינעס זײַנע, איז ער נאטירלעך ערגער פון די עלטערן. אזוי ווערן זיי ערגער פון דאָר צו דאָר!

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיטן גאנצן ערנסט, ניט אלס קײַן וויץ.

די סינגאלעזער זײַנען שטארקע ליבהאָבער פון מוזיק. זייערע הויפּט־קלייזמער זײַנען: 1) א פויק, אין וועלכן זיי קלאפן מיט הילצערנע קלאפערלעך מיט אלע קויכעס, 2) קאמישענע פײַפלעך און א 3) אמין פידל־מאכשיר פון איין סטרונע.

ווען מיר האָבן אָט־אָ די גרילצנדיקע מוזיק דערהערט, זײַנען מיר ארויס א קוק טון און דערזעען א הײַפל נאקעטע מענטשן צעפארבט אין ווײַסן, געל און גרינס, וואָס האָבן פאנטאסטישע באוועגונגען אויסגעטאנצט ארום א פײַער, וואָס איז געווען צעלייגט אונטער די פאלמען. ארום איז געזעסן אף די אונטערפיס א היפשער אוילעם און אופמערקזאם געשפירט נאָך די טענץ. בעשאס די בודישע יאָנטויוועם פון זון־שטאנד, וואָס פאלן צונויף מיט אונדזערע וויינאכטן (ראָזשדעסטוואָ), זײַנען אָט־אָ די טענץ געווען פײַערלעכער. די טענצער האָבן זיך געמאָלט, געפוצט מיט פעדערן, הערנער און מיט אן עק. אין אָט די טעג פלעג מען הוליען דורך די טעג און דורך די נעכט.

באַ דער בײַט אנערעך איז אונדז אויך אויסגעקומען נאָכצושפירן אַ לעוואיע פון א בודיסטישן גאלעך. די סינגאלעזער באַגראָבן זייערע מייסים אָדער אין גאָרטן אָדער אין נאָענטסטן קאָקאָס־וועלדל. פאר די גאלאָכים אָבער פאסט ניט אזא פּאָשעטע באַגרעבעניש. זיי האָבן דעריבער די ערע פארברענט צו ווערן דאָס מאָל איז געשטאָרבן אן אלטער בעקאָוועדיקער גאלעך. האָט מען לעבן הויפּט־טעמפל אין פאלמען־וועלדל צעפירט א גרויס



אן אָרט לעבן טעמפל אין בענארעס, ווו מע פארברענט מייסים.

פֿייַער פֿון פּאַלמען־קלעצער. פֿריִער האָט מען דעם מעס דורכגע־טראָגן דורכן גאַנצן דאָרף אויף אַ הויך טראָגבעטל באַצירט מיט בלומען, און בעשאַס־מייַסע געזונגען ספּעציִעלע ספּילעס. דערנאָך האָבן עטלעכע יונגע גאַלאַכים אין געלע קליידער אַרופֿגע־שלעפּט דעם מעס אויפֿן שייַטער, וואָס האָט געהאַלטן 9 מעטער די הייך (ווי אַ צווייסטאָקיק הויז!). פֿון אַלע פֿיר ווינקלען איז דער שייַטער געווען אָנגעשפּאַרט אין פֿיר הויכע פּאַלמען, איבער וועלכע ס'איז געווען איבערגעצויגן אַ ווייַסע כופּע. דער אַרומי־קער הייסער לופֿט־שטראָם האָט די גאַנצע צייַט געהויבן דאָס ווייַסע שטאָף פֿון דער כופּע און אויף דער נאַכט ערשט האָט דער פֿלאַם דערגרייכט צום כופּע־טוך און אָנגעצונדן עס. אין איין אויגנבליק איז עס פֿאַרברענט געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך אַ פֿרייד־געשריי אַרויסגעריסן פֿון טויזנטער מייַלער און ווייַט אָפּגעהילכט אין שטילן וואַלד:

— דאָס איז די נעשאָמע פֿונעם ברענענדיקן גאַלעך אַרופֿגע־פֿלויגן אין הימל אַרייַן!

גלייַך נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ הוליעניש, מע האָט פֿאַנאַנדערגעטראָגן און געטיילט דעם אוילעם פּאַלמענווייַן און רייַז־קנישעקלעך.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די סודע אַרום דעם טליִענ־דיקן שייַטער.

## 21. דער קראַאַל.

האַלב זיבן אינדערפֿרי איז פֿון קאָלאָמבאָ אָפּגעגאַן אַ צוג, וואָס האָט געפֿירט צום „קראַאַל“ אַ דרייַ הונדערט פּאַרשוין. דער „קראַאַל“ איז געלעגן אין דערמיט פֿון די דזשונגלי, עטלעכע שאָ רייַזע פֿון דער שטאָט. אייגנטלעך האָט דער קראַאַל מיט זיך אויך פֿאַרגעשטעלט אַ שטאָט, נאָר אַ צייַטווייַליקע, סאַכאַקל אויף אַ פּאָר וואָכן אויסגעבויט, אויף דער צייַט, וואָס סע וועט געדויערן דאָס געיעג נאָך די העלפֿאַנדס. אויף אָט־אָ דער צייַט האָבן זיך דאָרט

פראכטפולע האָטעלן געעפנט פאר די הויכגעשטעלטע לײַט, די פאָרשטייער פון דער אינדישער און ענגלישער אדמיניסטראציע, די אָרגאניזאטאָרס פונעם קראאל, פאר די פארבעטענע און אויסגערופענע גרויסארטיקע געסט, וואָס זײַנען צוגאסט געקומען פון אייראָפּע. און פאראלעל מיט אָט אָדער ווײַסער שטאָט איז דאָ אויך געווען א „פּעטאך", ווי מע זאָגט דאָ, א שווארצע שטאָט פאר די היגע טונקעלע מענטשן. אין אָט דעם טייל זײַנען פאָלקס־טימלעכע אכסאניעס געווען, קרעמעלעך פון סאָדע־וואסער און קונצנמאכערס, — אן עמעסער מיזראָכישער יאריד.

אלט איז דער קראאל־מינהעג, ווי אינדיע אליין, דוכט זיך, און דורכגעפירט ווערט ער אציגד, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. טכי־לעס פארגרייט מען א פ א נ ג־אָ ר ט פאר די העלפאנדן, ד. ה. מע צוימט אַרום מיט שטאמען א גרויס אָרט אין די דזשונגלי. ווען דאָס איז שוין גרייט, דעמאָלט נעמען זיך צו דער ארבעט די א ר ײַ נ ט ר ײַ ב ע ר ס. דאָס זײַנען א פּאָר טויזנט קולי, וואָס זייער אויפגאבע איז פארנארן די טשערעדע העלפאנדן אינעם פאנג־אָרט אריין. מיט זייערע פויקן, שיסערײַ און געשרייען מאכן זיי אָן אין וואלד־געדיכטעניש אזא מין תּײַוולשן טומל, אז די דיקפעליקע העלפאנדן זײַנען נעבעך געצוווּנגען צו נעמען דעם וועג און אָפּטרעטן. ווו ס'נאָר א וואסער פאראן אין וואלד, צינדט מען דערבײַ אָן א פײַער און מע שטעלט דערבײַ אוועק עטלעכע קוליס מיט זייערע ביקסן און פויקן, מאכמעס די העלפאנדן זײַנען שטארקע באלאָנים אף וואסער. אזוי ארום ווערן די העלפאנדן נעבעך געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אינעם איין־און־איינציקן אָרט, וווּ ס'איז שטיל, ווו מע פויקט ניט און מע שיסט ניט, און ווו ס'איז פאראן פרײַע ניט קיין פארשטעלטע וואסער צום אָנטרינקען זיך, — אזא אָרט איז נאָר דאָס ארומגעצוימטע פאנג־אָרט, דער „קראאל", וווהין דער ארײַנגאנג פאר די העלפאנדן איז פרײַ. ניט מער ווי א פּאָר וואָכן געדויערט ביז דער גאנצער אוילעם העלפאנדן פון נעם גאנצן ארומגערינגלטן שטיק וואלד (א גאנץ היפּשע שטרעקע) קלײַבט זיך צונויף אין קראאל ארײַן. דאָ טוען זיי זיך א וואָרף

צו דער וואסער, באָדן זיך, טרינקען זיך וויפל זיי גלוסטן און פליוכקען זיך אין איר צופרידענערהייט, וואָס זיי "האָבן סאָפקאָל־סאָף א מאָקעם־מענוכע געפונען, ווו מע קאָן לעבן, "ווי דער גאָט פון דזשונגלי האָט געבאָטן".

אין דער צייט פארמאכט מען דעם אריינגאנג אין קראאל.

ווען אָט דאָס איז פארטיק, דעמאָלט גיט מען צו וויסן פער־טעלעפאָן דעם הויכגעשטעלטן אריסטאָקראטישן אוילעם פון קאָ־לאָמבאָ, אז "אלץ איז גרייט און מע בעט די געסט ניט פארשפע־טיקן". אָט־אָ דעמאָלט לאָזן זיך עס פון קאָלאָמבאָ איבערגעפולטע ספעציעלע צוגן צו דער "שטאָט" פונעם קראאל, קעדיי צו פאר־ברענגען דאָרט די צייט פון געיעג.

דאָסמאָל, ווען מיר זיינען אהין אראָפגעקומען, זיינען נאָך די העלפאנדן ניט געווען "פארקראאלט". א גרויסע טשערעדע פון א שטיק זעכציק האָט זיך געבאָמבלט סאמע באם אריינגאנג און ניט געוואָלט אריין אין קראאל. באטאָג האָט מען זיך דערוווּסט די סיבע דערפון: איינע אַן אלטע העלפאנדן, וואָס איז שוין איינ־מאָל געווען אַמאָל געפאנגען און האָט זיך דעמאָלט געהאט אויס־געדרייט אף עפעס אן אויפן, — איז אָט־אָ די אַלטע העלפאנדן האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעם אַרײַנגאנג און איינמאָל פאר אלעמאָל קיינעם ניט געלאָזט אריבערשפרייזן די שוועל פון קראאל. ווי נאָר עמעצער פלעג זיך דערנעענטערן צום אַרײַנגאנג, האָט זי אים פארשטעלט דעם וועג און ווײַטער ניט געלאָזט גיין. דעמאָלט האָט מען אָט־אָ די קלוגע און געפרוווטע העלפאנדן, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאר אירע שטאמברידער, דערשאָסן. און דעמאָלט ערשט האָט זיך געעפנט דער וועג אין קראאַל אַרײַן. דער ער־שטער איז אַרײַן אין פאנג־אָרט איינער אַ געזונטער זאָכער און נאָך אים נאָך א פופצן—זעכצן באלעכאַים. די איבעריקע פונדעסט־וועגן זיינען פארבליבן אין דרויסן און האָבן דעם מינדסטן כיי־שעק ניט באַוויזן אריינצוגיין אין "קראאל". ווײַזט אויס, דאָס אַק־שאָנעס פון דער אַלטער העלפאנדן האָט עפעס געזאָגט זייערע שווערע העלפאנדישע מויכעס און זיי האָבן זיך אײַנגעשפארט:

איינמאָל פאַר אלעמאָל ניין. דעמאָלט האָט מען באדארפט כאָטש באוואָרענען, אז די העלפאנדן, וואָס זײַנען שוין אריינגעגאנגען, זאָלן כאָטש ניט ארויסגיין צוריק. האָט מען געמוזט פארמאכן דעם קראאל און אָפּלאָזן די אײַנגעשפּארטע העלפאנדן צוריק אין ווילדן וואלד ארײַן. זייער אקשאָנעס און פאַרזיכטיקייט איז זיי בײַגעשטאנען. און אגעוו האָט זיך דאָ אינמיטן דרינען ארײַנגעמישט אַ צווייטע סיבע, שוין גאָר ניט קיין עקזאָטישע, ניט קיין ספּעציפיש אינדישע, נאָר א גאנץ געוויינלעכע אין אלע לענדער פון דער וועלט:

די אַרײַנטרײַבערס האָבן פארשטרײַקט: איבער די העלפאנדן האָט זיך דאָס ארײַנטרײַבן צופיל פארצויגן. און זיי ארבעטן דאָך ניט פון דער צײַט, נאָר פאַר דער גאנצער אָפּגעטרעטענער מעלאָכע „אַנגראָ".

הכלל, באנאכט האָט מען פארשפּארט דעם קראאל און אפן צווייטן פרימאָרגן, גאנץ פרי, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג.

דאָס ארײַנטרײַבן איז פאָרגעקומען, ווי מע האלט דאָס אָט דאָ, „בעשאָלעם", ד. ה. „סאכאקל" עטלעכע קולי זײַנען דערבײַ אומגעקומען. ווען מע האָט אַ גרופּע פון זיבן העלפאנדן ארײַנגעגארט אין קראאל, איז אף איינעם פון זיי, ווײַזט אויס, אָנגעפאלן א גרויסע איימע פון דעם טומל. וואָס די געדונגענע קולי האָבן געמאכט, איז ער צעטומלט געוואָרן און זיך מעשוגענערווײַז א וואָרף געטון אין דער זײַט אף דער צוים־באריקאדע. פונעם שטארקן קלאפּ זײַנען זיך די שטאמען צעפלויגן, ווי שפּענדלעך, און דער צערייצטער העלפאנד איז דורכגעשפּרונגען און דערקוועטשט צום טויט עטלעכע קולי.

וואָס פאר א באטרעף האָבן עטלעכע קולי, ווען „אייראָפּע אין אינדיע" פרייט זיך און מאכט זיך לוסטיק צוזאמען מיט די העל־אויסגעפּוצטע אינדישע פרינצן און נאבאָבן!

זיי מיט זייערע דאמען אין זײַדענע זאָקן און פאריזשער קאָרסעטן זײַנען זיך געזעסן ארויסגעזעצט אין ספּעציעלע גאלערייען, וואָס זײַנען געווען אײַנגעאָרדנט אין דער הייך, העכער פון די צוימען און אפילע אינעם געבלעטער פון די ביימער.

דער „הער גובערנאטאָר" טוט א מאך מיט דער האנט — עפּנט זיך געשווינד אַ טויער, און דורך דאָרטן גייען אַרײַן אין קראאל אַרײַן עטלעכע שוין „פאַרהיימישטע", גוטמוטיקע העלפאנדן. זיי לאָזן זיך צו זייערע ווילדע ברידער און שפּילן בענעגייע צו זיי א ראָליע פון עמעסע „פאַרעטערס". צוויי פון זיי מיט רײַטערס אַף די פּלייצעס אַף זייערע האָבן זיך דערנעענטערט צו איינעם פון די ווילדע העלפאנדן, אַרײַנגענומען אים אין דער מיט אַרײַן צווישן זיך, צוגעשפּארט און אַריבערגעוואָרפן אים דעם שנוק איבערן קאָפּ אַזוי, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט ניט רירן זיך פון אָרט און ניט אַרויסווײַזן קיינשום ווידערשטאנד. דעמאָלט איז איינער פון די רײַטערס, דער „שלייפּנוואַרפער" אָדער, ווי מע רופט אים דאָ, דער „נאָזער", אַראָפּגעקראָכן פון זײַן העלפאנד און אָנגעטון דעם פאַרהאַלטענעם ווילדן העלפאנד אַף איין הינטערשטן פוס זײַנעם א שלייף און אים אַזוי אַרום צוגעבונדן צו אַ בוים. ביידע פאַרעטער — העלפאנדן האָבן דערנאָך אַרומגעפירט דעם ווילדן העלפאנד, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן אין דער קלעם, „האַקאָפעס" אַרום בוים אַזוי, אז דער שטריק האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעוויקלט אַרום בוים און דער העלפאנד איז שוין געשטאַנען האַרט לעם בוים, דעמאָלט האָט דער „נאָזער" צוגעפּענטעט אויך דעם צווייטן הינטערשטן פוס צום בוים.

דערנאָך האָבן די צוויי גוטמוטיקע פאַרהיימישטע העלפאנדן אָפּגעצויגן. דאָ ערשט באַמערקט דער ווילדער, וואָס פאַר א שפּיצל מע האָט מיט אים אָפּגעטון, וואָ... ...ר זיך מעשוגענערווײַז, רײַסט זיך אין אַלע זײַטן, שנײַדן זיך אים ... שטריק אַרײַן אין לײַב אַריין. אָן אַנדערש מאָל פאַרווונדעט זיך דער געפּענטעטער העלפאנד אליין אַזוי שטאַרק בעשאַסן רײַסן, אז ער שטאַרבט דערנאָך פון די ווונדן. מערסטנטייל אָבער באַרויִקט ער זיך סאָפּקאָלסאָף.

אַזוי פּענטעט מען איין ווילדן נאָכן צווייטן. דעמאָלט הייבן זיי אָן אַזוי פאַרצווייפלט צו רעווען מיט אַזא קראַפט און אַזא ראַכמאָנעס, אז סע דאַכט זיך, אז דער גאַנצער קראאל, צוזאַמען

מיטן אורוואלד וועלן אײַנפאלן פון זייער ברילן. פאַרשטייט זיך, אז סע העלפט זיי, ווי א טויטן „באנקעס". דאָס גערוויערט אזוי לאנג ביז זיי קומען, וויַזט אויס, צום סיכל, אז דאָס שרײַען מיטן גוואלדעיוען איז אומזיסט און אז זייערע גוטמוטיקע „ברידער" האָבן זיי פאַרפירט אין א רעכטער בלאָטע, — אָדער ריכטיקער, ביז זיי ווערן מיד שרײַענדיק. דעמאָלט הייבן זיי אָן ווערן גלאסענער און נעמען אפילע אַ טרונק וואסער, וועלכן מע דערלאַנגט זיי.

דאָס קומט פאָר געוויינלעך אין א פאָר טעג ארום, אייניקע אָבער זײַנען אזוי ווידערשפעניק, אז מע מוז זיי האלטן געפענטעט וואָכנלאנג און אפילע כאדאָשימווײַז.

ווען סע קומט אָבער סאָפקאַלסאָף די שאָ און זיי „קומען צום סייכל", דעמאָלט גייען ווידעראמאָל ארויס אף דער סצענע א פאָר פארעטערס און פירן אוועק דעם „אויסגעשולטן" העלפאנד, ווהין מע באדארף. ביכלאל גערוויערט דאָס פארהיימישן א העלפאנד פון זיבן ביז נײַן כאדאָשים.

דאָס פאנגען העלפאנדן אף אזא אויפן איז דאָ אויסשליסלעך אזא מין „ספאָרט". לוינען לוינט דאָס ניט. מאכמעס פאנגען א העלפאנד קאָסט ניט ווייניקער פון 100 רובל און דער גרעסטער טייל פון די געפאנגענע שטארבן אויס.

אין דאָרעם־אינדיִע פאנגט מען זיי אנדערש: אין דער געדיכטעניש פון די דזשונגלי גראָבט מען אויס גרויסע גריבער, ביז נײַן מעטער די טיף. אף דרײַ פערטל פילט מען זיי אָן מיט צרגויפגעוואָרפענע צווײַגן. דאָסגלײַכן דעקט מען זיי איבער מיט צווײַגן און קוסטעס. אָט די גריבער אָרדנט מען געוויינלעך אײַן אף אן אויסגעשפירטן באליבטן וועג פון א טשערעדע העלפאנדן.

אָט־אָ דער אויפן איז א גאנץ אלטער, אפילע אן אורעלטער. נאָר ער איז אָבער ניט אזוי פראָסט, ווי סע דאכט זיך. מע דארף זײַן געניט באדערבײַ און וויסן א מאָס. אויב מע פילט ניט אָן גענוג די גרוב מיט צווײַגן, קאָן נאָך דער העלפאנד אראפאלן און זיך צעברעכן א פוס, אויב דער צורעק פון גרוב איז א שוואכער, ווערט ער דורכגעוואלגערט דורך גרינגערע באלע

כלים, ווי הירשן, גאזעלן, בופלאקסן און טיגרעס. דער גרוב־צו־דעק דארף זײַן אזוי, אזא קיין שום אנדער כאַיע אכוצן העלפאנד זאָל אהינצו ניט ארײַנפאלן, זאָל ניט זײַן בעקויעך אײַנצוואל־גערן אים.

אזעלכע גריבער מאכט מען א פינף—זעקס, קאָן מען זײַן זי־כער, אז אין איטלעכן וועט טרעפן א העלפאנד, אמאָל אפילע א צוויי — דרײַ.

דערבײַ באנוצט מען זיך אויך מיט די שוין פארהיימישטע העלפאנדן די „פארעטערס", מיט זייער הילף בינדט מען איבער אין גרוב די ארײַנגעפאלענע העלפאנדן מיט איין שטריק דעם קאָפ און מיט צוויי שטריק די הינטערשטע פיס.

ווען דאָס איז אָפּגעטון, ווארפט מען אָן אין גרוב ארײַן צווײַגן, שטאמען און ערד און מע העלפט די געפאנגענע און געפּענטעטע זיך ארויסקלײַבן פון דער גרוב.

דערנאָך פירט זיי דער פארעטער אָפּ אין קאמער ארײַן.

אזוי ווערן אויסגעראָטן פון דאָר צו דאָר די מישפּאָכע פון די הארטלײַביקע, וואָס איז אין ציילאָן און אין אינדיִע אמאָל אסאך פילצאָליקער געווען ווי אצינד.

## 22. צווייערליי אינדיִעס.

ביז אצינד האָבן מיר דורכגעמאכט פארשיידענע עקסקורסיִעס איבער ציילאָן, דעם אינזל, וואָס ליגט צו דאָרעם פון אינדיִע, ווי זײַנס אן אָפּגעריסן שטיק, ווי אן אָפּגעבראָכן שטיק ערד פונעם גרויסן אינדישן קאָנטינענט. נאָר אקוראט ווי אין ציילאָן גופע טרעפן זיך צונויף הוילער, נאקעטער אוראלט, ווילדע, מאמעש בע־ריישיסדיקע שוואַטים אפן ראנד פון דזשונגלי־געדיכטעניש באגלײַך מיט א מאָדערנעם וואָלקנקראצער און קילטורעלע—אָן און מיט געגדזלפיסלעך—איירעפּייער, ווי די, וואָס מיר האָבן באגעגנט אין דער האוון־שטאָט קאָלאָמבאָ, אקוראט אזוי צווייפּענימדיק און צווייפּאָליוסדיק איז דער גרויסער אינדישער קאָנטינענט גופע.

קיין איין לאנד אין דער וועלט האָט ניט אזויפיל פארשיידנ־ארטיקע קולטורן, ווי אינדיִע. אז מע וויל קאָן מען זאָגן, אז צוויי ערליי אינדיִעס זיַינען פאראן:

די איצטיקע אינדיִע, וואָס לעבט מיטן היַינטיקן טאָג, מיטן איצטיקן טעמפּ און

די אלטע אינדיִע, די פארגליווערטע, וואָס איז טריַי געבליבן די טראדיציִעס פון דער פארגאנגענהײַט.



שייער פון סאפּפירן.

נאָר ניין, ס'ניט אינגאנצן ריכטיק. די ביידערליי אינדיִעס זיַינען איבערגעפלאָכטן איינע מיט דער צווייטער אזוי, אז ס'איז זיי שווער צו פאנאנדערטיילן. היַינט איז די פארגאנגענהײַט גופא ניט קיין איינהײַטלעכע. די פארגאנגענהייט איז אויך א מאָזאַיִשע, זי שלאָגט אָפּ, דוכט זיך, מיט אלע קולטור־פארבן פון מיזרעך און מײַרעוו.

אין דער איצטיקער אינדיִע קאָנט איר באמערקן דרייַ הויפט־קולטור־שיכטן, וואָס פירן צווישן זיך א קאמף:

— דער איסלאם

— די אינדוסישע קולטור

— דער אייראָפּעיִשער אייַנפלוס.

דער איסלאם האָט זיך באפעסטיקט אין צאָפן־מיַירעוו־אינדיִע, אין די צענטרען פון דעלי, אגרא, אכמעדאבאד.

די אינדוסישע קולטור האָט איר נעסט דעריקערשט אין בענארעס און אין דאָרעם־אינדיִע מיט אירע שטעט טאנדזשאָר, טריטשינאפּאָלי און מאדורא.

די אייראָפּעיִשע קולטור האָט זיך אירע ווינקעלעך קימאט אין אלע שטעט. יעדער שטאָט האָט אן אייראָפּעיִשן קווארטאל, געבויט אין אייראָפּעיִשן סטיל און צוגעפּאסט צו די געוווינהייטן און באדערפענישן פון די אייראָפּייער.

אַ דעריקערשט אייראָפּעיִשן אויסזען האָבן אויך די פיר הויפּט־שטעט, וואָס רעגולירן דאָס לעבן פון גאנץ אינדיִע: באָמביי, קאלקוטע, מאדראס און קאָלאָמבאָ.

אלע אָט־אָ די שטעט זייַנען נייַ, זיי זייַנען די נערוון־צענטרען פון אינדיִע. נאָר דאָס זייַנען „שטעט אָן א פארגאנגענהייַט". זייער גאנצע אנטוויקלונג איז פארבונדן מיט דער געשיכטע פונעם ענגלישן אימפּעריאליזם, פונעם קאָלאָניִאלן האנדל, נעמט, צום בייַשפּיל

## 23. באָמביי.

א האלב אייראָפּעיִשע, האלב אַזיִאטישע שטאָט מיט א פיל־פעלקערדיקער באפעלקערונג פון ‎.000‏ [illegible] מענטשן, מיט א האוון, וווּהין מע פירט צו טוווּע און בא [illegible] ידזשעראט, דעקאן, צענטראל־אינדיִע, מיט ביניאָנים אין [illegible] אָטישן סטיל, וואָס זייַנען אזוי אומגעריכט אָט־אָ דאָ אונ[illegible] טראָפּיקעס, מיט א פּראכטפולן באמיאמישן בולוואר, איבער וועלכן סע ציִען זיך צום



אן אלטער דזשאינא־טעמפל.

סאָף טאָג גאַנצע רייען פאַעטאָנען מיט דאַמען, וואָס מאַכן דאָ זייער פאַרנאַכטלעכן פראָמענאַד, — דאַמען פון אַלע הויט־קאָלירן: אינ־דערנס, מוסולמענערנס, פאַריזשאַנערנס, און וועמען איר ווילט נאָר.

פאַרשטייט זיך, אויך דאָ האָט איר אָן אַ שיר מעטשעטן און אַסאַך אינדוסישע, פאַרסישע און דזשאַינישע באָטיימיקדאָשים. אויך דאָ האָט איר אַ פּלאַץ צום פאַרברענען מייסים. איר האָט דאָ אויך אַ מוישעוו־זקיינים פאַר אַלטע און קראַנקע באַלעכאַיִם, ווו מע האָדעוועט הינט, קעץ, מאַלפּעס, אָקסן, שאָף און אייזלען, נאָר דאָך ניט געקוקט דערויף, וואָס פון זײַנע דרײַ פּערטל מיליאָן אײַנוווינער איז סאַכאַקל 12 טויזנט אייראָפּייער, דאָך האָט די שטאָט אָן אייראָפּעיִשן אויסזען מיט אַ פּאָסט, אַ טעלעגראַף, אַ קאַטעדראַלער קירכע, אַ ראַטושע, אַ קאָלעדזש, אַ אוניווערסיטעט, אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכן מוזיי און אַ פּראַכטפולן וואָקזאַל — איינעם פון די שענסטע אין דער וועלט: הײַנט דענקמעלער? אָן אַ שיר דענקמעלער פון ענגלישע קיניגן און קיניגנס, פון גובערנאַטאָרן און אַדמיראַלן, וואָס האָבן אַ פּײַן ביסל בלוט אָפּגעצאַפּט בײַ דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן וועגן —

## 24. קאַלקוטע.

די שטאָלץ פון אינדיִע. אַ שטאָט מיט ראַכוועסדיקע שטרע־קעס, מיט פּאַשע־פעלדער, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן צווישן די שטאָטישע געבײַדעס, — אַ זייכער פון יענע צײַטן, ווען די ברעגן פון גאַנג האָבן אַף זיך נאָך ניט געהאַט די שווערע שפּורן פון דער אינדוסטריִע, וואָס האָט זיך אַצינד דאָרט אַנטוויקלט, פון יענע צײַטן, ווען פאַזע ברעג איז נאָך ניט געלאָפן קיין אײַזנבאַן, ווען איבערן טײַך איז נאָך ניט געהאַנגען קיין בריק און ווען דער פאַרנאַכטיקער הימל איז נאָך ניט געווען פאַרויכערט פונעם אָטעם פון דער גע־פאַקטער איבערגעפולטער שטאָט. גרויסן האָט נאָך דעמאָלט דער טײַך געבראַכט פון די שפּיצן מיידלשע הימאַלאַיען אין סאַמע

הארצן אריַין פון דער טומלדיקער און שטויביקער קאַלקוטע. אַצינד איז קאַלקוטע א שטאָט פון ארבעט און פאַרגעניגן. ארבעט פאַר איינע און פאַרגעניגן פאַר אנדערע, א צענטער פון קאָלאָסאַלע אונטערנעמונגען, א גראַנדיעזער סכוירע־לאגער און גיגאַנטישע וועלט־פאבריק. דער טײַך זײַנער הוגלי איז אײַנגעפּרעסט צווישן געדיכט באַפעלקערטע ברעגן.

און קאַראַוואַנען פון אינדישער קאָנאָפּלי, באוול, אינדיגאָ ציִען זיך דורך דער שטאָט און באַלאַגערן די ברעגן.

פון אַ מיליאָן באפעלקערונג איז דאָ סאַכאַקל 5000 איירֹאָ-פּייער. קלויסטערס אָבער האָט איר דאָ 30 פּראָטעסטאַנטישע, 8 קאַטוילישע און קיין איין אינדוסישן ניט. קאַלקוטע איז די הויפּט-שטאָט פון אינדישן קיניגרײַך און די רעזידענץ פון וויצע-קיניג. אויך קאַלקוטע איז פאַרפּלייצט מיט העסלעכע ענגלישע בראָנזענע דענקמעלער. נאָר אויך דאָ טרעפט איר שיינע פּאַרקן, באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע גערטנער, מוזייען, שיינע באַנק־געבײַדעס, שולן, רעגירונג־אַנשטאַלטן.

ווען ניט דער מאַבל פון שפּראַכן און פעלקער אף די גאַסן, וואָלט מען אין צענטראַל־קוואַרטאַל לאַכלוטן געקאָנט פאַרגעסן, אז איר זײַנט אין אזיע.

## 25. די אנדערע נײַע שטעט.

די הויפּטשטאָט קאַראַטשי וואַקסט אף ערד, אַרויסגעריסענער פונעם וויסטן מידבער. אָט דעם האָוון מען האָט ערשט ניט לאַנג צו האַנדל צוגעפּאַסט. די שטאָט שטייט סאַמע באַם אַרײַנגאַנג אין טאָל פון טײַך אינד. ציט ער צו צו זיך די טוווע פון סינד און מיזרעך־פּענדזשאַב, אָט־אָ די קאַנטן, וואָס זײַנען פרוכטלאָז געווען ביז מע האָט זיי ניט באַדעקט מיט א נעץ פון באַוואַסער־ביניאָ־נים. עמעס, קאַראַטשי וואַקסט ניט מיט אזא טעמפּ, ווערליק סע האָט פון אים דערוואַרט די רעגירונג און דער סאָכרישער קלאַס.

הײַנט וואָס איז ווערט די שטאָט ראַנגון!

אַ וווּנדער פון מענטשלעכער ענערגיע און אַרבעט־דראַנג. אויפֿן אָרט פון דער זומפּיקער דעלטאַ פונעם טייַך איראַוואַדי שפּרייטן זיך אַצינד ברייטע גאַסן, וואָס רינגלען אַרום די בלענדנד־ווייַסע פּאַגאָדעס. און די גאַסן שוויבלען מיט מענטשן, וואָס זייַנען פרעמד צו די פּאַגאָדעס, — מיט מענטשן, וואָס זייַנען געקומען נאָך רייַז, וואָס די ברעגן פון איראַוואַדי האָבן אויסגעכאָ׳עט, נאָך וואַלד, סכוירע פון בירמע. און איראַוואַדי טראָגט דאָס אַלץ האכנאָכעדיק אויף זייַנע וואַסערן פון 1200 מייַל די לענג, טראָגט צום אויסגוס צו זייַנעם, קיין ראַנגון. וואַקסט ראַנגונער פּאָרט, דער ערשט נעכטן אויפגעבויטער, וואַקסט און פאַרמעסט זיך שוין מיט די גרעסטע האַוונס פון אינדיע. פּראַכטפול איז די שטאָט אום ווינטער און אומדערטרעגלעך אום זומער, אין די טראָפּישע היצן און גוואַלדיקן שטויב.

## 26. די זומער־שטעט.

דאָס זייַנען בערגישע סטאַנציעס, וווּ סע באַהאַלט זיך אויס פון די פּכאָדימדיקע היצן די צענטראַלע און פּראָווינציעלע אינדישע רעגירונגען מיט אַלע זייערע מיטאַרבעטער, קאַנצעליאַריסטן און מיט דער גאַנצער ליידיקגייערישער אָרטיקער אַריסטאָקראַטיע, וואָס פּלייַסט זיך ראַק, וואָס פּינקטלעכער נאָכצוטאַנצן די ווייַסע לעבנברענערס. אָט די אַלע זומער־שטעט זייַנען שוין אַלט בא די דרייַ פערטל הונדערט יאָר. צווישן אָט די שטעט פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט ס י מ ל א — די זומער־הויפּטשטאָט פון דער אינדישער רעגירונג און פון דער רעגירונג פון פּענדזשאַב. זי ליגט שוין אויף די טרעפּ פון די הימאַלאַיען, אַ פּאָר טויזנט מעטער די הייך איבערן יאַם־שפּיגל איז דאָרט די טעמפּעראַטור אום זומער צוויי מאָל קלענער קימאַט ווי איידער פונונטן אין טאָל (18° אָנשטאָט 30° אַנערעך).

פּראַכטפולע נאַטור־בילדער, בערג־פּייזאַזשן, נאָדל־וועלדער און שניי־שפּיצן צערטלען דאָ דאָס אויג. די בערג־נויגן זייַנען גרין און אין בלומען און פרייען דאָס האַרץ פונעם גייער, וואָס הייבט זיך איבער די דורכגעפּירטע באַרג־שטעגן און סטעזשקעס.

נאָר אָט־אָ די נאַטור־פּראַכט האָט זיך איר סוינע — דעם דאָלעס פון די מאַסן: די קאַרטאָפל־פעלדער רײַסן זיך אַרײַן און ראָטן אויס די וועלדער. די קולי האָדעוועוען ווייערע פערד אָף דער אדר־מיקער באַרג־פּאַשע. נאָר א דײַגע איז זיי, די לוסטיקע אײַנוווינער פון סימלע! זיי זײַנען דאָ געסט. און פאַר זיי וועט נאָך קלעקן ווילדע שענקײַט און נאַטור־פּראַכט, און דערנאָך? וועמעס דײַגע איז עס?

גייט אַרויס אַקעגן דעליער באַנק און באַטראַכט אָט־אָ דעם אוילעם: אָפיצערן אָדער באַאַמטע, וואָס זײַנען ערשט אַרויס פון ווייערע קאַנצעליאַריעס, מיניסטאָרן און סעקרעטאַרן פון דער צענ־טראַל־רעגירונג, דאַמען, וואָס נישטערן איבער די קליידן, שיינע „אַמאַזאָנקעס", — פּרויען דײַטערנס, וואָס שטאָלצירן מיט ווייערע גראַציעזע פּאָזן: די פּרוי פון א פּאָלקאָווניק און די פּרוי פון א דיפּלאָמאַט, וואָס האַלטן אין איין איבעריאָגן איינע די צווייטע אין פּראַכט פון טואַלעטן און גלאַנץ פון פּלירט; און אַדיוטאַנט, וואָס איז אַרײַנגעטון מיטן לײַב און לעבן אין ספּאָרט אַרײַן, — אַלע פאַרמאָגן זיי געגוג צײַט, קעדיי צו האָבן אין זינען די וויכטיק־סטע געשעענישן פון טאָג: א מיטאָג בא דעם און דעם מיניסטער, א קאַדריל אָף דער נאַכט אין טאַנץ־האָל, א זיצונג־מאָרגן אין מעלוכע־ראַט, א באַריכט דעם וויצע־קיניג פון אינדיע, א פּיקניק אין מאַשאָבר, א פאָרשטעלונג אין דער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, אַ קראָקעט־געווועט צווישן צוויי פּאָלקן, א טעניס און לויף־וועט אין אַנעגדעל, א באַגעגעניש אין... א. א. וו.

## 27. אינדיע פון דער פאַרגאַנגענהײַט —

דאָס איז דאָס דאָרף, וווּהין קיין איין אייראָפּייער קוקט ניט אַרײַן, ווו סע זײַנען אַדאַיעם פאַרהיט געוואָרן די דענקמעלער און מינהאָגים פון פאַרצײַטנס: א פעלז — א ריז, פאַר וועלכן דער מענטש טוט קניִען אין שרעק, ווען סע דונערט און בליצט; א בוים — אַ פעטיש, אַרום וועלכן סע דרייט זיך שאָענווײַז מיט דאַוון און געבעט אָף די ליפּן א יונג פּאָר פּאָלק, וואָס בעט אָף קינדער.

אינדיִע פון דער פארגאנגענהײט דאָס איז הײדערבאד, — די שטאָט פון טויזנט און איין נאכט מיט א 400־טויזנטיקער באפעלקערונג פון בלינדע פאנאטיקער און ניט ווייניקער סקעפּטיקער, וואָס לעבן מיט א לעבן, געראָטן אין די צײַטן פון הארון־אל־ראשיד. פארבאָרגענע, געהיימע טעראסן, פרויען מיט פארבאהאלטענע פּענימער, מיט אויגן, וואָס פינקלען דורך די דעקטיכער. און דער מאן אין גאָלד געצירט, וואָס גייט וואזשנע בא דער זײַט רײַטער, וואָס טראָגן זיך מיט אימפּעט, מיט א הור־הא פאעטאָנען מיט פארדעקטע פרינצעסנס, הענדלער אף די שוועלן פון קלייטן אונטער די זײַלן, וואָס באַזוימען די גאסן, און קופּקעלעך שמועסער לעם יעדער קלייט־טיר. אײַנגעגעסענע בעטלערס און אזעספּאָנעמדיקע טרעגערס, וואָס לאָזן אײַך ניט צורו, שטייען צו צו אײַך אַף שריט און טריט, לייגן אײַך פאָר זייער גרייטקײַט, אבי צו פארדינען אַ פּאָר גראָשן. און העלפאנרן, אויסגעפּוצטע און צעפּארבטע, באוועגן זיך מיט א שווערן פאמעלעכן טראָט, און אומפארשטענדלעכע אויסגעשרייען, אומבאקאנטע רייכעס פארטראָגן אײַך ווײַט, מיט יאָרטויזנטער צוריק. נאָך איינע צוואנציק מינוט און

איר זײַנט שוין ווידער צווישן אָפּיצערן און דאמען, אין דער אטמאָספער פון ספּאָרט און פלירט.

אינדיִע פון דער פארגאנגענהײַט—דאָס זײַנען אויך די הייליקטימער: דער בייסהאמיקדעש פון מאַדורע מיט זײַנע כּוישעכדיקע געשלענגלטע גאלערייען, צווישן וועלכע העלפאנדן שפּאנען איבער די קעפּ פון גלויביקע, וואָס ליגן אף די קני אין טפילע פארזונקען.

## 28. די שטאָט פון דער בעסטער וואסער.

די פארגאנגענהײַט פון אינדיִע איז אויך בענארעס, די טעמפּל־שטאָט, דאָס אָרט, וווהין סע רײַסן זיך אָן אַ שיר נעשאָמעס פון גלויביקער אינדיִע, דאָס אָרט פון די עפּיגאָנען פון די אמאָליקע אינדישע פילאָסאָפן, דאָס אָרט, ווו סע

האָט אמאָל געטראָטן בודע מיט זײַנע ערשטע אופרופן. אצינד איז בענארעס דאָס יערושאָלאַים פון די אינדישע בראמאנער. בעַ־ ארעס און דער הייליקער גאנג, די מיקראָשים זײַנע און פרומע פארגלאָצטע אוילערעגלער, — אָט דאָס איז די אינדיע פון דער פארגאנגענהײַט.



בענארעס.

אָט איז א קווארטאל מיט קופערנע זאכן און טויזנטערליי קליי־ ניקײַטן און כפייצים צום דאווענען און גאָט בעטן: קריגעלעך צום שעפּן וואסער, שיסלען צום אופגיסן, וואזן און בלומענטעפּ פרויען און קינדער האלטן אין איין פוצן די קופערנע און מעשענע כפייצים

אָט האָט איר אײַך טעמפּלען און פּאלאצן, וואָס ציִען זיך אף א האלבער מײַל לענגויס די טײַך־ברעגן. אָט זעט איר גראנדיִעזע מעשופעדיקע טרעפּ. טויזנטער גלויביקע, וואָס זײַנען אהער געקר־

מען פון אלע עקן אינדיע, מענטשן מיט אַנגעוויייטיקטע הערצער און בענקענדיקע נעשאָמעס, מיט געמאָסטענע באוועגונגען אין ווײַסע מאלבושים, — לאָזן זיך אראָפּ צום טײַך קעדיי צו ברענגען א גאָב דער פארגייענדיקער זון אביסל הייליקע וואסער.

בענארעס איז אן אויסגעקרומט אינדיש וואָרט וואראנאסי, וואָס איז טײַטש — די שטאָט פון דער בעסטער וואסער.

פארוואָס דאָס איז די בעסטע וואסער אין דער וועלט? — דעם סאָד איז שווער צו באנעמען. ס׳דאכט זיך, ניטאָ קיין שמוציקערע וואסער אין דער וועלט, ווי די וואסער פון גאנג, וווהין די גאָטספאָרכטיקע אינדוסן ווארפן ארײַן יעדער פארפוילטע זאך, יעדער פּעגירע און אפילע טויטע מענטשלעכע קערפּערס. עמעס, די טויטע קערפערס טרעפן אין גאנג ארײַן שוין נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיי אָפּגעברענט, אָפּגעקוילט אפן פײַער. ניט אלע מייסים אָבער ברענט מען אפן פײַער. צו די טויטע קערפּערס פון קויהאנים און קינדער טאָר זיך קיין פלאם ניט צורירן, זיי לאָזט מען מיטן וואסער גלײַך נאָכן טויט, מעגן זיי האָבן געשטאָרבן פון דער סאמע אָנשטעקעוודיקער שלאפקײַט, ביז אף זיי וועט זיך מעראכעם זײַן א הונגעריקער קראָקאָדיל.

און דאָך איז ווארנאסי — די שטאָט פון דער בעסטער וואסער.

אָן אן אופהער, איינס נאָכן אנדערן טיוולען זיך די גלויביקע אינדוסן, וואשן אָפּ פון זיך דעם שמוץ פונעם לײַב און פונעם אומעט פון דער נעשאָמע, גייען ארויס פון וואסער, גיסן זיך צונויף מיטן האמוין און בלײַבן אין אים פאָרט איינזאם, איינער אליין. איר האָט דאָ זקיינים, וואָס האלטן זיך קאם אף די פיס. זיי האָבן שוין ניט געהאָפט אפילע צו דערגרייכן אהער און דערזעען די הייליקע וואסערן פון גאנג. זיי ציילן שוין דאָ די טעג און די וואָכן, אנדערע די כאדאָשים און יאָרן און ווארטן אפן סאָף, ווען דער קוורע־שײַטער וועט פארברענען זייער טאָמע ק. רפער. איר האָט אָבער אויך יונגעלײַט, וואָס זײַנען געקומען זיך קאשערן פון די זינד זייער אף ווײַטער פירן א ריין, ציכטיק לעבן... די

אוילערעגלער זײַנען פול היספּײַלעס. אן אלטיטשקער הייבט מיט ערעפורכט זײַן ...סעלע הייליקע וואסער און רעגנבויגנדיקע וואסער־שפּריצן צעשיטן זיך אינדערלופטן און רינען אראָפּ אף זײַנע פארמאכטע אויגן. און ווײַטער שטייט א יונגע פרוי מיט אנטבלויזטע ברוסט און פּלייצעס אין טפילע פארטיפט. א קויהען (א גײַסטלעכער) לייענט ווישנו, ארומגערינגלט פון א הײַפעלע פרויען, וואָס האַרכן זיך־צו צו יעדער וואָרט זײַנעם. און ווײַטער זעט איר נאָך גײַסטלעכע, אָן א שיר גײַסטלעכע, וואָס דאַווענען מיט ברען אונטער זייערע גרויסע פאראסאָלן, אנדערע פליסטערן עפּעס און בעטן בעשאס־מײַסע א נעדאָווע, און קריגן זיך איבער אן אויסגעבעטענעם גראָשן ווי קאפּצאָנים ערעוו יאָמקיפּער לעם די קארעס.

און אין אוילעם ארום שווימלט און גריבלט פון הענדלער־באלאכסאניעס, אָרעמעלײַט, קרעציקע, בּלינדע, קאליקעס, — אָט־אָ די אלע, וואָס שלעפּן זיך נאָך און שלעפּן זיך מיט מיט די, וואָס זײַנען געקומען אוילערעגל זײַן.

די זון הייבט זיך אלץ העכער און העכער, דער גאנג טרײַבט זײַנע ברייטע וואסערן. ער טראָגט זיי אזש פון סאמע הערדוואר, וואָס מיט פיל מײַל העכער פון בענארעס אהערצו. דאָ ווערן זײַנע וואסערן הייליק אין פונדאנעט טרײַבט ער זיי ווײַטער דורך א ריי הייליקע ערטער אזש סאמע ביז קאלקוטע, ווו די כּוואליעס זײַנע זײַנען שוין נישט אזוי הייליק, ווי לעם בענארעס.

דוירעס נאָך דוירעס פארגייען, איין דאָר נאָכן צווייטן איז אוילערעגל.

קינדער יארשענען פון עלטערן די עמונע פון ווידעס און עלטערזיידעס צוזאמען מיט האָפענונגען און דערווארטונגען, וואָס ווערן קיינמאָל נים מעקויעם, נאָר זײַנען נאָך לעסאטע נים אויסגערונען.

פון דער פּײַן פון אצינד, אקעגן דער אומבאוווסטקײַט פון מאָרגן זוכן זיי אן אנטרונעניש אין די מינהאָגים און גלויבעניש פון פארצײַטנס.

## 29. בראמא.

אין בראמאזוטרא, דעם עלטסטן סייפער פון די „וועדן"—די בראַ־מאנישע ביבליע,—ווערט אזוי אנערעך דערציילט וועגן וועלט און גאָט:

בראמא איז דער אלמעכטיקער, אומסאָפיקער און אייביקער קויעך, וואָס נעמט ארום אלץ און איז אלץ. אין אים אנטהאלט זיך אלץ און פון אים שטאמט אלצדינג (ווי די כסידישע מעקובאָלים בא יידן פלעגן אמאָל זאָגן: „מיניה וביה"— אלץ איז פון אים און אין אים). ער האָט ניט קיינשום געשטאלט און קיינשום סימאָנים (מיט די אייגענע ווערטער, אגעוו, ווערט דער יידישער גאָט אויסגעמאָלט אינעם „אני מאמין", — א טפילע, וואָס פרומע יידן זאָגן אלע טאָג נאָכן דאַווענען).

אכוץ בראמאן איז נאָך פאראן מאיא. דאָס איז יענער קויעך, וואָס שאפט אלץ, וואָס מע זעט מיטן אויג, די קראפט, וואָס שאפט געשטאלטן און אונטערשיידן און דערמיט ברענגט זי דעם מענטשן אין טאָעס,— וואָרעם ער הייבט אָן גלויבן, אז דאָס וואָס ער זעט און הערט — דאָס איז טאקע ווירקלעך פאראן. מאיאס אָנשטעלן נעמט ער אָן פאר ווירקלעכקייט און דעם ווירקלעכן „יעש" (פאראנענקייט), וואָס איז קוילעל די גאנצע וועלט און וואָס ער גופע, דער מענטש, זיין באוווּסזיין, זיין „איך" איז נאָר א טייל דערפון — אָט־אָ די ווירקלעכע וועלט פארזעט דער מענטש. מאיא מאכט אים פארגעסן אין איר. דעריבער איז דער כיוו פונעם מענטשן צו מעוואטל זיין מאיאן, ד. ה. די קלוימערשטע וועלט, וואָס איז אין טאָך ארײַן מער ניט ווי א געדאכטע. דערגרייכט קאָן עס ווערן דורך היסאמקעס, דורך פארטיפן זיך אינעם אייגענעם טאָך, אין דער בראמא. ווען דער מענטש דערגרייט צו אָט דער מאדרייגע, פאלן פון אים אראָפּ די קייטן פון דער ארומיקער, געמיינטער וועלט. ער ווערט באפרייט פון איר און ער ווערט איינס מיט דער בראמא: ס'ווערט אנטפאלן דער כילעק צווישן „איך" און „ניט־איך", צווישן מענטשן און וועלט. ס'ווערט איינס: בראמא.

„ווען איך ליג, אשטייגער, — שרײַבט דער אינדישער דיכטער ראבינדראנאט טאגאָר, — אף דער שיף מיט האלבפארמאכטע אויגן און איבער מיר שטייט די פולע לעוואָנע, און א צערטלעך ווינטל גלעט מיט א קילקײַט מײַן אויסגעמאטערטן קאָפּ, און ארום שפּרייט זיך הימל, ערד און וואסער, דער טײַך מינעט זיך און קנייטשט זיך פון מינדסטן ווינטבלאָז, א צופעליקער דורכגייער שפּאנט שטיל פאזע די קוסטן, פארבײַ שוועבט דורך א קליין שיפל, די טונקעלע ליניעביימער שכאלט די מיט לעוואָנע־שײַן פארשוועכטע פעלדער און אונטער זיי שלאָפט דאָס דאָרף, באזוימט מיט א גע־דיכטן שאָטן פון וועלדער, — אָט דאָס אלץ זאָל זײַן מער ניט ווי אן אילוזיע פון מאיאן. ס'איז אָבער פּאָרט פאראן און פאר־כאפּט דעם סייכל און דאָס הארץ אסאך מער און ווירקלע־כער, ווי דער „עמעס" (בראמא), וואָס איז נאָר אן אויסקלע־רעניש, איז דעריבער לאכלוטן אומפארשטענדלעך, ווי אזוי ארום קאָן מען עס ראטעווען די נעשאָמע, באפרײַענדיק זיך פון אָט־דעם אלצדינג?"

די מײַסע איז אָבער, וואָס אף קײַן מײַסע און האקא־אָלשקן אף א רעליגיעזער מײַסע פרעגט מען קיין קא־שעס ניט.

בראמא איז דער באשאפער פון דער וועלט. אכוץ אים דער־ציילן נאָך די בראמאנער הייליקע ספאָרים פון וו י ש נ ו — דער וואָס היט אָפּ, האָט א האשגאָכע אף דער וועלט, און ק ר י ש נ ו, דער וואָס מאכט זי כאָרעוו.

אָט דאָס איז אין קורצן דער טאָך פון דער בראמאנער רעליגיע. א מין מיסטישע פילאָסאָפיע, וואָס איז זייער גערעאָטן אין דער קאבאָלע־מיסטיק. נאָר אָט־אָ די פילאָסאָפיע איז, פארשטייט זיך, דאָס פארמעגנס פון גאָר א קליינעם קרײַז אויסדערוויילטע בראמאנער. די עמונע פון די ברייטע פאָלקסמאסן איז פיל מגושעמ־דיקער און איינפאכער צום פארשטיין. זי איז אָבער פיל פאר־פלאָנטערטער אינעם פראט פון דער צאָל געטער און פון זייער ייכעס.



ראבינדראנאט_טאגאָר.

## .30 דער אינדישער פאַנטעאָן.

דאָס צענטראַלע אָרט אין דער אינדישער פאָלקס־רעליגיִע פאַרנעמט דער גאָט שיווא. זײַן קולט איז איבער גאַנץ אינדיִע פאַרשפרייט. טויזנטער באָטיימיקדאָשים זײַנען אים געהייליקט. אין זיי „וווינט“ ער. צו אים בוקט מען זיך, פאַר אים טוט מען קניִען, זײַן סימבאָל איז א „לינגהאם“, ד.ה. א לאַנגעקיקער שוואַרצער שטיין, וואָס סימבאָליזירט מיט זײַן געשטאַלט די מאַנסבילשע קראַפט, די קראַפט, וואָס שאַפט נײַע דוירעס און לאָזט ניט אונטערגיין די וועלט. אין איין בענאַרעס נאָר איז פאַראַן מיסטאַמע א צען טויזנט לינגהאַמען, וואָס גלאַנצן פון צעשמאָלצענעם בוימל, מיט וועלכן די פרומע פרויען נאַגיסן אים. דער גאָט שיווא האָט יִסרעס נעמען, אין פאַרשיידענע ערטער — פאַרשיידענע נעמען, וואָס טײַטשן אויס אין אים, שטרײַכן אונטער אַן אייגנהײַט זײַנע.

ער הייסט אויך:

1) איסוואַרא — דער אויבערהאַר.
2) בישעשוואַר — דער הערשער איבער וועלטן.
3) בהוטעסוואַר — דער באַפוילער איבער די שיידים.
4) סמאַסאַנאַ־וואַזין — דער וואָס וווינט אין די פעלדער, וואָס זײַנען באַדעקט מיט מייסים.
5) בהאַיראַוואַ — דער שרעקלעכער.
6) מאַהאַקאַלאַ — דער גרויסער צעשטערער.
7) נאַטעסוואַראַ — דער באַשיצער פון די טענצער.
8) קיראַטאַ — דער ליבהאָבער פון ווײַן.
9) מאַהאַיאָגי — דער גרויסער באַלטשוווע.

מע קאָן אָבער ניט זאָגן אַף געוויס, אַז דאָס זײַנען אַלע נעמען פון איין גאָט. פיל רעכענען דאָס פאַר פאַרשיידענע געטער, די שפּעטערדיקע הייליקע ספאָרים — טאַנטר — האַלטן, אַז איטלעכער גאָט האָט זיך זײַן באַזונדערן קויעך.



וו שנו מיט זײַנע ווײַבער.

ס א ק ט י — איז די פרוי פון שיווא. פארשטייט זיך, אז זי איז ניט די איינציקע פרוי זײַנע. ער פארמאָגט נאָך פאר א ווײַב די שרעקלעכע געטן ק א ל י און אויך ד ו ר ג א.

פיל פון זיי טראָגן דעם טיטל „אמען", וואָס איז די טײַטש — „מוטער", אָט־אָ די „מוטערס" זײַנען די סיבעס פון קאָלערליי פּוראַניעסן און שלאפקײַטן.

„מ א ר י־אמען" איז די טײַטש די מוטער פון טויט.

„טשינא־אמען" — איז די מוטער פון מאָזלען.

„איסעק־כי" — איז די מוטער פון פרויען־שלאפקײַטן.

פון אָט די מוטערס קאָן אָפּהיטן „א י ע מ א ר", א מאנס־ביַלשער גאָט, וואָס בלאָנדזשעט איבער די פעלדער און פאר־טרײַבט די רוכעס.

ווישנו, דער וואָס גיט האשגאָכע אף דער וועלט, נעמט אָן קאָ־לערליי געשטאלטן פון א שילדקרעט, א לייב, א ווילדכאזער און אנדערע.

אכוץ אָט די אלאינדישע געטער האָט זיך קימאט איטלעכע שטאָט, איטלעך דאָרף, און אנדערסמאָל יעדער הויף אפילע, זײַן גאָט, זײַן באשיצער, וועמען מע שטעלט א מיזבייעך און מע ברענגט קאָרבאָנעס. באזונדער איז עס ריכטיק בענעגייע צו די דאָרעמדיקע דראווידישע שוואָטים. נאָר אָט די אָרטיקע געטער און געטערלעך זײַנען מערסטנטייל בייזע, מ'ברענגט זיי קאָר־באָנעס זיי זאָלן באשיצן דאָס הויז פון זיך אליין, זיי זאָלן דעם קיין שלעכטס ניט טון.

נאָר אויך מיט אָט די לעגיאָנען געטער באנוגנט זיך ניט דער אינדוס, סאָפּקאָלסאָף בוקט ער זיך, דאכט זיך, צו אלץ, וואָס לאָזט זיך, וואָס קאָן ניט דערווידערן.

הייליק איז וואסער. פונעם גאנג און זײַנע בײַטײַכן איז אָפּ־גערעדט. הייליק זײַנען די ביימער, הייליק זײַנען שטיינער, ביַ־פראט נאָך, ווען זיי זײַנען געראָטן אין לינגהאם. מע בוקט זיך צו מאלפּעס, לעקאָוועד וועלכע ס'זײַנען אויסגעבויט פראכטפולע באָטיימיקדאָשים, היַינט וויפל שיינע טעמפלען זײַ־

נען אויסגעבויט לעקאָוועד די הייליקע קי און אָקסן. הייליק זײַנען קראָקאָדילן און באזונדערס, פארשטייט זיך, די שלענג. פאר וועלכע מ׳האָט גרויס דערעכערעץ און צו וועלכע מע בעט און מע דאוונט.

הייליק זײַנען אויך מענטשן. די „יאָגן״, צום בײַשפּיל. זיי זײַנען די זין פון שיווא. שאָענוויַז שטייען זיי פאר אים אף די קני. ווו נאָר דער אינדוס קאָן כאפן א טפילע, טוט ער עס.

קארמא (דאוונען—טפילע טון) איז זייער א וויכטיקע זאך. מאכ־מעס דערמיט ראטעוועט זיך דער מענטש פון אלדאָס בייז, פון אלע שלעכטע קויכעס, וואָס זײַנען קאפאבל אף אים אָנצופאלן און אים צו פארניכטן.

## 31. דאָס הייליקע אינזל.

א הויכער פעלז אף א ראכוועסדיקער פלאכגעגנט. און ארום און ארום — די שטאָט טריטשינאפאלי פון דאָרעם־אינדיע.

ווי א פאָדעם ציִען זיך, קריכן גלײַך ארוף טויזנטער טרעפ דרייען זיך אויס רעכטס אין דער טיף פון בייסהאמיקדעש, דערנאָך לינקס, הייבן זיך ווידעראמאָל אוף, גייסטו נײַע זאלן דורך, נאָכ־דעם הויכע טויער־בויגנס, פון ווײַסע העלפאנדן באהיט.

אף שריט און טריט בעטלערישע בראמאנען, קראנקע, אוילע־רעגלניקעס און באלעטשווע. אומגעוויינלעכע גאָט־פארצופים קריִמען זיך און מאכן, — דאכט זיך דיר, — האוואיעס אין די האלבפינצטערע דורכגאנגען.

פון אויבן, פון שפיץ בייסהאמיקדעש כאפסטו א קוק אראָפּ אף דער שטאָט, אפן הייליקן טײַך מיט די הייליקע טעמפּעלעך אף די אינזלען. אן אלטער הארמאט דרימלט אף דער זון און היט קרישנוס אויצער, און פונדערווײַטנס, פון יענער זײַט פאלמען־וועלדער זעט מען די שפיצן מעכטיקע גאָפורעס פון סערינגהאם, די שטאָט פון טעמפּלען.

מיר פֿאָרן ארויס פֿון דער שמוציקער שטאָט צו דער בריק איבער די וואסערן פֿון קאוועריִ. אויך דער טײַך איז הייליק מאכ־מעס זײַנע וואסערן זײַנען, ווערליק די אינדוסן גלויבן, פֿארייניקט אונטער דער ערד מיט די וואסערן פֿון גאנג. שטייען דאוונער בא דער וואסער, טרינקען זי און מורמלען א געבעט. גרויסע שילדקרעטן ווארעמען זיך אױף די זאמד־אינזעלעך, באָדן זיך אין די זון־שטראַלן. ערגעץ ווײַט הייבט אוף א קראָקאָדיל זײַן העסלעכן קאָפּ פֿון אונ־טער דער וואסער.

פֿון יענער זײַט, אין די אָרעמס פֿון צוויי טײַך־ארבל ליגט דאָס הייליקע אינזל סערינגהאם.

מיר פֿאָרן דורך א געדיכטן ווּאלד קאָקאָס־פּאלמען, ווי דורך א געדעקטער גאלעריי: פֿונויבן א געדיכטער גרינער סכאך, אונ־טערגעהאלטן פֿונונטן פֿון טויזנטער קאָקאָס־זײַלן. צווישן די זײַלן זיצן אופגעזעצט מאנסבלען און פֿרויען, וואָס פֿארקויפֿן די דאוו־נער ניס און געלע דופטיקע פֿרוכטן פֿון מאנגאָ־בוים.

א שאָ פֿאָרן מיר דאָס אזוי אין אָט דער קאָקאָס־גאלערייע. דערנאָך הייבט זיך אָן די בייסהאמיקדעש־גאס מיט קליינע קאָ־לאָנאדעס בא די זײַטן, ווו די דאוונער און בעטלער געפֿינען א באהעלטעניש פֿון דער זון.

און אָט־א פּלוצים וואקסט אויס פֿאר די אויגן די ערשטע גרויסארטיקע און מעכטיקע גאָפּורא: דער ארײַנגאנג־טויער אין ווישנוס בייסהאמיקדעש.

בייסהאמיקדעש? ניין, ניט קיין בייסהאמיקדעש, נאָר א שטאָט א גאנצע מיט טויזנט אײַנוווינער און בא א האלבן מיליאָן אוילערע־גלניקעס און דאוונער.

גאָפּורא — דאָס איז א מין ריזיקע פּיראמידע, אונטער ווּעלכער דער טויער גייט דורך. נאָר ניט קיין פּל. כפּיראמידע, ווי די מיצ־רישע. ניין, זי איז באדעקט פֿון אויבן ביז אראָפּ מיט טויזנטער פֿיגורן, — אלץ געמעלן פֿון געטער, שיידים, העלדן און כײַעס. איינע פֿון זיי זײַנען אומגעהייער גרויס, אנדערע—פּיצעלעך, ברע־קעלעך. מיט איין וואָרט—א ווילדער יעראלאש, וואָס לאָזט ניט אָפּ־



דער גאָלד-לאָטאָס-טײַך (מיקווע) אין מאַדורא, אנקעגן א ריזיקע גאָפּורא.

רוען דאָס אויג אף קיין איין מאָמענט ניט. רעכטס און לינקס פֿון [illegible]ער גאָפּורא ציִען זיך [illegible]עסטונג־ווענט, וואָס בילדן א פּירעק פֿון [illegible] א פֿיר וו[illegible] די [illegible] גייט איר דורך דעם טויער און [illegible]בט אַ פּאָר הונדערט טריט, שטייט איר פֿאַר א נײַער גאָפּורא, נאָך א גרעסערער און נאָך א מעכטיקערער פֿון דער ערשטער. זי פֿירט־דורך דורך דער צווייטער פֿעסטונג־וואַנט . און אזוי ציילט איר אָפּ זיבן ווענט־קוואַדראַטן, וואָס רינגלען אַרום ווישנוס הייליקײַט, זײַן קאָדשיי־קאָדאָשים. און איטלעכע פֿון אָט־אָ די ווענט האָט פֿון יעדער זײַט אַן אַרײַנגאַנג דורך א גיגאַנטישער פּיראַמי־דאַלער גאָפּורא. די הײַזער קלעפּן זיך צו אָט די ווענט און צווישן זיי דריידלען זיך די גאַסן.

אין דער דרויסנדיקער גאַס האָבן זיך אײַנגעאָרדנט די דאַוו־נער, הענדלער, וואָס פֿאַרקויפֿן זיי קליינע ווישנו־פֿיגורלעך, שמאַט־קעלעך מיט רויטע און ווײַסע פֿאַרב, קעדיי אויסצומאָלן בא זיך אפֿן שטערן דעם רויט־ווײַסן סימען פֿון גאָט. אַנדערע האַנדלען מיט לאַנגע גרילאַנדן ווײַסע בלומען, וועלכע מע ברענגט א גאָב אין בייסהאַמיקדעש אַרײַן, ווײַטער קאָן מען דאָ אײַנהאַנדלען פֿאַרמאַכטע בראָנזענע קיילים, אין וועלכע מע קאָן זיך מיטנעמען אַ היים הייליקע וואַסער.

אין דער צווייטער גאַס, הינטער דער צווייטער פֿעסטונג־וואַנט, וווינען די בראַמאַנער. זייערע פּענימער זײַנען ליכטיקער פֿון די טונקעלע פּענימער פֿון די טאַמילן און מאַדראַסן . איטלעכער פֿון זיי טראָגט א ווײַס שניר אפֿן לינקן אַקסל און גייט זיך האָפּער־דיק מיט א הויך און שטאָלץ אופגעהויבענעם קאָפּ.

זיי פֿאַראַכטן די אייראָפּייער, שמייכלען פֿון זייער נײַגעריקײַט און... בעטן בא זיי א נעדאָווע.

אָט דערנענטערן זיך פֿינף קרעפּטיקע העלפֿאַנדן, גאָטס היי־ליקע באַלעכאַיִם. זיי טראָגן [illegible] סימען זײַנעם אף זייער שטערן: צוויי ווײַסע פּאַסיקלעך און אײנס א רויטס אינדערמיט. מיט זיי גייען אויך קעמלען, אָקסן און קי, און אָט די באַלעכאַיִם בעט־לען אַקוראַט, ווי די פֿירער זייערע, אַקוראַט ווי גאָטדינער די

בראמאנער, זיי פאלן אף די קני, וואלגערן זיך אין שטוב און קלײַבן אונטער די זילבערנע מאטבייעס, וואָס מע ווארפט זיי אראָפּ.

נאָך א גאָפּורא. נאָך א גאס. און אומעטום באָטיי־מיקדאָשים, גאלערייען, גרויסע הייליקע באסיינען, מיט קאלעמוטנער גרינבלע־כער וואַסער. ברייטע לאָטאָס־בלעטער רוען אומבאַוועגלעך אף דעם וואסער־שפּיגל ארום די לאָטאָס־בלומען. פרומע פרויען שטייען, טרינקען און באשפּריצן זיך דעם שטערן און ברוסט. און אומעטום די אומזיניקע פארקרימטע, האוואיעסדיקע פּענימער פון די אומ־דערבארעמדיקע שטיינערנע געטער.

אין הייליקן אָרן ליגן די אויצרעס פון גאָט: זײַדענע טיכער, מיט זעלטענע פּערל באשאָטן אף צוצודעקן גאָטס פּיס. גאָלדענע קייטן אף זײַן ברוסט, רינגען און בראָנזאָלעטן מיט רויטע, בלאָ־ווע און גרינע איידלשטיינער. רײַך איז דער גאָט ווישנו אין סערינג־האם, נאָר אָרעם זײַנען זײַנע דינער, וואָס בעטלען א נעדאָווע.

ווײַטער קומט איר אָן אין „זאל פון טויזנט זײַלן". יעדער זײַל איז פון איין שטיק גראניט אויסגעהאַקט און איז פון אויבן ביז אראָפּ אויסגעקריצט מיט א מין ווילדער סקולפּטור, און אף אָט די זײַלן רוט דער דאך פון גראנדיעזע שטיי[illegible]טעס.

די בייסהאמיקדעש־שטאָט אין סערינ[illegible] גרעס־טער בייסהאמיקדעש פון ווישנו אין אינדיע. דער בייסהאמיקדעש איז פול מיט אויצרעס, מיט באהאלטענע ווינקע־לעך. נאָר פאר עטלעכע זילבערנע מאטבייעס וועט דיך יעדער בראמאן, יעדער נאוטש אויספירן און אויסווײַזן דיר אלע פאר־באָרגענע ווינקעלעך, אלע קאָדשיי־קאָדאָשים, וווהין „קיינער טאָר ניט ארײַנקומען!" זיי וועלן אײַך ווײַזן זאלן מיט טירן, וואָס ווערן אָפּגערוקט, — ווערן דעמאָלט פון די ווענט שפּיגלען, גראנדיעזע שפּיגלען. זיי וועלן אײַך ווײַזן פורן, ווי א הויז די גרייס, אין וועלכע מע פירט אום יאָנטעוו ארויס די געטער, און וועלן אײַך איבערלייענען און אויסטײַטשן די וואנט־אופשריפטן מיט נאַיִוו־קינדערשע און גלײַכצײַטיק אויסגעלאסענע געמעלן.

וועז איר גייט אָבער ארויס צוריק פון בייסהאמיקדעש, איז די בעסטע אייצע פארמאכן די אויגן, ראפּטאָם ארויסלויפן און ניט קוקן, וואָס ארום דיר טוט זיך, אניט וועסטו דערזעען טוצנוויַיז קרומע און בלינדע, קרעציקע און קאליקעס; פרויען אופגעגעסן אף דער העלפט פון לופוס־קרענק, פון הויט־שלאפקייַטן, אוילע־רעגלניקעס מיט אָפּגעברענטע הענט און פיס און מער פון אלץ מענטשן קראנקע אף עלעפאנטיאזיס, די שרעקלעכע מאקע פון דאָרעם־אינדיִע. איר וועט דערזען קעפ די גרייס, ווי א קירבעס, פיס געשוואָלענע, ווי די פיס פון א העלפאנד. אָט־אָ די כילוים זייַנען געקומען צו קריכן אהער קעדיי כאפּן א קוק אפן אינזל סע־רינגהאם, קעדיי צו טרינקען זייַן פוילע שטינקענדיקע וואסער פון די לאָטאָס־מיקוועס,—עפּשער וועלן זיי געזונט ווערן, און האגאם קיינער פון זיי ווערט ניט געזונט, דאָך קומען זיי צו קריכן אהער פון נאָענט און פון ווייַט מיט א באהאלטענער האָפענונגלאָזער האָפענונג אין הארצן.

## 32. די באלעטשווע.

אָדער ווי מע רופט זיי דאָ: יאָגן, פאקירן, סאמיאסי. יאָג— דאָס איז אַ בראמאנער א באלטשווע. פאקיר—דאָס איז א מוסול־מענער באלטשווע, און סאמיאסי דאָס איז ? באלטשווע פון דזשאינא־גלויבן. אייגנטלעך, קלעפּט זיך צו זיי זייער ווייניק דער טיטל באלטשווע, מאכמעס זיי האָבן אף גאָרניט קיין כאראָטע ניט און אלע אינויִם קאָשים, וואָס זיי טוען זיך אָן,— טוען זיי לעקאָ־ועד אוועלכן סע ניט איז גאָט אקוראט, ווי די פרומע מאָנאכן פון שפעטן מיטלאלטער, וואָס פלעגן זיך אָפּשיידן פון דער וועלט און פון אלע פארגעניגן איר... דעו ...טלאלטערלעכער אסקעטיזם און די דעמאָלטיקע מיסטיק האָט איר נעסט געפונען אין די ...יאָנא־סטירן. דערנאָך האָט זי זיך ווייַטער נאָך מער אנטוויקלט בא יענע נעזירים, וואָס פלעגן פארלאָזן די מענטשלעכע יישווים און זוכן היסבודעדוס, איינזאמקייַט אין די וועלדער און מידבאָריעס. דאָס

אייגענע, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון איינראָפּייִשן האָרי־זאָנט, קומט אַצינד פאָר אין אינדיִע. אין בענאַרעס איז פאַראַן אַ גאַנצע רייִ אַסקעטישע שולן, אין וועלכע „שיוואַס קינדער״— אַזוי רופן זיך די נעזירים אַליין אָן—לערנען זיך אויסצוטון זיך פון גאַשמיִעס, אָפּצוטויטן דעם גוף און אָפּגעוויינען אים פון אַלע זייַנע זינדיקע באַדערפעניש. זיי גייען אַרום באַדעקט מיט שמוץ, מיט צעבאַרשטענע העאָר, זיצן אין פאַרדעמפטער לופט שאָענוויַז, ניט אָפּ־רייַסנדיק דעם אויג פון אַ שוואַרצן לינגהאַם,—דעם הייליקן סימבאָל פון שיוואַס באַנסקראַפט,—אַזעלכע לינגהאַמען סטאַרטשען דאָך טויזנ־טער אויף די גאַסן, פּלעצער, אין די טעמפּלען און הײַזער פון בענאַרעס.

גאַנצע טעג און כאַדאָשים זיצן זיי אַזוי ביז זיי וואַרפן פון זיך אַראָפּ די אוילעמהאַזע און ווערן „באַפרײַטע״, אויף זייער לאָשן הייסט עס „סאַמיאַסי״. דעמאָלט ערשט לאָזן זיי זיך אַוועק וואַנ־דערוועז אַלס נעזירים, וואָס זײַנען אויסגעטון פון דער וועלט, אַלס באַלפּטשוווע אוילערעגלניקעס. דערבײַ טוען זיי אָן אַ האַלדזובאַנד פון קלייִנע שאַרבנדלעך. אייניקע באַנוגענען זיך מיט דער טשו־ווע, ווערדליך זי איז באַשריבן אין די הייליקע ווערן־ספּאָרים. אַנ־דערע זײַנען מויסיף אייגענע צוקלערעניש, נײַע ניסיוינעס.

דער דײַטשישער רײַזנדער האַנס עווערס דערציילט, אַז ער האָט געזעען אַ באַלטשוווע, וואָס האָט געהאַלטן שטענדיק אויפגע־הויבן די האַנט. שוין צען יאָר אַזוי. צוריק מיט צען יאָר האָט ער אָנגעהויבן זײַנע אינויִם. האָט ער געהייסן דעמאָלט, מע זאָל אים צובינדן די אויפגעהויבענע האַנט צו דער סטעלי, קעדיי ער זאָל זי ניט קאָנען אַראָפּלאָזן, ווען ער וועט מיד ווערן. ער פלעג דערבײַ זיצן אויף אַ שטול אויך צוגעבונדענער־הייט. די וועגעס זײַנען געוועזן איבערגעצויגן מיט אַ באַנד. אַזוי אַרום איז די האַנט אָפּגעשטאָרבן. די שפּאָנאָדערן זײַנען זיך צונויפגעוואָקסן און דאָס פליש איז פאַרטריקנט געוואָרן. פאַר־שטייט זיך, אַז דער מענטש האָט איבערגעטראָגן שרעקלעכע ליידן. די איינציקע טרייסט זײַנע איז געוועזן אין די פאַרכידעשטע און ערפאָרכטיקע אויגן פונעם אַרומיקן האַמוין, וואָס האָט אויף

אים געקוקט, ווי אף א קאָדעש. דערנאָך, פארשטייט זיך, איז אים שוין די האנט אזוי געבליבן סטארמשען אינדערלופטן ארופצו, לויפט ער ארום איבער דער שטאָט און רופט אויס לויבווערטער לעקאָוועד שיוואן, דעם גרויסן גאָט. נאָר סע ווייזט אויס, אז אביסל לעבן איז נאָך פאראן אין דער האנט. דאָס איז צו דער־קענען אין די נעגל פונעם צונויפגעפרעסטן פויסט. די נעגל וואקסן, זיי זיינען אפילע דורכגעוואקסן דורך דער דלאָניע און ארויס פון דער אנדערער זייט מיט זייערע שארפע שפיצן!..

פאראן יאָגן, וואָס האָבן דורכגעוואנדערט פון איין עק אינדיע צום צווייטן, פאלנדיק אף יעדן שריט צו דער ערד און אויסציִענדיק זיך לויט דער גאנצער לענג פון קערפער. אזוי ארום האָבן זיי אין גאנצן וועג מיט זייער גוף ווירקלעך אויסגעמאָסטן די גרייס פון דער הייליקער ערד.

פאראן אזעלכע, וואָס בראָטן זיך דורך די צונג מיט צעגליטן אייזן, וואָס באפעסטיקן די סאנדאלן צו די פיס מיט טשוועקעס, וואָס ליגן צען שאָ א טאָג אף בעטלעך אויסגעבעטע מיט טשווע־קעס, וואָס סטארטשען ארויף מיט זייערע שפיצן. עמעס, די שפיצן זיינען ניט איבעריקס שפיצעכיק. דערצו נאָך ווערט זייער הויט אזוי פארהארטעוועט, אז זיי ליידן שוין ניט אזוינע שווערע אינויִים ווערליק מיר שטעלן זיך עס פאָר, פונדעסטוועגן איז עס פאָרט א קנאפער פארגעניגן אָפליגן א טאָג אף א בעט מיט סטארטשענ־דיקע, זאָל זיין אפילע שטומפיקע טשוועקעס!

אנדערע שטייען אָפּ שאָענווייז אף איין פוס ווי א מאראבו, אָדער לאָזן זיך אופהענגען פאר די פיס צו א בוים. אין מאדורא האָט איין טיפ אזא זיך געלאָזט פארגראָבן אין דער ערד ביזן האלדז. א צווייטער האָט זיך ארומגעלייגט דעם גאנצן קערפער מיט קיִעשער, וועווריקענער און ראבענער צויע און איז אָט אין אזא הייסן אויוון אָפּגעזעסן שאָענווייז לעקאָוועד גאָט. אָדער מע שטייט אָפּ אלע טאָג צען—צוועלף שאָ אף דער זון מיט א אנטבלויזטן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. און דאָס איז אין אזא היץ, ווען אין שאָטן איז 48°!



אן אגהאָרפּונט.

אָט־אָ די אלע צאדיקים זײַנען זײער דאר און שמוציק. זײ זײַ־נען אָפּגעפּארבט פון קאָפּ ביז די פיס אין װײַסע און רױטע פאסן, — שיװוא דעם הײליקנס סימאָנים. אפן קאָפּ שיטן זײ אָן אש — א סימען פון טרויער (װי מע פלעג עס טון אמאָל אויך בא אונדז ייִדן). אכוץ דעם האָבן זײ נאָך א שטעקן און א שיסעלע (א קארע) אף נעדאָװעס בעטן. זײערע שװארצע פאנאטישע אויגן ליגן טיף אין די אויגנלעכער און זײער קוק איז שארף, װי בא א װילדער כאיע, גלײַך װי דער פלאם פון אומזין רײַסט זיך דורך ארומער ארויס פונעם מארך.

נאָך צו דער העכסטער מאדרײגע האָבן דערגרײכט די „אגהאָר־פונטן", װעלכע איר קאָנט באגעגענען אין די טױערן פון בענא־רעס. זײער הײלעך איז זײער גערעכן אין די ציניקער פון אוואלטן גריכנלאנד. זײער באציִונג צום ארום דערמאָנט קויהעלעסעס (העװול־האװאָלים — האקויל האָװול) — „פוסטע נארישקײַטן! אלץ איז בלאָטע". זײ פארמאָגן קײַן שום אײגנטום ניט אכוץ א שארבן, פון װעם דעם שארבן עסן זײ און טרינקען. גיסט מען זײ אָן אין שארבן װאסער, טרינקען זײ, גיסט מען זײ אָן אהין אף א גע־לעכטער נאפט — טרינקען זײ אויך. װארפט מען זײ צו רײַז, זאָגן זײ א דאנק. דערלאנגט מען זײ א פּאטש מיט א שטעקל אין פּאָ־נעם, זאָגן זײ אויך א דאנק, אז „אלצדינג איז דאָך אלצײינס! פוסטע נארישקײטן, אלץ איז בלאָטע!"

## 33. דער גוירל פון סוואמי סאראסוואטי.

אינטערעסאנט איז דער גוירל פון סוואמי סאראסוואטי, אײ־נעם א קאָדעש פון בענארעס, װאָס איז געשטאָרבן ניט לאנג פאר דער מילכאָמע.

ער אלײן איז געװען פון דעם דזשאינא־גלויבן און פונדעסט־װעגן בוקן זיך צו זײַן אָרן סײַ בראמאנער, סײַ מאכמעדאנער. געװען איז סוואמי פריִער א רײַכער מענטש. אין אײן שײנעם

טאָג האָט ער צעטיילט זײַן גוטס אָרעמע לײַט און איז אוועק צו זײַנעם א גוטן פרײַנט אין גאָרטן און זיך דאָרט געגומען טשוועטון, ד. ה. אוועקגעזעצט זיך א נאקעטער אף דער הוילער ערד מיט די פיס אונטער זיך און מיט אופגעהויבענע הענט. אין עטלעכע יאָר ארום האָט ער שוין געהאט זײַנע כסידים. ס'פלעג אים שוין אויך ארײַנפאלן א רעכט ביסל נעדאָוועס געלט. האָט ער ארויסגערופן פון אגרא א סקולפטאָר, אויסגעבויט א קליינעם בייסהאַמיקדעש און זײַנע אייגענע — סוואמיס — א סטאטוע, וואָס האָט געזאָלט זײַן דאָס געשטאלט פון מאהאוירא דער גאָט פון דזשאינישער עמונע, וועלכער ווערט פון צײַט צו צײַט מעגולגל אף דער ערד אין אן אנדער געשטאלט. אזעלכע גילגולים דארף ער דורכמאכן פיר און צוואנציק. אזוי ארום האָט סוואמי סאראסאוואט דערמיט געגעבן צו פארשטיין, אז ער איז איינע פון גאָטס פארקערפערונגען אף דער ערד.

ווען דער בייסהאמיקדעש איז פארטיק געוואָרן, האָט זיך סוואמי אנידערגעזעצט לעם זײַן סטאטוע. אזוי איז ער אָפּגעזעסן א יאָר פופצן. די נעדאָוועס האָט ער ארײַנגעלייגט אין בענגאלישן באנק ארײַן.

נאָך זײַן טויט האָט דער „לויפנדיקער באנק־כעשבן פון גאָטס פארקערפערונג אף דער ערד אין געשטאלט פון סוואמין באטראָפן א קלייניקײַט, — סאכאקל 7 מיליאָן רופיעס. פון דעם געלט האָט ער זיך געהייסן אויסבויען א שיין קייווער־„שטיבל". דאָס איבעריקע האָבן באקומען די יאָרשים.

נאָר סוואמי סאראסוואטי איז אין דעם פראט א יאָכיד. מיט 15—20 יאָר זיצן אף איין אָרט האָט ער איבערגעלאָזט די קינדער א פיל מיליאָניקע יערושע. דאָס איז ווײַל ער איז נאָך פריִער א רײַכער מאן געווען, פון דער העכסטער קאסטע, און דערצו, ווײַזט אויס, א דורכגעטריבענער. די איבעריקע יאָגן אָבער פון די נידעריקערע קאסטן טוען זיך אסאך גרעסערע אינויִם אָן, זיי זײַנען אָבער אָרעם און מאָגער ווי א פאָליש־מויז און זײַנען שטענדיק זשעדנע א גראָשן.

## 34. די אינדישע פרוי.

ווען איר קומט קיין אינדיִע, טרעפן זיך אײַך אין די אויגן זייער ווייניק פרויען. האגאם די גאסן פון די געדיכט־באפעלקערטע שטעט שווימלען פון מענטשן, — פונדעסטוועגן וועט איר פון הונדערט מאנסבלען קאם אָנטרעפן אף איין פרוי, אי דאָס אן אלטע אָדער א מיִעסע און פון די סאמע נידעריקסטע קלאסן. די סיבע איז ניט דערינען, וואָס מע באהאלט די פרויען פון פרעמדע אויגן. דאָס איז שײַעך בלויז צו די מוסולמאנער, וואָס באטרעפן דאָך אָבער סאכאקל מער ניט, ווי 60 מיליאָן פון די העכער 300 מיליאָן אײַנוווינער פון אינדיִע. די בראמינער אינדוסן באהאלטן ניט זייערע פרויען.

איז פארוואָס זעט מען זיי ניט אין גאס?

די מײַסע איז, וואָס די גאס איז אן אָרט פאר ליידיקגייער, פוסט־און פאס, פאר פלאפלערײַ. די פרוי אָבער דארף ארבעטן, באטאָג ארבעט זי, ווי אן אייזל און באנאכט איז זי א ווײַב דעם מאן. אָט דאָס איז דער באַרוף פון דער פרוי לויט דער מיינונג פון איטלעכן אינדוס.

אויב איר וועט אָבער ארײַנגיין אין א הויף אָדער צוגיין צום טײַך, אָדער ארויסגיין אפן שליאך, וועט איר דאָרט אומעטום טרעפן אסאך מער פרויען ווידער מענער. און אלע טוען זיי עפעס, זײַנען מיט עפעס פארנומען, און אזוי א גאנצן טאָג.

פון אן אראבער, דערציילט מען, אז ער האָט איינמאָל געזאָגט:

— איך בין זייער צופרידן מיט מײַן ווײַב, זי ארבעט, ווי אן אייזל!

קײַן בעסערן שוואך האָט ער ניט געקאָנט געפינען.

פון אָט דעם שטאנדפונקט מעגן אלע אינדוסן זײַן העכסט צופרידן מיט זייערע ווײַבער.

און דאָך:

ווען סע ווערט געבוירן א מיידל האלט עס דער אינדוס פאר א גרויסן אומגליק.

מיט הונדערט יאָר צוריק איז דאָ געווען א מינהעג צו טויטן א נײַגעבוירן מיידעלע. מעגלעך, אז נאָך אדאיעם האָט זיך אָט דער מינהעג אײַנגעהאלטן בא דער העכסטער קאסטע, בא די בראמאנער. מאכמעס אניט איז שווער צו פארשטיין פארוואָס איז אין אינדיע אזא גרויסער כילעק צווישן די צאָל מאנסבלען און פרויען: אף 60 מאנסבלען 40 פרויען, בעיס אין איראָפּע איז, פארקערט, די צאָל מאנסבלען עטוואָס קלענער פון דער צאָל פרויען (אין דײַטשלאנד, צום בײַשפּיל, 48 מאנסבלען אף 52 פרויען). אין אייניקע געגנטן פון אינדיע איז אָט דער כילעק נאָך שארפער.

אזוי ארום ווערט דאָס אינדישע מיידל פון טכילעס אָן גע־בוירן, אזויצוזאָגן, אונטער א בייז מאזל. דערוף זאָגן איידעס אפילע די נעמען זייערע: ש י־ש י (פע, פע), ה כ י ר נ א (אומווער־דיקע), א ר נ אָ (זאָל שוין זײַן גענוג!) אָדער ק ר א י ו ט אָ (א סאָף זאָל דערפון ווערן!).

שלאָגן דאָס ווײַב איז א געוויינלעכע וואָכעדיקע זאך. מע קאָן אָבער כאדאָשים לאנג רײַזן איבער אינדיע און ניט זען איינ־מאָל ניט דעם מינדסטן סימען פון ליבע־פלירט אָדער קיין רע־מעז אף ליבהארציקע באציִונגען, ווי מע זעט עס געוויינלעך יעדן זומער פארנאכט אין אלע בולווארן פון איראָפּע. בא איטלעכן בראמאנער, ווי אויך בא איטלעכן מוסולמאנער איז ניט אָפּגעפּ־רעגט צו האָבן עטלעכע ווײַבער (פּאָליגאמיע), די מעניִע איז נאָר דערינען, וואָס פרויען איז ביכלאל וויניק אין אינדיע. אכוצדעם איז עס צו א טײַערע מאשקע, מאכמעס בא די העכערע קאסטן טוען די פרויען ניט קײַן האנט אין קאלט וואסער. דעריבער איז די מערהײַט איינווײַביק, ווי אין איראָפּע. לויט זייער לאגע שטייען, פארשטייט זיך, אפן העכסטן אָרט אין אינדיע די איי־ראָפּעיִשע פרויען. קימאט באגלײַך מיט זיי זײַנען די פרויען פון די פּארסים, וואָס באקומען דאָרט א גוטע דערציִונג. פיל נידע־ריקער שטייט שוין די מוסולמענערן, וואָס איז שוין געבונדן מיט טראדיציאָנעלע פארווערן און מינהאָגים. און דאָך איז דער גורל פון דער מוסולמענערן אן אידעאל פאר דער אינדוסן, וועלכע

איז איר שטענדיק מעקאנע און כאפט זיך אָפּט אָן פאר דער ער־שטער מעגלעכקייט קעדיי צו איבערשמאדן זיך און אריבער אינעם נאָוויס (מאַכמעד) עמונע. עמעס, אין די רייַכע קלאסן טרעפט מען אמאָל אויך געבילדעטע אינדוסישע פרויען. פאראן אפילע פרויען, וואָס מע רופט זיי „פאנדיטי״, ד. ה. די „געלערנטע״, די „רעבעצנס״, מאכמעס זיי קאָנען לייענען די הייליקע ספאָרים אף סאנסקריט־לאָשן.

אויב בא די נידעריקערע קלאסן איז די פרוי אן ארבעט־בעהיימע, איז זי בא די העכערע קלאסן א מין כאיעלע, וואָס מע האָדעוועט עס און מע באהאלט עס אויס הינטער זיבן גראטעס צוליב פאר־ווייַלונג.

אין איטלעך פארמעגלעך. הויז איז פאראן א זענאנא, ד. ה. א פרויען־אָפּטיילונג (א העלפט ווינונג), וואָס איז שטרענג אָפּגעטיילט פון דער איבעריקער דירע. דאָרטן ווינען צוזאמען אלע פרויען. דאָרט פארברענגען זיי גאנצע טעג, בארימענדיק זיך איינער פאר דער אנדערער מיט די מאטאָנעס און צירונג, וואָס איטלעכע פון זיי האָט געקראָגן און שפארנדיק זיך מעקויעך דעם, ווי טייַער איטלעך שטיקל צירונג קאָן, געמאָלט זייַן, קאָסטן. צירונג, בריליאנטן, גאָדלווארג, זייַדענע קליידער און פארפּור־מען, — דאָס איז דער גאנצער אינטערעסן־קרייַז פון דער פאר־מעגלעכער אינדישער פרוי; זעלטן ווער פון זיי סע לייענט נאָך דערצו א ראָמאן. מער ניט אינדערפרי און פארנאכט איז זייער כויוו אביסל טפילע טון פארן היימישן אָמעד (אלטא ').

קיין ליבע פירט מען ניט, מאכמעס מע זעט ניט איינס דעם אנדערן ביז נאָך דער כופע. פונדעסטוועגן קאָן מען ניט זאָגן, אז די כאסענעס זאָלן זייַן מערסטנטייל ניט קיין געראָטענע. ניין, די פרוי איז אָפּט גאנץ צופרידן: זי קריגט דאָך אזויפיל מאטאָ־נעס און צירונג! וואָס דען איז איר בעסער געווען: בא די על־טערן אינדערהיים? ביפראט נאָך, אויב זי ברענגט דעם מאן מיט דער צייַט עטלעכע קינדער, ייִנגלעך, דעמאָלט איז זי בא אים גאָר נויסע כיין. איז וואָס נאָך דארף זי אין לעבן?

## 35. די יונגע מאַמע.

באם ברעג טײַך שטייט א גרויס שיפל, און לעבן דעם איז א גאנצער הארמידער. א האמוין דאָרפישע ווײַבער. עמעצן בא־גלייט מען. קינדער, ווײַבערשע שלייערס און גרויע האָר, — דאָ איז אלץ צוזאמען אויסגעמישט.

אָן איז א מיידעלע פון א יאָר עלף—צוועלף. באוועגלעך איז זי אָבער ווי צו פערצן—פופצן יאָר, א כיינעוודיק טונקל פּענימל מיט קורץ־געשוירענע האָר, ווי בא א יינגל. און דאָס פּאסט אזוי צו איר אָפן און באוועגלעך פּאָנעם מיט אירע האלב יינגלשע און האלב מיידלשע באצויבערנדיקע טנועס, א געמיש פון מאנס־בילשער צעבונדנקײַט און פרויעשן בינימעט און מיט אירע קלוגע אויגן. זי האלט א קינד אף די הענט. דאָס איז זי שוין א מאמע.

איינע פון די פרויען, וואָס האָבן זי באגלייט, האָט דאָ בע־שאס־מײַסע צעלאָזט אירע האָר און זיי גענומען קעמען מיט אירע אלע פינגער. און אינדערהויך אף א קאָל דערציילט א צווייטע וועגן אירע היימישע איניאָנים און שטוב־זאכן.

דערנאָך האָט מען דאָס געשוירענע מיידעלע מיט אירע פולע הענטלעך, וואָס זײַנען געווען באהאנגען מיט גאָלדענע בראָנ־זאָליעטן, באזעצט אין שיפל. דאָס האָט זי זיך אומגעקערט פונעם טאטנס הויז אהיים צום מאן.

אייניקע ווישן זיך די אויגן מיטן עק פון זייער ס א ר י (מאלבעש).

---

מיידלעך מאכט מען דאָ כאסענע גאנץ פרי, קינדווײַז נאָך. די לעצטע צײַט האָבן די ענגלענדער באגרענעצט דורך א געזעץ די מעגלעכקײַט פון פריע כאסענעס. פ ר י ע כאסענעס איז די טײַטש — יינגער פון צען יאָר. כאסענע האָבן אָבער צו צען—צוועלף יאָר איז ניט פארווערט אפילע לויטן ענגלישן געזעץ. איז עס א גאנץ אָפטע זאך, באזונדערס בא די נידעריקערע קלאסן.

די ענגלענדער האָבן אויך אויסגעראָטן א צווייטן מינהעג — ס א ט י, ד. ה. דעם מינהעג צו פארברענען די אלמאָנע לעבע־

דיקערהייט נאָכן מאַנס טויט. מע קאָן אָבער ניט אָרעוו זיַין, אַז ערגעץ ווו אין די טיפענישן פון לאַנד, אין די איינציקע פון די צענדליקער און הונדערטער זעלבשטענדיקע קיניגרײַכלעך עקזיס־טירט ניט דערדאָזיקער מינהעג נאָך אַדאַיעם. דאָרט פאָדערט מען עס אָפט בא דער אַלמאָנע. און ווען זי טוט עס ניט, פאַראַכט מען זי און מע באַציט זיך צו איר, ווי צו אַן אומווערדיקער זאַך. דעמאָלט בלייבט איר נאָר וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון פּראָסטיטוציע אָדער ווערן אַ דינסטמיידל אָדער אַ קעכני אין אַ אייראָפּעישער שטוב.

קיין אַנדער אויסוועג האָט זי ניט, סיידן אָפּגאָלן דעם קאָפּ און ווערן אַ בעטלערן, אַ באַלטשווע לעם בייסהאַמיקדעש.

אין בענאַרעס טרעפט מען פיל אַזעלכע אַלטיטשקע פרויען אַרום די באָטיי־מיקדאָשים.

## 36. די באַיאַדערקאַ.

דאָ רופט מען זיי „נאַוטש“.

„נ א ו ט ש“ איז אַ דראַווידיש וואָרט און די טײַטש דערפון איז—„טאַנץ“. „נאַוטש־גערל“ באַטײַט דעריבער אויף ענגליש „אַ טאַנץ־מיידל“ אָדער, פּאָשעט, אַ ט ע נ צ ע ר ן (גערל איז אויף ענ־גליש—אַ מיידל).

קינדווייז נאָך, פון דער מוטערס ברוסט רייסט מען זיי אָפּ און מע ברענגט זיי אַ מאַטאָנע אין בייסהאַמיקדעש אַרײַן דעם גאָט שיווא. זייער כויוו איז צו ראַמען די באָטיי־מיקדאָשים און נאָכ־זען, אַז דאָרט זאָל שטענדיק זײַן ריין. ווי ס'איז אָבער צו זען, טוען זיי אָט־אָ די מעלאָכע ניט איבעריקס געטריי. דעריבער זײַנען די טעמפּלען אָפט פול מיט שמוץ און מיט הייליקער צויע פון קי און העלפאַנדן. אין דער צײַט, ווען זיי זײַנען פרײַ פונעם ראַ־מען לערנט מען זיי זינגען און טאַנצן, און אַזוי ווי ראַמען גאָטס הויז מעגן נאָר געזאַלבטע, פאַרקנאַסט מען זיי דעריבער מיט גאָט. און ווען פון אָט זייער כאַסענע ווערן געבוירן קינדערלעך, מאַכט מען די ייִנגעלעך פאַר קלעזמער באַם בייסהאַמיקדעש און



די באַיאַרעקעס פאָרן אין בייטהאמיקרעש.

די מיידעלעך פאר „נאַוטש־גערל״, ד. ה. טענצערנס ביז זיי וועלן אויך אונטערוואַקסן און ס׳וועט קומען זייער צײַט צו הייראַטן מיטן אַלמעכטיקן גאָט שיווא...

די „נאַוטש״ זײַנען די סאַמע פּריווילעגירטע פרויען אין אינדיע, מאַכמעס שטענדיק קימאַט גייען זיי אַרום פוסט און פּאַס, זינגען, טאַנצן, ליבן און קײַען בעטעל—אַזאַ מין געוויקס, פון וועלכן די ציין ווערן שוואַרץ, און די ליפּן און שפּײַעכץ רויט, און דאָס אַלץ טוען זיי לעקאָוועד דעם גרויסן גאָט, וועמען זיי זײַנען אַ מאַטאָנע געבראַכט. אַזוי ווי זיי רעכענען זיך פאַר פרויען פון גאָט, האָבן אַלע פאַר זיי אָפּשײַ. אויב זיי זײַנען נאָך דערצו שיין אויך און זײַנען געניט אין זייער קונסט, לעבן זיי גאָרניט קײַן שלעכטן טאָג און קלײַבן צונויף אַ פײַנע פּױטעקע. פאַראַן אַזעלכע „נאַוטשן, וועלכע מע צאָלט טויזנט ענגלישע פונט פאַר אַ טאַנץ, און זייער יאָרלעכער באַלאַנס דערגרייכט אין די הונדערטער טויזנטער.

*

מיר שטייען באַם אַרײַנגאַנג אין אַ בייסהאַמיקדעש,—אַ גאַנצע שטאָט. מיר גייען דורך אונטערן געוועלב פון דער ערשטער גרויס־אַרטיקער גאַפּורא (טויער־ביניען). עטלעכע טויזנט מענטשן ווינען אין אָט דעם בייסהאַמיקדעש. זיי לויפן פאַרהאַוועט הין און צוריק. מיר זײַנען שוין פאַרבײַ אַסאַך זאַלן, אָט איז די גרויסע מירמל־שטיינערנע לאַטאָס־מיקווע, ווו די בראַמאַנער שטייען אויף די טרעפּלעך און באַשפּריצן זיך די ברוסט מיט הייליקער וואַסער.

מיר זײַנען דערגאַנגען צו דער „ג א ל ע ר י י ע פ ו ן ט ו י ז נ ט ז ײַ ל ן״.

אין גראַנדיעזן זאַל ברענען טויזנטער פײַערן, וויגנדיק קאָקאָס־אייל פון די ברענלאָמפּן. דאָ שטייט אַ געלעגער מיט טעפּיכער און קישעלעך געדעקט, אַ געלעגער פאַרן גרויסן נאַבאָב, דער האַר פון דער געגנט. אויף אָט דעם געלעגער ליגט ער האַלב אָנגעלענט און מעשאָרסים־יינגעלעך טראָגן אים אונטער צום רויכערן קאַליאַן און זיסע צוקערדיקע טייטלען צום פאַרבײַסן. ווײַט

צווישן די ווײַלן זײַנען די קלעזמער. אײנער פויקט, א צווייטער בלאָזט אין א פלייטע פון קאמיש, צוויי קלאפן מיט דרײַעקן און אײנער שפילט אף א מין קיילע פון כאזער־פעל.

אין אָט דעם טומל האָבן זיך ארײַנגעריסן דרײַסיק יונגע מיידלעך, דרײַסיק „נאוטשן”.

זיי הוידען זיך, וויגן זיך הין און צוריק. אין בלאָווע זײַדענע טיכער, געלע, רויטע און פון מאלווע־קאָליר זײַנען אײַנגעהילט זייערע לײַבער. א ברייטער זילבערנער גארטל האָט ארומגעפאסט די טאליע פון די קני בּיז די אקסל. קאָלערליי טײַערע איידל־שטיינער פינקלען בא זיי אף די פינגער פון די הענט און פיס, אפן שטערן, אין דער נאָז און אין די אויערן.

ס'דאכט זיך, אז אלע זאלן האָבן זיך צעזונגען און אז די אָן א שיר קליינע קאָקאָס־פײַערלעך אָטעמען ארײַן אין זיך די סוי־דעספּולע קלאנגען.

אָן דערנענטערן זיך פון דער נאוטש־מאכנע צווייען. געבויגן און געדרייט, אף די שפּיץ פינגער מיט קאטאלעפּטישע באוועגונ־גען, מיטן שטערן, מיט די ווינקלען־אקסל זיך צו דער ערד גערירט. זייערע גלאטע שווארצע האָר זײַנען צעקעמט אין דער מיט. צוויי שווארצע צעפּ פאלן אראָפּ אף דער ברוסט. ווייסע בלומען שטעקן אין די האָר. שווארצע אָפּאלן זינגען אף די הענט און גרינע שמאראגדן פון די פיס־פינגער. אינעם לינקן נאָזלאָך שײַנט אן אלעקסאנדריט, רובינען פינקלען פון די אויערן אראָפּ און א שלאל בריליאנטן באצירן דעם שטערן.

ווי רייפן, — אזוי בייגן זיי זיך אויס. כאפן יעדן מינדסטן קלאנג און פארוואנדלען אים אין באוועגונגען פון פרייד, אין מוזי־קאַלישן עקסטאז.

## 37. די קונצנמאכערס.

ווי אײַער פוס באטרעט נאָר דעם באָדן פון באָמביי, איז דאָס ערשטע, וואָס סע ווארפט זיך אײַך אין די אויגן — א קונצנ־מאכער. געדולדיק צעלייגט ער זיך מיט אלע זײַנע זעקעלעך



זײַלן-גאלעריע אין מײלעך אקבארס פאלאץ אין אגרא.

און קוישעלעך איבער דער שטויביקער גאס פארן האָטעל און ווארט ביז איר וועט ארויסגיין. ער קאָן אזוי אָפּוואַרטן שאָענווײַז אונ־טער דער אומדערבארעמדיקער טראָפּישער זון. נאָר סע מאכט אים ניט אויס, אבי ער וועט נאָר כאפּן אײַער אופמערקזאמקײַט אף א מינוט—פריִער אײַער אופמערקזאמקײַט און דערנאָך אײַערע פּאָר גראָשן.

אָט די קונצן, אגעוו, קאָן מען אצינד זען, מערסטנטייל, אף אלע יארידן פון גאָר דער וועלט, ווו סע באווײַזן זיי, ווי סע ווערט רעקלאמירט, „עכטע אינדישע פאקירן". מער ניט דאָ, אין זיי־ער מעטראָפּאָליִע, קאָן מען אן אנדערש מאָל זען עטוואָס פײַנערע קונצן: ווי פון א שטעקן ווערט א שלאנג, אקוראט, ווי מוישע ראבײנו האָט עס אין כומעש געמאכט; ווי פון א מאטבייע, וואָס ליגט אף דער האנט, ווערט א פראָש. אין די אנטראַקטן טאנצן מאל־פּעס און שטשורעס, אָדער ס'זאָגט נעוויִעס א פּאָפּוגײַ—א טרעפער. איי־נער פון די בעסטע נאָמערן איז באַ זיי די קונץ מיטן מאנגאָ־בוים. דער קונצנמאכער נעמט א קליין הײַפעלע ערד, לייגט אהין ארײַן א מאנגאָ־קערנדל און באגיסט עס היפּש מיט וואסער. דערנאָך דעקט ער עס צו מיט א טיכעלע—האָט איר געהערט א קונץ אָן א טיכעלע? וואָס פאר א פּאָנעם וואָלט עס געהאט?—און ציילט בעשאס־מײַכע זיבעצן מאָל זיבעצן אף זיבעצן שפּראכן, דערבײַ מעלאָכעט ער די גאנצע צײַט מיט די הענט אונטערן טיכעלע. און דערנאָך, אז סע שלאָגט די גוטע מינוט, רײַסט ער אראָפּ דאָס טיכעלע,— שטייט אין דער מיט א שיינץ קליין מאנגאָ־ביימעלע. אן אנדער קונצנמאכער שלינגט אײַן רויטע, גרינע און ווײַסע פּראָשקעס, האלט זיי אין זיך א שטיקל צײַט, דערנאָך שפּײַט ער זיי ארויס טרוקענערהייט, ווי זיי זײַנען געווען פריִער.

באזונדערס נעמען אויס באַם אָרטיקן אוילעם די קונצן פון ארויסנעמען אויגן, פארברענען הענט, דורכשטעכן בײַכער מיט א שווערד, אופהייבן שווערע שטיינער, וואָס הענגען אף א שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן צו א דורכגעלעכערטער צונג, און מער

פון אלץ דאָס קײַקלען זיך איבער דער ערד צווישן שארפע שווערדן און שפּיצעכיקע שטעכמעסערס.

צום סאָף גייט „דאָס פארפאלענע מיידל".

זי קריכט אַרײַן אין א קליינעם קויש. דער קונצנמאכער פארמאכט אים דערנאָך און שטעכט אים עטלעכע מאָל דורך מיט א שווערד דורך אלע זײַטן, און, פארשטייט זיך, אז דאָס מיידל גייט דערנאָך ארויס פונדאָרטן פריש און געזונט מיט א שײַנענדיק פריילעך פּאָנעם.

זעלטן ווען סע גיט זיך אײַן זעען דעם בארימטן קונץ פון אבּכיראדאנען. דער צויבּערער פארוואַרפט א שטריק אין דער לופטן און צווינגט א יינגל ער זאָל זיך דער־ן ארופדראפּען. ווען דאָס יינגל דערגרייכט אהין ווו סע דאכט זיך, אז דער פרײַער עק שטריק ענדיקט זיך אין דער לופטן, דאָרט סטײַעט דאָס יינגל אויך נים. דעמאָלט נעמט דער קונצנמאכער א לאנג מעסער אין די ציין, מאכט א שרעקלעך בייז פּאָנעם און נעמט זיך אויך דראפּען אפן שטריק, דערגייט צום סאָף שטריק און ווערט אויך ווי אויס־געגרונען. דער שטריק וואקלט זיך נאָך דערנאָך אביסל אינ־דערלופטן. פלוצים דערהערט זיך פונויבּן א ראכמאָנעס־געשריי פונעם יינגל און דאָס בייזע כריפּען פונעם צויבּערער. זעען זעט איר גאָרניט. נאָר אָט פאלט פונויבּן אראָפּ א צעבּלוטיקטע פוס און דערנאָך א האנט, און שפּעטער דעם יינגלס צעהארגעטער קאָפּ, און נאָך א פוס, נאָך א האנט, ביז סע פאלט אראָפּ מיט א טראך דאָס לעצטע—דער קערפּער. קריכט דערנאָך אראָפּ פונעם שטריק א צופרידענער דער קונצנמאכער מיט זײַן גרויסער באָרד, ווישט זיך פּאמעלעך אָפּ דאָס מעסער, נעמט צונויף אלע טיילן פונעם מענטשלעכן קערפּער און לייגט זיי צונויף אין א קוישל, דערנאָך פארמאכט ער דעם קויש און לייגט פּאָר, אז עמעצער פונעם אוילעם זאָל אים עפענען. עפנט עמעצער,— שפּרינגט פון דאָרטן ארויס פריילעכערהייט דאָס אף שטיקלעך צעשניטענע יינגל. אָט־אָ דער קונץ ווירקט אביסל אן אייראָפּייער אף די נערוון. די אינ־דוסישע פאָלקס־מאסע לעקט דערפון די פינגער.

## 38. די באשווערער פון שלענג.

דאָס צענטראלע אָרט אָבער צווישן אלע קונצן און פאָלקס־פארוויילונגען אין אינדיע פארנעמען די טענץ און דאָס געראנגל פון שלענג. איטלעכער קונצנמאכער פירט מיט זיך איין קויש מיט א קליינער מונגאָ—א פלינק פירפיסיק כאיעלע און נאָך א קויש פול מיט שלענג. אף דער פאָרשטעלונג נעמט מען ארויס א שלאנג פון א דריי מעטער די לענג און מע לאָזט ארויס די מונגאָ. דאָס קליינע אָבער פלינקע כאיעלע ווארפט זיך ארוף אף דער גרויסער שלאנג און דערגייט איר די יאָר פאר א פאָר מינוט. נאָך אינטערעסאנטער איז דאָס געראנגל פון דער מונגאָ מיט דער זייער גיפטיקער ברילענשלאנג. אויך דאָ גייט די מונגאָ ארויס מיט ניצאָכן פון שלאכט. דערביי קומט איר אָבער אויס ארויס־ווייזן איר גאנצע פלינקייט און רירעוודיקייט.

קעדיי צו צווינגען טאנצן א קאָברע, באנוצן זיך די קונצנ־מאכערס מיט א פויק, א פייפל אָדער א קליינער פלייט. זיי עפע־נען עטוואָס אוף דעם קויש און הייבן אָן שפילן. סע גדויערט נאָר עטלעכע סעקונדן, קריכן די ברילנשלענג גלייך ארויס, ציִען זיך אויס ארופצו און נעמען זיך טאנצן. מערסטנטייל רייסט מען בא אָט די שלענג פריִער ארויס די גיפטיקע ציין. נאָר נישט שטענדיק. אייניקע באשווערער טוען דאָס נישט. זיי פארלאָזן זיך, אז זיי וועלן אויסהיילן דעם ביס מיט זייערע הייליקע צויבער־שפרוכן. באצאָלן זיי טאקע דערפאר נישט זעלטן מיטן לעבן, נאָר סײַוויסײַ איז זייער לעבן ווייניק וואָס ווערט: אלע קונצנמאכערס און באשווערער געהערן צו די נידעריקע קאסטעס.

אינטערעסאנט איז, וואָס דער אייגענער אינדוס, וואָס שפירט גלייכגילטיק נאָך דעם געראנגל צווישן דער מונגאָ און דער שלאנג און איז העכסט צופרידן, ווען דער געשיקטער קליינער „דזשאגערנאטק" בייסט איבער דער גרויסער שלאנג דעם רוקנ־ביין, — אָט דערזעלבער אינדוס וועט דאָך דער שלאנג דאָס מינדסטע בייז נישט טון, אויב ער וועט זי אָנטרעפן אפן גראָז



באשווערער פון שלענג.

אָדער אין די קוסטעס. פון דער קאָברע איז אוואדע אָפגערעדט, צו איר דינט מען אין גאנץ מיטל־און דאָרעם־אינדיע און אויך אין ציילאָן. ניט זעלטן קומט אייַך אויס צו זעען א מאדראס, טאַמיל אָדער סינגאלעזער, וואָס שטייט און דאוונט פאר א שלאנגענאָרע. דערבייַ שטעלט ער איר אנידער א טעפעלע מילך, אביסל וואסער מיט צעמאָלענע רייַז. האגאם די געטלעכע שלאנג וואָלט אסאך בילכער פארביסן מיט א לעבעדיקער מויז אָדער פראָש.

## 39. די קאסטעס.

צוויי רעליגיִעס הערשן אין אינדיִע. דער אינדויִזם אָדער בראַמאניזם און דער איסלאם. מוסולמענער איז סאכאקל א מיליאָן 80. די איבעריקע איבערוועגנדיקע מערהייַט באפעלקערונג העכער 200 מיליאָן זייַנען אָנהענגער פון דעם אינדוסטישן גלויבן.

מיט אים איז עס פארבונדן די קאסטן־סיסטעם.

אין וואָס באשטייט זי?

די גאנצע באפעלקערונג טיילט זיך לויט דער אָפּשטאמונג און באשעפטיקונג אף א גאנצער ריי שטרענג אָפּגעזונדערטע גרופּן, וועלכע מע רופט אָן קאסטעס. פארצייַטנס זייַנען אין אינדיִע פירערליי קאסטעס געווען: 1) בראמינער — די גאלאָכים־קאסטע, 2) קשאטריער — די קאסטע פון מיליטער־לייַט. 3) וואיסי — די קאסטע פון ערדארבעטער און 4) סודרא — די קאסטע פון די אונטערוואָרפענע דאָרטלייַט, ווען די אינדוסן האָבן באצווונגען. מיט דער צייַט אָבער זייַנען אָט־אָ די קאסטעס קימאט אומגעקומען און ס'זייַנען אופגעקומען א ריי נייַע. צו דער העכסטער קאסטע געהערן אצינד די בראמינער (ניט דאפקע קייַן גאלאָכים!). זייער הויט איז פיל ליכטיקער ווי בא די אנדערע אינדוסן. ווייַטער גייט די ערדארבעטערישע קאסטע ראדזשפוטא. פאראן קאסטעס פון שרייַבער און געלערנטע, קאסטעס פון ברויט־הענדלער, קאסטעס פון שמידן און פון קרימענקערעס און פון פארשיידענע אנדערע

מעלאָכעס (געראָטן אין אונדזערע מיטלאלטערלעכע צעכן, נאָר פּיל מער פארשלאָסענע) א. א. וו.

דער שוירעש פון דער קאסטן־סיסטעם ליגט מיסטאָמע אין די באציִונגען, וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט צווישן די העלהויטיקע באצווינגער פון אינדיִע און די טונקלהויטיקע באזיגטע דאָרטלײַט. דאָס וואָרט „קאסטע" ווערט נאָך אנדערש באצייכנט מיטן וואָרט „ווארנא", וואָס איז די טײַטש קאָליר. דער פארשיידענער הויט־קאָליר פון די זיגער און באזיגטע האָט אזוי ארום אוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין פאר דער קאסטן־צעטיילונג. די אסימילאציִע אָבער פון אָט די ביידע שיכטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די ווײַטער־דיקע דורעס, האָט מיטגעבראכט דעם אופקום פון נײַע צווישנשיכטן און מיטל־קאסטעס. דערבײַ האָט זיך נאָך ארײַנגעמישט די ווירט־שאפטלעכע ארבעט־צעטיילונג. פארשיידענע ארבעט־צווײַגן זײַנען פארפעסטיקט געוואָרן אין רעשוס פון באשטימטע גרופּירונגען און פארפעסטיקט געוואָרן אף דויר־דוידעס. מיטן אופקום פונעם האנ־דלס־קאפּיטאל זײַנען די קאסטעס געוואָרן יאָדערן פון האנדלס־גיל־דיִעס און אינדוסטריִעלע צעכן.

מיט וואָס־זשע, וועט איר פרעגן, טיילן זיך די קאסטעס אָפּ פון די גרופּירונגען, די צעכן, גילדיעס און באלמעלאָכישע עקאָנאָמישע כעוורעס, וואָס אייראָפּע האָט אין מיטלאלטער און אפן שוועל פון דער נײַער צײַט געהאט?

דער כילעק איז, וואָס אין אינדיִע איז די גרופּירונג ניט בלויז קײַן ריין ע ק אָ נ אָ מ י ש ע. די פאנאנדערגרענעצונג גייט אריבער אויך אף די איבעריקע געביטן פון לעבן. צווייטנס, איז די צעטיי־לונג א פיל פעסטערע. די קאסטן־מיטגלידער מעגן כאסענע האָבן בלויז מיט טעכטער פון דער אייגענער קאסטע. און די קאסטן־אָנגעהעריקײַט ווערט איבערגעגעבן ביערושע. פארשיידענע קאסטעס טאָרן אפילע ניט זיצן בא איין טיש. דערבײַ האָט זיך יעדער קאסטע איר ר א נ ג, איר מאדרייגע און דארף וויסן איר אָרט, ווער ס'איז העכער פון איר און ווער ס'איז נידעריקער. דאָס העכסטע אָרט פארנעמען — די בראמינער. דאָס לעצטע — שמידן און קוימענקערערס.

דאָס אָרט פון איטלעכער קאסטע איז ניט געבליבן אומגע־ענדערט אין פארלויף פון דוירעס. די עקאָנאָמיק האָט דאָ גע־שפּילט די גרעסטע ראָליע און זי איז געווען די סיבע, וואָס די האצלאָכע האָט געשפּילט אמאָל אָט דער און אמאָל אן אנדער קאסטע.

אין יענער צייַט, ווען צימרינג איז געווען א גרויסע מעציִע, האָבן די צימרינג־פּראָדוצירער פארנומען א בעקאָוועדיק אָרט. וואָס מער ס'איז אָבער געפאלן דער נאָכפרעג אף אָט דעם פּראָדוקט, איז די צימרינג־קאסטע בימכילע געפאלן אין דער מײַלע.

די באלמעלאָכישע קאסטע איז אן ענגע קאָרפּאָראציִע, וואָס שטעלט אָפּט אײַן דעם מעקעך פונעם פּראָדוקט, שטיצט א געווויסן ארבעט־לוין און אן אנדערש מאָל אפילע ארבעטער־שטרײַקן.

די עפּאָכע פון אינדוסטריעלן קאפּיטאליזם האָט, פארשטייט זיך, שטארק צעשאָקלט דעם יעסאָד פון דער קאסטן־סיסטעם, נאָר אים נאָך ניט איבערגעקערט. כאראקטעריסטיש איז א פאל, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1857 אין דער צאָפּן־אינדישער שטאָט דעלי. אופשטאנדלער (די סיפּאיער) זענען דעמאָלט אָנגעפאלן אף א באנק, געהארגעט דעם דירעקטאָר און אָפּגעראבעוועט די קאסע. איינער א באנק־אָנגעשטעלטער א בראמינער האָט פארכאפּט אביסל מינץ, וואָס איז פארבליבן, פארבונדן עס אין א טיכל און אנטלאָפן. אין וועג איז אף אים אָנגעפאלן א באנדע גאזלאָנים און בא אים געפּאָדערט דאָס קניפּל אָדער דאָס לעבן. דער בראַ־מינער האָט זיך ניט פארלוירן און זיי געפרעגט, צו וואָס פאר א קאסטע געהערן זיי, וואָס זיי דערוועגן זיך עס אָפּצושטעלן א בראמינער? האָט מען זיך בא אים טייקעף אנטשולדיקט און אים געבעטן זיך צווזעצן. דערווײַל איז איין גאזלען אוועק אין נאָענסטן דאָרף און זיך אומגעקערט פון דאָרטן מיט נאָך עפּעס א פרעמדן מענטשן.

דער פרעמדער האָט באגריסט דעם בראמינער און זיך צו אַם אָנגערופן:

— דו ביסט א בראמינער?

— יאָ.

— און איך אויך, איז זײַ מוכל, דערלאנג אהער דײַן קניפּל...

פאַרשטייט זיך, אז אויב בראַמינער דינען שוין אלס קלערקן („שרײַבערלעך") אין בענק און קאַנצעליאַריעס און ארבעטן אף פאַבריקן באַגלײַך מיט פּאָרשטייער פון די סאַמע פּאַראַכטע סעקטן, און פון דער אַנדערער זײַט זיצן וועשערנס זינדלעך (א נידעריקע קאַסטע) אין די אוניווערסיטעטן און אַנשטאַלטן, — קען שוין די קאַסטן־סיסטעם קײַן שטאַרקע מאַמאָשעס און קײַן לאַנגן קיום ניט האָבן. צווישן די שטאָטישע ארבעטער און די טאָג־לוינער אף די פּלאַנטאַציעס קאָן מען אָפּט טרעפן געמישטע כאַ־סענעס צווישן א בראַמינס א זון און א טשאַמאַרס (די נידעריקסטע קאַסטע) א טאָכטער. ווען אָט־אָ די יאַטן קערן זיך אום צוריק אין דאָרף ארײַן, לאָזט מען זיי אַן אַנדערס מאָל ניט אף דער שוועל פון שטוב, האַגאַם זיי האָבן דאָרט הײַזער און ערד, ווײַל זיי האָבן אויווער געווען אפן געזעץ פון די פעטער און אויסגעמישט זייער בלוט מיט א פּו־עמדער קאַסטע...

אין מאַלאַבאַר (דאָרעם־מײַרעוו־אינדיע) איז אדאיעם די נידע־ריקסטע קאַסטע — דער שיוועס נאַיאַדי. די באַציִונג צו זיי איז אף אזא אופן באַשריבן אין דער אינדישער צײַטונג „יונג־אינדיע": זיי טאָרן ניט גיין מיט קיין וועגן. דערזעענדיק א אינדוס פון אַן אַנדער קאַסטע, דאַרפן זיי אוועקלויפן, זיך באַהאַלטן יענעמס אויג זאָל אף זיי כאַסוועשאָלעם ניט פאַלן. ארבעטן קאָנען זיי ניט, ווײַל קיינער האָט מיט זיי קײַן מאַגע־מאַסע ניט, בעטלען זיי: לייגן אוועק א טאָרבע באַם וועג, און אליין באַהאַלטן זיי זיך אין דער טיף פון דזשונגלי אָדער ווײַט אין פעלד און שרײַען פון דאָרטן, בעטן פון דאָרטן די נעדאָוועס אף א קאָל:

— טום בראַנעט, טום בראַנטי.

אָט־אָ די פּראַזע כאַזערן זיי איבער אָן א סאָף ביז עמעצער איז זיך מעראַכעם אף זיי און וואַרפט זיי צו א גראָשן, א מעסטל רײַז אָדער א צעריסענעם בעגעד. שרײַט דער נאַיאַדי אויס פון־דערווײַטנס זײַן דאַנק און בענטשונג און לאָזט זיך לויפן צום זאַק צו זײַנעם, אַניט קאָן נאָך א פויגל אויספּיקן דאָס ביסל רײַז.

## 40. די טמייִם (די „אומרייִנע").

אין אלע צײַטן און בא אלע פעלקער זײַנען קעסיידער געווען גרופן מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויסער דער געזעלשאַפט און אויסערן געזעץ. קימאט שטענדיק ליגט אין יעסאָד פון אָט דער איזאָליאַציע א וועלכע ס'איז ניט איז עקאָנאָמישע סיבע. מאכמעס די קאָנקורענץ און דער עקאָנאָמישער קאַמף ווערן אָפטמאָל פאַר־מאַסקירט מיט נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, קאַסטישע און אנדערע צוועקן. ייִדן האָט מען אין מיטלאַלטער פײַנט געהאַט, ווײַל זיי האָבן געדינט אַן אנדער גאָט, געהאַלטן פון אַן אנדער רעליגיִע. אזוי פלעג מען זאָגן. אין טאָך ארײַן אָבער איז עס געווען א סינע צו די געניטע ייִדישע סאָבֿרים, באַנקירן און פראָצענט־ניקעס, וואָס האָבן אומעטום קאָנקורירט מיט־די אָרטיקע. די איזאָ־ליאַציע איז אָבער א־יבערגעטראָגן געוואָרן אויך אף די שכיינישע גרופן און שיכטן: מע האָט פײַנט ניט דעם ייִדן דעם האַנדלס־קאָנקורענט, נאָר סטאם א י ט ל ע כ ן י י ִ ד ן. דעריבער זײַנען אין די פינצטערע מאסן אָפטמאָל פאַרשפרייט אזעלכע מינים סינע צו באַשטימטע גרופן באַפעלקערונג, וואָס זייער — אצינד שוין פאַר־מאַסקירט — שורעש איז שווער אָנצוטאַפּן. ייִדן זײַנען ניט דער איינציקער פאַל. אין גאַסקאָניע צופוסנס די פירענייען האָט מען דעסגלײַכן די קאַהאָטן, אין שפּאַניע די „טשועטאַ" (קינדס קינדער פון די אמאָליקע מאַראַנען, ד. ה. יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך געשמאַדט קעדיי ניט אומצוקומען אינעם פײַער פון דער אינ־קוויזיציִע).

שווער איז אָנצוווײַזן מיט וואָס ס'אונטערשיידן זיך די קאַהאָטן פון די איבעריקע פראַנצויזן, פונדעסטוועגן האָט מען אף זיי פון שטענדיק אָן געקוקט ווי אף ניט קיין מענטשן. און בלויז די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט זיי אויסגעגלײַכט אין די רעכט מיט אלע איבעריקע לאַנדסבירגער. נאָך אויך אצינד, מיט 150 יאָר קימאט שפּעטער נאָך דער גרויסער רעוואָליוציע, הערשט נאָך קעגן זיי א געוויסע שטימונג אין די אָפּגעשטאַנענסטע

פּאָלקסמאסן. אזא מין גרופּע באַפעלקערונג טרעפן מיר אויך אין אינדיע, האגאם דאָ איז עס א קלענערער כידעש. וואָרעם גאַנץ אינדיע איז דאָך דורכגעווייקט מיטן קאסטן־גייַסט און מיט דעם ראנגען־לייטער פון „העכערע" און „נידעריקערע". נאָר די לעצטע אָט אף דעם לייטער, די סאמע אָפּגעשטויסענע זייַנען די „ראָדיען". פארוואָס?

דערוף איז אצינד זייער שווער צו ענטפערן. פיזיש זייַנען זיי גאנץ גוט געבויט, שענער פון די איבעריקע ציילאָנער. די פרויען בא זיי זייַנען זייער שיינע, שיין אפילע לעגאבע אונדזערע אייראָ־פּעיִשער פּאָרשטעלונג. קיין איין סינגאלעזערן אָדער טאמעלירן קאָן זיך צו זיי ניט גלייַכן.

די טייַטש פונם וואָרט „ראָדיער" איז „טאָמע", „אומריינער". זיי זייַנען נידעריקער פון אלע קאסטעס, אויסער יעטווידער קאסטע. פונוואנען שטאמען זיי?

א לעגענדע דערציילט, אז די אורעלטערן פון די ראָדיער זייַנען געווען יעגער באַם קייסער פון קאנדי, די הויפּטשטאָט פון ציילאָן, וואָס האָט דעמאָלט געטראָגן דעם נאָמען „לאַנקא". זיי זייַנען מעכוייעוו געווען צו שאפן געווילד־רויב צום קייסערס טיש. איינמאָל האָבן זיי אים צוגעשטעלט אזא מין געשמאק מייַכל, אז ער האָט באשטעלט דאָס אייגענע אויך אף מאָרגן און נאָך אף עטלעכע טעג. האָט אָבער דער באָרדגאָלער געפּעפּענט דעם קייסערס אויגן אף אָט דער זאך און אים געגעבן צו פארשטיין, אז דאָס פלייש, מיט וועלכן זיי האָבן דעם קייסער מעכאבעד געווען, איז מענטשן־פלייש געווען. האָט עס דעם קייסער שטארק פארדראָסן און ער איז פול געוואָרן מיט גרימצאָרן, אז ער האָט אוש ניט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיי. אלע מינים שטראָף און פּייַניקונגען, מיט וועלכע ער פלעג באַצאָלן פאר פארשיידענע פארברעכן און ווידערשפּעניקן אין אים, האָבן זיך אויסגעוויזן פאר צו־קליין אין אָט דעם פאל. האָט ער באַפוילן, אז אלע אָט־אָ די יעגער, זייערע קרויווים און פריַינט, קינדער און קינדסקינדער ביזן לעצטן פון זיי זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פונעם קלאל מענטשן אף

אייביקע צײַטן, און דער צייכן פון פאראכטונג זאָל איבער זיי הענגען אף דויר־דוירעס. ס'איז קלאָר, אז אָט־אָ די לעגענדע האָט מען ספּעציעל צוגעקלערט קעדיי צו פאַרענטפערן דעם וויסטן גוירל פון די „ראָדיער". און אזוי ווי בא די בודיסטן ווערט די קלענסטע ראָע, וואָס ווערט געטאָן דעם מינדסטן באַלכײַ, פאַרע־כנט פאר א שרעקלעכער אוולע, האָבן זיי אָט־אָ דעם כעט געקיי־פּלט און פאַרגרעסערט. האָט זיך שוין באַקומען דער גרעסטער פאַרברעכן אף דער וועלט: הארגענען א מענטשן און אָנהאָדעווען מיטן פליישׁ מיט זײַנעם די הײַליקע פּערזענלעכקײַט פונעם גאָט־געזאַלבטן מײַלעך.

נאָך אזא מײַסע האָבן שוין געזאָלט זײַן פאַרענטפערט אַלע קאשעס, און די „ראָדיער" האָבן אזוי ארום, הייסט עס, קאָ־שער פאַרדינט זייער פינצטער מאַזל.

די קאַהאָטן אין פראַנקרײַך האָבן ניט געטאָרט שעפּן קיין וואַסער פונעם קאָהאָלשן ברונעם. גייענדיק איבער דער בריק, האָבן זיי זיך ניט געטאָרט צורירן צו די שפּאַר־ווענטלעך, און אזוי ווי זיי זײַנען געווען קריסטן, פלעגן זיי אַרײַנגיין אין קלויסטער דורך א באַזונדערער טיר און געהאַט אן אייגענע שיסל פאַר דער הייליקער וואַסער. זיי האָבן אויך געטראָגן א ספּעציעל שאַנד־צייכן — א רויט געגנדל אָדער אן איי־שאָלעכץ, קעדיי מע זאָל זיי דערקענען און זיך קענען אָפּקערן פון זיי. זיי האָבן אויך ניט געטאָרט גיין באָרוועסערהייט, קעדיי ניט פאַרומווערדיקן די ערד. קימאַט די אייגענע פאַרבאָטן און באַגרענעצונגען לײַדן די „ראָדיער", זיי האָבן ניט געטאָרט פאַרמאָגן קיין ערד (אָט האָט איר אײַך איינעם פון די סימאָנים, וואָס פירן עפּשער צו דער עקאָנאָמישער אויס־טײַטש פון זײַנער פאַרוואָגלטקײַט), זיך ניט געטאָרט בויען קיין מער־ווייניק רע אָנשטענדיקע געצעלטן, ניט געטאָרט ליגן אין גאַס.

אלס א מאַלבעשׁ האָבן זיי געמעגט טראָגן נאָר א שמאַטע ארום דעם דיך. פלעגן זיי עמעצן באַגעגענען אין וועג, זײַנען זיי מעכויעוו געווען צו אַנטלויפן אין די דזשונגלי אף א דרײַסיק טריט די ווײַט און שרײַען אף א קאָל. אז דער דורכגייער זאָל

דערהערן, זיך דערוויסן פון זייער אומריינער נאָענטקײַט און זיי אויסמײַדן. אלע מעלאָכעס זײַנען זיי געווען פארבאָטן און דערונטער אויך ערדארבעט (נאָכאמאָל אן עקאָנאָמישער מאָטיוו!). זיי איז דערלויבט געווען אָפּצוגעבן זיך בלויז מיט די סאמע מיִעסטע מעלאָכעס: שנײַדן רימען־פאסן פון אָקסענער פעל און פלעכטן שטריק. אגעוו, איז עס די אייגענע פארנאָסע אויך פון יענע, וואָס די קאהאָטן אין פראנקרײַך מעגן זיך מיט איר באשעפטיקן. זי ווערט פארעכענט פאר א גיוּוזעדיקער, ווײַל סע א טאליאָנישע ארבעט.

מעגלעך, אז סײַ די קאהאָטן, סײַ די ראָדיער שטאמען פון די אמאָליקע קייסערלעכע טאליאָנים און זייערע באהעלפערס און דאָס הענגט אף זיי אדאיעם דער גרימצאָרן פון פאָלק. פון זינט די ענגלענדער זײַנען געוואָרן באלעבאטים אין לאנד, האָט דער ראָדיער באקומען די אלע „רעכט" אָדער „אומרעכט", וואָס די איבעריקע באפעלקערונג. פאקטיש אָבער איז די באציִונג צו זיי מיצאד דער אָרטיקער באפעלקערונג בעסער ניט געוואָרן. קיינער אכוץ די אייראָפּייער קויפט ניט זייער פּראָדוקציע און קיינער אכוץ זיי וועט זיי קיין שפאן ערד ניט פארקויפן. קיין איין „ראָדיער" וועט נאָך אדאיעם ניט איבערשפאנען די שוועל פון א סינגאלעזער אָדער א טאמיל. מע דערציילט, אז ווען איין ראָדיער האָט געהארגעט א צווייטן און מע האָט אים געדארפט ארעסטירן, האָבן זיך די פּאָליציי־לײַט (פון די אָרטיקע) אָפּגעזאָגט עס צו טון. זיי האָבן געהאלטן, אז עס איז פיל גלײַכער אים פּאָשעט צו דערשיסן, ווי צוצורירן זיך צו זײַן טאָמע קערפּער.

ווי מיר האָבן שוין דערציילט, זײַנען זיי פיזיש שיין און שלאנק געבויט. די הויט זייערע איז אסאך העלער, ווי בא אלע איבעריקע נידעריקרע קאסטעס.

פון וואנעט זאָל זיך עס נעמען?

בא דער אמאָליקער אריסטאָקראטיע פון ציילאָן, בא די קייסאָרים פון לאנקא און זייערע מעקוראָווים איז געווען א מינהעג, אז אויב זייערע א פרוי האָט מיט עפּעס פארזינדיקט פלעג מען זי



ראָדיער פרויען.

איבערגעבן צו די פּאראכטע ראָדיער. דאָס איז געווען די גרעסטע שאנדע פאַר זיי און דער גרעסטער אומגליק, מאכמעס דערנאָך איז זי שוין אליין געוואָרן טאָמע, ווי א ראָדיער, און זיך שוין קיין מאָל ניט געקאָנט צוריק אומקערן אין דער געזעלשאפט, פון וועלכער זי איז ארויסגעשטויסן און ארויסגעשפּיגן געוואָרן.

אצינד וואנדערן די ראָדיער ווי ציגײַנער איבערן לאנד און זײַנען קונצנמאכערס, באשווערער פון שלענג, די טעכטער זייערע טאנצן, זיי זייגען שיין: זייערע מוטערס זײַנען אמאָל קייסערינעס געווען; מע פאראכט זיי אָבער: זייערע פאָטערס זײַנען אמאָל טאליאָנים געווען.

## 41. די פּארסים.

דאָס זײַנען שיראַים פון די אמאָליקע אײַנוווינער פונעם לאנד פּאָראס איידער זיי זײַנען אריבער, אונטערן דרוק פון די אראבער, אינעם מוסולמאנישן גלויבן. זיי זײַנען אדאיעם פארבליבן פײַערדינער, זייערע הייליקע ספאָרים איז די זענדאָוועסטא, ווו ס׳איז באשריבן זאראטוסטראס (ריכטיקער: זאָראָאסטרס) טוירע. ווען מאכמעס רעליגיִע האָט באצוווּנגען אזיִע און פּערסיִע אויך דערינען, האָט זיך דאָס הײַפעלע פּארסים ניט געוואָלט אונטערגעבן. אין אכטן י״ה האָבן זיי זיך באזעצט אין גודזשעראט, ווו זיי האָבן רויִק געלעבט הונדערטער יאָרן. נאָר אין 16־טן י״ה האָט זיי דער איסלאם אויך אהער אָנגעיאָגט און זיי פונדאנעט פארטריבן. זײַנען זיי צעשפּרייט געוואָרן אין גאָלעס איבער פיל לענדער פון מיזרעך.

און ווען די ענגלענדער האָבן דעם קליינעם באמיאמיקן יישעוו באָם־באכיא פארוואנדלט אין א גרויסער האנדלס־שטאָט באָמביי, האָבן זיך די פײַערדינער, די פּארסים, אהער א לאָז געטון. דרײַ פערטל פון אלע פּארסים ווױנען אצינד אין באָמביי, דאָס איבעריקע דריטל איז צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאנצן לאנד. סאכאקל זײַנען זייערע אין אינדיִע 100,000 מאן, ד. ה. א דרײַ־

סיקטל פון איינס פראַצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, — א טראָפּן אינעם אינדישן מענטשן־יאַם, א ברעקעלע זאַמדעלע אין א גאַנצן מידבער.

און פונדעסטוועגן האָט אָט דאָס זעמדעלע א גרויסע ווערט פאַר אינדיִע. אָט־אָ די עטלעכע צענדליקער טויזנט מענטשן שפּילן א גרויסע ראָליע אינעם האַנדלס-לעבן פונעם גאַנצן לאַנד. זיי זײַנען די מאָדערנע הויפּט־סאָחרים אין גאַנץ מיזרעך. אויך די אַנדערע פעלקער האָבן זייערע סאָחרים, נאָר קלענע האָבן דאָך בא זיך אַנדערע קלאַסן אויך: ערדאַרבעטער, אַרבעטער, די פּאַרסים זײַנען אויסשליסלעך א האַנדלס־פאָלק. און ווײַל זיי שטייען אין דער סאַמע מיט פונעם עקאָנאָמישן לעבן און זײַנען אויסגעקאָכט מיט אַלע פעלקער, — זײַנען זיי דעריבער אָן אָן ערעך קולטורע־לער פון אַלע איבעריקע פעלקער פון אינדיִע און זײַנען לויט זייער אַנטוויקלונג אַמנאָענטסטן צו די אייראָפּייער (אַגעוו, אינ־טערעסאַנט איז, וואָס דער איינציקער דעפּוטאַט - קאָמוניסט אינעם ענגלישן פּאַרלאַמענט סאַקלאַטוואַלא איז אויך א פּאַרס). צו די אייראָפּייער זײַנען זיי ענלעך אפילו לויטן אויסערלעכן אויסזען, זיי זײַנען פיל ליכטיקער מיטן פּאָנעם פון די אינדוסן און שטאַרק געראָטן אין ייִדן. זייער קליידונג שיידט זיך אויך ווייניק וואָס אָפּ פון דער אייראָפּעיִשער. אין ייִדן זײַנען זיי נאָך מיט איין זאַך געראָטן. אַקוראַט אַזוי ווי אונדזער ייִדיש שטאַמט פון מיטל־הויך־דײַטש און דאַווענען די פרומע ייִדן אויף דער אַמאָ־ליקער שפּראַך, — אויף העברעיִש, אַקוראַט אַזוי ריידן די פּאַרסים אויף גודזשעראַטיש, א שפּראַך, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פאַר די הונדערטער יאָרן, וואָס זיי האָבן געלעבט אין גודזשעראַט. זייער הייליקע שפּראַך אָבער, אויף וועלכער זיי דאַווענען, איז די אוראַלטע שפּראַך זייערע, — דער זענד. בא זיי איז אויך פאַ־ראַן קאָשערע און טרייפע מאכאָלים, נאָר אַזוי ווי בא פרומע ייִדן איז טרייף א כאַזער, אַזוי איז בא די פּאַרסים טרייף א קו.

דעם פּאַרסישן סויכער, באַנקיר און קאָמיסיאָנער טרעפט איר אומעטום, סײַ אין סינגאַפּור, סײַ אין גאָנקאָנג, אין שאַנכײַ און

אין יאָקאהאמא, אין קאָלאָמבאָ און אין אדען, אין קאַיר און אין אלעקסאנדריע. פון אלע גרויסע שטעט אין אינדיע איז אָפּגעדעדט. זיי האָבן א שעם פון סאָלידע פירמעס. די נעמען זייערע ביַיטן זיי זייער לײַכט אף ענגלישע און שטרעבן זיך אײַנקויפן אין ענגלישן ייִכעס, קריגן אן ענגלישן טיטל: לאָרד אָדער באַראָנעט. זיי זײַנען אויך פּאַזראָנים אף געזעלשאפטלעכע באדערפעניש, וויבאלד נאָר מע קאָן זיך דורכדעם קוינע־שעם זײַן און בארימט ווערן.

א גרויסער טייל באָמבייער ביניאָנים איז אויסגעבויט אף די געלטן פון א וואָסער סע ניט איז רײַכן פּארס, ווי דער אוניווערסיטעט, צום בײַשפּיל, דער קאָלעדזש, דער גראנדיזוער ברונעם אף קרופאָרד־מארקעט א. א. וו. די אייראָפּעיִשע סאָכרים, וואָס לײַדן פון דער פּארסיש׳ער קאָנקורענץ, קלאָגן זיך געוויינלעך, אז די פּארסים זײַנען שווינדלער און אָפּנארערס. ריכטיק איז אָבער נאָר דאָס, אז די פּארסים זײַנען ניט קײַן גרעסערע אָפּנארער און שווינדלער, ווי אלע אנדערע סטאם הענדלער אין די מיזרעך־לענדער און ניט נאָר אין די מיזרעך־לענדער. שווינדל איז ניט קײַן אייגנטום פון דעם אָדער יענעם פֿאָלק. ס׳איז אזא מעטאָד, וואָס אלע הענדלער ווענדן אים אָן דאמאָלט, ווען ער לוינט (דעם הענדלער, פארשטייט זיך). אין די עקאָנאָמיש הויךאנטוויקלטע לענדער מיט א גרויסן אומזאץ לוינט שוין ניט דער שווינדל־מעטאָד. אין די אָפּגעשטאנענע מיזרעך־לענדער קאָן מען אים נאָך טרעפן אלס אן אוניווערסאל אָנקלײַב־מיטל פון דער האנדלס־בורזשואזיִע בּיכלאל.

## 42. דער שווײַג־טורעם.

די פּארסים שעמען אין מיזרעך ניט נאָר מיט זייער געלט, נאָר אויך מיט זייערע שווײַג־טורעמס אף מאלאבארער בארגפלאץ. מאלאבארער בארגפלאץ רינגלט ארום מיט גרינע גערטנער און פּארקן איינעם פון די שענסטע קווארטאלן אין באָמביי, א

קווארטל פון דורכויס ווילעס. דאָס סאמע בארגפלאַך אָבער געהערט צו די פּארסן. א ברייטע גאַס פירט צום טויער, אף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן:

## ארייַנגאנג בלויז פאַר פּארסים.

די פּארסן זייַנען אָבער טאָלעראנט און קולטורעל און איטן לעכער אייראָפּייער קריגט לייַכט אן ערלויבעניש צו באַטראַכטן דעם ראכוועסדיקן פּארק, ווו ס׳געפינט זיך דאָס בייסוילעם פון אָט דעם פאָלק.

איך זיץ אף א מירמלשטיינערן בענקל אין אָט דעם פּארק. דאָס בענקל איז באצירט מיט פּארסישע עמבלעמעס: זון און לעוואָנע, פייַער און וואסער און בעסויכאָם... א קו.

א גיגאנטישער בוים שטרעקט אויס זייַנע פּראכטפולע צווייַגן וואָס באשיצן פון דער ברענענדיקער האַבלטאָגיקער זון.

געלע און פיאָלעטענע אָרכידייען העגגען אראָפּ פונעם שטאַם און גרויסע באַמעלעאָנען טוליען זיך צו זיי, אויסוואַרטנדיק רויבן פונונטן אונטער מיר ליגט די מיליאָניקע שטאָט. אין שאָטן פו קאָקאָס־פּאלמען און מאנגאָ־ביימער באהאלטן זיך אויס די רייַכע אייראָפּעיִשע און פּארסישע ווילעס, די גאָטישע געבייַדעס פון די ענגלישע געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן, די מוסולמאנישע מעטשעטן און די נעבנדיקע הילצערנע געצעלטן פון די אינדוסן.

און פונהינטן — דער אראבישער יאם.

מיט דער ברייטער גאס הייבט זיך ארופצו א פּראָצעסיִע. פונפאָרנט א טראָגבעטל, און פון ביידע זייטן צוויי מענטשן מיט גרויסע בערד. זיי טראָגן העטשקעס און האלטן צוואנגען אין די הענט: נאָר אזוי קאָנען זיי זיך צורירן צום מעס, וועלכער רעכנט זיך פאַר טאָמע, אומריין.

זיי טראָגן אריַין דעם מעס אַהינצו.

נאָך זיי גייט אהינצו אריין פּאָרלעכווייַז נאָך א האַלבע מייל פּארסים.

פינף קײַלעכיקע, שנייװײַסע װענט הייבן זיך אפן בארגפלאק. אָט דאָס זײַנען שװײַג־טורעמס. טורעמס? ניין, גיכער איז דאָס נידעריקע, פארמאכטע טעראסן. מיט איין טיר בלויז ארײַנצוגיין. אינעװייניק זײַנען דרײַ קרײַזן, װאָס זײַנען אינדערמיט נידע־ריקער. אין יעדן קרײַז אסאך פארטיפונגען.

דער אויסװייניקסטער, גרעסטער קרײַז איז פאר מאנסבלען, דער מיטלסטער — פאר פרויען, און דער קלענסטער—פאר קינדער. די פראָצעסיע דערנעענטערט זיך צום מיזרעכ־דיקן טורעם. דאָרט פאר א קליינעם טויער פילן די פארסים אויס די לעצטע מינהאָגים זייערע, דאװנען מאָנאָטאָניש צו דער זון, צעבינדן און פארבינדן א קניפּ פון א הייליקער טאשמע. דערנאָך דערהערט זיך א קלאפּ פון דער אײַזערנער טיר. די נױסים, די טרעגערס, זײַנען שוין ארויסגעגאן. דער נאקעטער מעס ליגט איינער אליין אין קײַלעכיקער גרוב. און אָט הייבט זיך עפּעס אוף פון איבער די טאמארינדן. מיט שװערע אומגעלומפּערטע קימאט פליגל־פּאָך פליִען צו די טויבנפאלקן, דרייען זיך א װײַלע און לאָזן זיך אראָפּ אין טורעם. אייניקע ראָבן פליִען צו זיי אונטער און כאפּן אויס די בעסטע שטיקער בא די גרויסע פייגל פון אונטערן שנאָבל.

פונונטן זינגט נאָך מאָנאָטאָניש די לעװאיע. נאָר מיר דאכט זיך, אז איך הער דאָס פּיקן פון ראָבן, איך הער עפּעס רײַסן און טרישטשען, אָט פונדאָרט, פונעם װײַסן טורעם ארויס.

צי דאכט זיך מיר נאָר, אז איך הער?

די צײַט גייט.

אין אן אייביקײַט ארום הייבן זיך די זאט־געװאָרענע פייגל צוריק אוף און זעצן זיך אויס ראָד־ארום דער בלאנקנדער װאנט. און געדויערט, לאָזט זיך אויס, האָט עס סאכאקל פינף מינוט, — אזוי װייניק צײַט פּאָדערט זיך פאר זייערע שארפע שנאָבלען, זיי זאָלן פון א מענטשן מאכן א הופן ביינער.

אזוי הייסט דער װונדערלעכער געזעץ פון זאראאטו־סטראן.

דער מעס, דער טויטער קערפּער איז טאָמע, אומריין. טאָר ער ניט פאַרומרייניקן קיין הייליקע זאכן. און הייליק איז פייער און וואַסער, ערד און לופט, — די פיר יעסוידעס, פון וועלכע די וועלט איז געבויט. טאָר מען אים דעריבער ניט פאַרברענען און ניט אין טייך אַריינוואַרפן, ווי די אינדוסן טוען עס, מאַכ־מעס דערמיט וועט מען טאָמע מאַכן דאָס פייער און דאָס וואַסער, מע טאָר אים אויך ניט באַגראָבן, ווי די קריסטן, און מאַכ־מעדאַנער טוען עס, קעדיי ניט צו פאַרפלעקן די ערד. ער טאָר זיך אויך ניט צעלייגן אַף דער לופט קעדיי ניט פאַרומוועדיקן די לופט.

איין אויסוועג נאָר איז פאַראַן:

דאָס טויטע זאָל אַריין אין לעבעדיקן, ס׳זאָל ווערן אויס טויטס...

אָט קערן זיך די פאַרסים אום פון טורעם אַראָפּ צוריק מיט דער ברייטער גאַס. פונפאַרנט גייען די צוויי זין פון יענעם מענטשן, וואָס געפינט זיך אַצינד שוין אין די מאָגנס פון צוואַנ־ציק פעטע אומוועדיקע רויב־פייגל. איינער פון די זין הייבט אוף דעם קאָפּ און כאַפּט א קוק הינטער זיך צוריק צום טורעם. מ׳זעט ניט קיין סינע אין זיינע אויגן צו די קוורע־פייגל. גיכער שטראַלט פון זיי א שטומע פראַגע:

— צי ניט איר, רויב־פייגל, וועט מיר אויספּיקן די אויגן און אופעסן דאָס האַרץ?

די פאַרסים זאָרגן זיך ניט וועגן די פייגל. די איינציקע האָ־דעוואָניע זייערע זיינען די מייסים. ווען דאָס קלעקט זיי ניט, מוזן זיי זיך אַליין זוכן עפּעס אַנדערש. פאַרקערט, אַמאָל קלעקט ניט קיין פויגל. מיט עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע, ווען אין באָמביי האָט געווילדעוועט די טשומאַ און די קליינלעכיקע טורעם־טויערן האָבן זיך פיל מאָל א טאָג געעפנט, — דעמאָלט איז צופיל שפּייז געווען פאַר די זשעדנע רויב־פייגל. דעמאָלט איז געווען א סאַקאָנע, אַז די טאָמע מייסים־קערפּערס זאָלן פאַר־אומוועדיקן די הייליקע לופט, האָט מען געמוזט אויש פון פענ־דזשאַב מיט גרויסע שוועריקייטן אַראָפּברענגען נייע רויב־פייגל.



דער שוויַיג-טורעם.

וויסט און אומהיימלעך איז אין אָט דעם וואונדער־שיינעם פּאַרק. כ׳גיי צו צום באַשיידענעם טעמפּל און קוק אַהין אַרײַן. דאָ ברענט אַ שטענדיק פײַער, וואָס די אורעלטערן פון די איצטיקע פּאַר־סים האָבן נאָך פון זייער היימלאַנד אַרויסגעפירט. די קויהאַנים זייערע האַלטן אונטער די גאַנצע צײַט אָט דאָס פײַער, אונטער־וואַרפנדיק פרישׁ סאַנדאַלן־האָלץ...

## 43. אין דאָרף.

אַ פרילינגדיקער פרימאָרגן. פון דער פײַכטער ערד, פון בליִענדיקע ציטראָנען און פּאָמעראַנצן איז אַ פאַרשיקערנדיקער ריחעך צעגאָסן אין דער לופטן.

דאָס טונקעלע נאַקעטע לײַב פון פויער גלאַנצט אויף דער זון און אָפּט אײַן אין זיך שײַן און פרישקײַט. פאַמעלעך שלעפּט ער זיך נאָכן גרויסן ווײַסן אָקס, וואָס שלעפּט נאָך זיך אַ הילצער־נעם אויסגעבויגענעם בוים־שטאַם, — אַ „פלוג" אַזוי צו זאָגן.

אויבנופיק ווערט אופגעריסן דער שווערער שלאַמיקער באָדן און ס׳לייגן זיך גלײַכע שפּאַלטן פון איין עק פעלד צום צווייטן. דאָרט דרייט זיך דער בופלאָקס אויס און שלעפּט צוריקוועגס זײַן הילצערנעם אַקער.

נאָר—שאַ! — עפּעס האָט אַ רויש געטון בײַ דער זײַט אין אַ פּאַלמענגעדיכטעניש, אַ לײַכט צישען האָט זיך דערהערט. אַ פײַף. דער פויער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און זיך צוגעהאָרכט... פּלוצים האָט ער דערזעען אַ גרויסע שלאַנג. דער שמאָלער קאָפּ אירער, ווי אַ דלאָניע די גרייס, האָט זיך געהויבן אין איין שורע מיט אַ גרויסער רויטער בלום, זי איז זייער נאָענט געווען. ער האָט אַפילו דערזעען שוין איר דינע באַ־וועגלעכע צונג. אַ ציטער איז דורך איבער זײַן לײַב, נאָר ער האָט זיך ניט פאַרלוירן און מיט אַ שווערן הילצערנעם דראָנג איר דערלאַנגט איבערן קאָפּ. פאַרטיק. איצט קאָן מען ווײַטער נאָכגיין דעם אָקס אין זײַן אַרבעט. פאַראַכטאָגן אָבער האָט

אזא מין ברילענשלאנג, — די „קייסערינע פון פינצטערניש״, ווי מ׳רופט זי דאָ, — א ביס געטון דעם שאָכנס אָקס בעשאסן אקערן און א קליין מיידעלע זײַנס, — אוןביידע זײַנען אין פעלד אויסגעגאן, קאָרטשענדיק זיך אין שרעקלעכע קאָנווולסיִעס.

נאָר אָט איז דאָס פעלד שוין צעאַקערט, און דער פויער קערט זיך אהיים רײַטנדיק אף דעם ווײַסן גלאטן רוקן פון בופלאקס.

מיט די גרינע סטעזשקעס באוועגן זיי זיך פאמעלעך אהיים. ארום כוואליען זיך פלאמען רויטער מאָן, וואָס פארדעקט גאַנצע פעלדער. ווײַטער ציִען זיך באוול־פעלדער און קלעטער־דיקער פעפער. אָן זײַנען זיי דורכגעגאן דורך דעם זעמינדארס הויז. א אינדישער פּאָרעך, ברוין אזוי ווי אלע אינדוסן, נאָר ער קליידט זיך שוין ווי די ווײַסע. א היפּש ביטל טרערן פארגיסט מען איבער אים באם פויער אין הויז, פאראיאָרן האָט ער פאר די כויוועס א בופלאקס צוגענומען. א ווערטעלע: צונעמען א בופלאקס פונעם באלבאטישקײַט!

נאָר אָן איז שוין דאָס דאָרף. פון צווישן די הויכע פּײַגנביימער זעען זיך דורך די געצעלטן, מיט בלעטער געדעקטע.

אָן שטייט באם סאמע ארײַנגאנג אין דאָרף סעלימס געצעלט. פריִער איז ער אויך א פויער געווען, מיט אלעמען גלײַך ארענדירט ערד באם זעמינדאר, האָט ער זיך אָבער פארפלאָנטעט נעבעך אין כויוועס, האָט דער זעמינדאר בא אים צוגענומען די ערד און פארמעגן. און אצינד מוז ער נאָך ארבעטן בא אים אומזיסט, נאָר קעדיי צו דעקן די כויוועס. און אָן ווײַטער מיט א שטיבעלע ווינט דער טעפער. אין א ווײַסן טורבאן זיצט ער אינדרויסן און קלעפּט טעפּלעך פון ליים אף זײַן טעפּער־ראָד. און די הייסע אינדישע זון ברענט ארום די טעפּ. באגייט ער זיך אָן א ברען־אויוון.

ווײַטער גייען די געצעלטן פון די וועבער, נאָר אויך דאָ איז ניט צו זען קײַן פרייד. זייער פארדינסט ווערט קלענער פון טאָג צו טאָג, די געוועבן זייערע זײַנען טײַערער פון יענע, וואָס

די פאבריק לאָזט ארויס, איז אף זיי פון טאָג צו טאָג אלץ ווייניקער באַלאָנים. איינגיכן וועלן זיי איינגאנצן אָן פארנאָסע בלייַבן און אויך מוזן ווערן א טאָגלוינער באם זאמינדאר, אָדער אוועק קיין באָמביי און אָנקומען אין א טעקסטיל־פאבריק,— אויך א שיינער טאכלעס: ארבעטן גאנצע טעג אין א פארמאכטן שטינקענדיקן צימער און קריגן אָפטמאָל ניט מער ווי אף צו עסן.



א אינדישער ארבעטער באם רייניקן באוול.

כאָטש — צוריק גערעדט — ווער האָט דען מער ווי אף צו עסן? אלע: סיי דער פויער, סיי דער ארבעטער ארבעטן נאָר אויס דעם פיסנעם קניש פון רייַז. און האלעווייַ ווען כאָטש דאָס באשטענדיק. א גוטן טאָג לעבן נאָר די זעמינדארן און די טעקסטיל־פאבריקאנטן.

מיט אזעלכע אומעטיקע געדאנקען קערט זיך אום דער פויער א צעבראָכענער צו זייַן געצעלט נאָכן שווערן ארבעט־טאָג אף זייַן ארענדירט שטיקל פעלד.

## 44. די רײַז־פעלדער באנאכט.

ארום און ארום שפרייטן זיך פעלדער, פעלדער מיט רײַז, אָנגעזויפטע מיט וואסער. די וואסער ברויזט איבער זיי און שטראָמט. זי גיסט זיך פון אריבער דעם צאָם, וואָס געפינט זיך עטוואָס העכער, רינט מיט די קאנאלן און קאנאווקעס. אין זיי



צײַטיקע רײַזפעלדער לעבן מאדראס.

זײַנען שליוזן אײַנגעאָרדנט, וואָס עפענען און פארמאכן זיך,— לאָזן דורך און פארהאלטן די וואסער. הויך איבער אָט דער וואסער שטייט די רײַז. ווײַסע און גרויסע רייערס שפאצירן דאָ אום, שטעקן זייערע לאנגע שנאָבלען אין זומפּ ארײַן און זוכן דאָרט אָפּ פרעש מיט שלענג. מיט די סטעזשקעס קריכן שנעקן פאזע די וועגן, מיט דער זײַט קלײַבן זיך דורך פאמעלעך

קראבן. בא די זײַטן בלײַען בלויע קווייטן און מיסטגראָזן. דער הימל איז לויטער און בלאָוו. און די היץ איז ניט איבערצו־טראָגן.

ווען ס'איז געוואָרן נאכט און די זון האָט זיך באהאלטן הינטער די רײַזפעלדער, האָבן זיך אפן הימל אָנגעצונדן שטערן.

פרעש זײַנען זיך פארגאנגען אין זייער קוואקען. דער פרעשענער קאָנצערט האָט אָנגעפילט דעם גאנצן ארום, איבער די סטעזשקעס אינדערלופטן האָבן געטאנצט פײַער־פליגן, זעלטן ווען שלענג האָבן זיך גערוקט, באוועגן.

מע איז זיך שוין צעגאנגען אהיים. איינע אליין פארלאָזט איז די רײַז געשטאנען צווישן די וואסערן.

ווען ס'האָט זיך אָבער אראָפּגעלאָזט די נאכט, האָט זיך ביגנייווע, שטילערהייט באוויזן א מענטש. פאָרזיכטיק האָט ער זיך דורכגעקליבן צווישן די קאנאלן, אריבער די סטעזשקעס און זיך פארטיפט אין רײַז ארײַן. אפן זעקסקאנטיקן פעלד זײַנען געלעגן פיר אומגעוואלגערטע סטויפעס, פונויבן פארייניקט מיט א ברעט צום זיצן. אהינצו איז דער מענטש ארופגעקראָכן און זיך דאָרט אנידערגעזעצט מיט די פיס אונטער זיך.

עטוואָס שפּעטער האָט זיך נאָך א מענטש באוויזן, אויך גע־טיאָפּקעט איבער דעם זומפּ און וואסער, נאָר שוין איבער אן אנדער פעלד און האָט זיך דאָרט אויך אנידערגעזעצט אויך אף אזא מין סטויפן־טורעמל, ווי דער ערשטער. און איינער נאָכן אנדערן גייען אזוי איינציקווײַז מענטשן פון אלע זײַטן און אָר־דענען זיך אײַן איטלעכער אין א טורעמל אף אן אנדער פעלד.

דאָס זײַנען די שאָמרים, וואָס היטן די רײַז פון א גנייווע, מאכמעס די רײַז איז שוין קימאט ווי צײַטיק.

און אָט האָבן די היטערס זיך אָנגעהויבן איבערופן און אי־בערשרײַען איבער די וויסטע פעלדער און ווײַטע, ווײַטע שטרע־קעס אמינע מאָדנע קלאנגען.

די פולע לעוואָנע איז הויך געשטאנען איבערן הימל און זיך אין וואסער געשפּיגלט צווישן די רײַז־שטענגלעך. צײַטנ־

וויַז, ווען פונגנטן האָט זיך אָנגעהויבן פאָרען א פראָש אָדער א קראַב, זײַנען איבער דער וואסער געלאָפן געכוואליעטע פינק־לענדיקע ראָדן.

א גאנצע נאכט האָט זיך געהערט דאָס איבערופן פון די היטערס. זייערע קוילעס האָבן טכילעס אָפּגעהילכט פונדערווײַטן, דער־נאָך זיך אלץ נעענטער און נעענטער געקײַקלט, ביז א גרילציקער



וואסער-גלאטער שפּיגל פון די רײַז-פעלדער.

אויסגעשריי דערהערט זיך לעבן אײַך, סאמע איבערן אויער, און דערנאָך זיך ווידער דערווײַטערט און גענומען אָפּשטארבן אינ־דערווײַט, ווי דאָס קרייען פון א האָן אין האלבער נאכט.

דעמאָלט איז געוואָרן שא־שטיל. ווידער הערט מען מער גאָרניט כוצן קוואקען פון פרעש און ריזלען פון וואסער־שטרעמלעך ביז,— א צווייטע כוואליע איבערוף-קוילעס קײַקלט זיך דורך איבערן וואסער־גלאטן שפּיגל פון די רײַז־פעלדער.

דאָס היטן די שאָמרים דאָס אָרעם ברויט פונעם אינדישן פויער.

## .45 אינדוסטריאַליזאַציע פון אינדיע.

אינדיע איז נאָך אַדאַיעם דעריקערשט א לאַנדווירטשאַפטלעך לאַנד. די אינדוסטריאַליזאַציע האָט זיך דאָ ערשט אָנגעהויבן אין די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, אי דאָס גייט זײַ מיט שילדקרעטענע שריט, מאַכמעס די אײַנגלענ-דער האָבן איבערגעלאָזט פאַרן דאָרטמאַנישן קאַפּיטאַל בלויז די טעקסטיל־אינדוסטריע. די ערשטע צײַט איז די אינדוסטריע נאָך ניט געווען קײַן פעסטע און דער פּראָלעטאַריאַט אויך א פּראָלעטאַריאַט אף דער העלפט. ער האָט נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן אײַנגעריסן מיטן דאָרף, מיט דער ערד. און אין די צײַטן פון



א בענאַרעסער שוסטער.

אינדוסטריעלן שטילשטאַנד פלעג דער אַרבעטער אָפט צוריק אַרײַנקריכן אין דער פויערשער פעל אַרײַן. דאָס איז א ניט־קוואַליפיצירטער אַרבעטער געווען, וואָס די פאַבריק האָט אים

מעמאלע געווען דאָס, וואָס די ערד האָט אים ניט דערגעבן, און וואָס די ערד האָט אים געהאָדעוועט דאן, ווען דער פאבריק־קוימען האָט זיך ניט גערויכערט. געארבעט האָט ער פאר א שי־בעש, צו 12—16 שאָ א טאָג, אין א פארמאכטן פארדעמפטן ווארשטאט, אונטערן אופזיכט פון מאשגיכים, וואָס האָבן ניט גע־זשאלעוועט קײַן געשריי און קײַן שטורכע אין דער זײַט.

די מילכאָמע אָבער האָט ארויסגעריסן די אינדוסטריעלע מאָ־נאָפּאָליִע פון די ענגלענדערס הענט, מאכמעס זי (די ענגלישע אינדוסטריִע) האָט זיך ארײַנגעוואָרפן מיט אלע רעסורסן אירע אין דער מיליטערישער אינדוסטריִע און באפרײַט דאָס אָרט, אין א געוויסער מאָס, פאר דאָרטמאנישן קאפיטאל. דער לעצטער נעמט זיך שטארק אנטוויקלען און וואקסט אויס פאר די דרײַ יאָר 1916 — 1918 אויף 2000%. יענע יאָרן האָבן דער־וויזן, וואָס הייסט, אז דער אימפעריאַליזם שוואַכט אָפּ די לייצעס זײַנע אין די לענדער, איבער וועלכע ער הערשט. אין דער ערשטער ריי רופט עס ארויס דעם אופבלי פון דעם היגן קאפי־טאליזם, אין דער צווייטער ריי ברענגט עס צום אופוואך פון די ארבעטער־מאסן.

די מילכאָמע־יאָרן אין אינדיִע זײַנען געווען יאָרן, ווען דער ארבעטער־קלאס האָט זיך געהאלטן אין איין קלײַבן און קלײַבן אין די שטעט. די שטעט אָבער פון זייער זײַט זײַנען קלאל ניט צוגעגרייט געווען צו אזא פארפלייצונג מיט מענטשן־מאַטעריִאל. זײַנען די ארבעטער געצווונגען געווען זיך באזעצן אין הילצערנע באראקן, אין שמוץ און אין ענגשאפט. די ספּעַ־קוליאנטן האָבן ווי שטענדיק און ווי אומעטום גלײַך אויסגענוצט די וווינונג־נויט און פאריסן די פרײַזן אזוי, אז גאנצע מישפּאָ־כעס פון ארבעטער האָבן זיך געשטיקט אין פיצלעך צימערלעך.

און האגאם אדאנק דעם וווקס פון דער אינדוסטריִע האָט אויך געשטיגן דער ארבעטלוין, פונדעסטוועגן האָט זי דער שטאָ־טישער יאקרעס גיך אריבערגעיאָגט. און דער פּראָלעטארישער האמוין, וואָס איז ערשט אנטלאָפן פון דאָרף צוליב הונגער און

ניט, איז אינגיכן אויך אין שטאַט בעדאלעס געוואָרן ביז גאָר. די אינדוסטריִע האָט געבליט. דער עקספּאָרט איז געוואָקסן און אין אינדיִע גופא האָבן אויסגעפּעלט פּראָדוקטן פון ערשטער וויכטיקייט. דאָס האָט פארשטארקט די אָפּאָזיציאָנערע שטי־מונגען אין לאנד.

## 46. די נאַציאָנאלע באוועגונג.

די אָפּאָזיציאָנערע שטימונגען זיינען באקאנט געווען אינ־דיִע שוין פון אסאך פריִער. נאָר טכּילעס האָבן זיי געשטאמט דע־ריקערשט פון דער אומצופרידנהייט, וואָס האָט געהערשט אין די קרייזן פון דער דאָרטמאנישער בורזשואַזיִע. די היגע בורזשו־אַזיִע, וואָס האָט היפּשע קאפּיטאלן אָנגעקליבן, האָט זיי געוואָלט אָנווענדן אין דער פּראָדוקציִע און זיך אויך אף אזא אופן בא־טייליקן אין דער עקספּלואטאציִע פון דעם פּאָטערלאנדס נאטור־אויצרעס און זיינע רייכע רעזערוון פון ביליקער ארבעט־קראפט, וואָס דאָס פאראָרעמטע פויערשאפט פלעג סיסטעמאטיש צושטעלן דער שטאָט און דער אינדוסטריִע. די ענגלענדער אָבער זיינען געשטאנען דער היגער בורזשואזיִע ווי א ביין אין האלדז. זיי האָבן ניט געוואָלט קיין שותפים באם עקספּלואטירן דעם אינדישן פויער. וואָס קלענער דער אוילעם פון פאבריקאנטן און הענדלער, אלץ גרעסער איז די סיכּבע באם אונטערפירן דעם באלאנס פון די רעוואָכים. וואָס שמעלער דער גאָכפרעג אף ארבעט־הענט, אלץ ביליקער זיינען זיי דאָך, עפענען דעם וועג פאר דער אָרטיקער בורזשואזיִע—האָט געהייסן עפענען דעם וועג פאר נייע קאָנקורענטן.

דאָס האָט געטריבן די אינדישע בורזשואזיִע אפּן וועג פון אָפּאָזיציִע און מערידע.

די אינטעליגענץ ווידער האָט ניט געקאָנט דערלייַדן די כוצפּע, מיט וועלכער די ענגלענדער האָבן זיך באצויגן צו דער אָרטי־קער באפעלקערונג און דער קולטור אירער.

דער באַרימטער אינדישער דיכטער ראַבינדראַנאַט טאַגאָר דערציילט פון איינעם אַן ענגלענדער „אַ טיפּישן דזשאָן בול"*) ווי ער זיצט צוגאַסט בײַ אַ אינדוס אין בענגאַליע און שמועסט זיך בעשאַס־מײַסע אומפּאַרשעמטערהייט וועגן דעם, „אַז דער מאָ־ראַלישער צושטאַנד פון די אינדוסן איז זייער נידעריק, אַז זיי פאַרמאָגן ניט קיין גענוגע אכטונג צו דעם הייליקן רעכט פון לעבן, דעריבער זײַנען זיי ניט ווערט זיי זאָלן זיך באַטייליקן אי־נעם געשווירענעם געריכט". „די טיפע פאַראַכטונג און גרינג־שעצונג—שרײַבט ווײַטער טאַגאָר—מיט וועלכן אָט־אָ די מענטשן באַציִען זיך צו אונדז, איז מיר אַזוי קלאָר געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב דערהערט אַזעלכע דיבורים, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט, זיצנדיק צוגאַסט בײַ אַ אינדוס אין שטוב, אַז נאָכדעם, נאָך אָט דעם מיטאָג, זיצנדיק בײַ זיך אין צימער, איז מיר פינצטער גע־וואָרן אין די אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זיץ בײַם צו־קאָפּנס פון מײַן גרויסן באַליידיקטן היימלאַנד, וואָס ליגט פאַר מיר אויסגעוואַלגערט אין שטויב. ס'איז מיר שווער צו דער־ציילן, וואָס פאַר אַ טיפער צאַאַר ס'האָט איבערגעפּולט מײַן האַרץ. ווי ווילד האָבן מיר דערנאָך אויסגעוויזן אונדזערע סאַהיבן אין זייערע טואַלעטן מיט זייער אומגעלומפּערטן ענגליש..."

און טאַגאָר האָט זיך טאַקע שפּעטער אָפּגעזאָגט פון אַלע ערע־צייכנס און פונעם טיטל סער, מיט וועלכע די בריטאַנישע רע־גירונג האָט אים באַשאָנקען.

אָט־אָ די שטימונגען האָבן געשטויסן די אינטעליגענץ אין די פאָדערשטע רייען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אין 1885 יאָר נאָך האָט זיך געגרינדעט דער אַלאינדישער קאָנגרעס, וועלכער איז געוואָרן דער פאָרשטייער פון דער אינדישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ. ער האָט געפאָדערט רעכט און זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר אינדיע.

*) אַז מ'וויל זאָגן אַ דורכשניטלעכער טיפּישער ענגלענדער, זאָגט מען „דזשאָן בול", ווי מ'זאָגט אויף אַ דורכשניטלעכן ייִדן „אַ פּאַשעטער כאַים־יאַנקל".

ענגלאנד האָט דערפילט א געפאַר. און וואָס וועט זיין, אויב צו דער בורזשואזיע וועט נאָך צושטיין דער פאַראָרעמטער האַ־מוין און דער וואקסנדיקער פּראָלעטאַריאַט?

דעריבער דאַרף מען זען שליסן ווי ס'גיט איז שאָלעם מיט דער בורזשואזיע. וואָס פאַר א העזעק מ'זאָל דערביי נים ליידן, פאָרט לוינט עס בעסער, ווי אופצושטעלן קעגן זיך גאנץ אינדיע פון גרויס ביז קליין, אָרעם און רייך.

האָט די ענגלישע רעגירונג צוגעזאָגט דעם קאָנגרעס אויטאָ־נאָמיע (זעלבסטפארוואלטונג), וויבאלד נאָר אינדיע וועט העלפן ענגלאנד אין א מילכאָמע. די אינדישע בורזשואזיע האָט זיך לאנג נים געלאָזט בעטן. זי האָט גלייך ארויסגעלאָזט דאָס קאמף־געווער פון איר האנט, אראָפּגעלאָזט די נאציאָנאליסטישע פאָן און מיט־געהאָלפן ענגלאנד אָנצוקלייבן הארמאטן־פלייש אין אינדיע און זיך אויך באטייליקט אין פאנאנדערטיילן די מיליטערישע האל־וואָע. ענגלאנד האָט דערפאר גלייך באצאָלט. עמעס, נים מיט קיין ברייטער האנט, נאָר פאָרט באצאָלט. זי האָט איינגעשטעלט א גרעס־נעך־אָפּצאָל פון $3^1/_2\%$ אף באוול־שטאָפן און דערמיט, אזוי צו זאָגן, פּראָטעזשירט דער אינדישער טעקסטיל־אינדוסטריע. זי האָט אויך פארברייטערט די פאָרשטייערשאפט פון די אינדוסן אין די גע־זעצגעבערישע אנשטאלטן. דערינען זיינען באשטאנען מאָנטעגיוס (דעם אינדישן שייני־לעבעלעך) רעפאָרמען אין 1919 יאָר.

אכוץ דעם האָט מען זיי אויך מאווטיעך געווען אף לעהאבע דערפירן און פארברייטערן זייער איינפלוס אף די אינדישע איניאָנים ביז דערצו, אז אינדיע זאָל ווערן א גלייכבארעכ־טיקטער טייל פון דער בריטאנישער אימפעריע מיט אן איי־גענעם מיניסטעריום, וואָס איז פאראנטוואָרטלעך פאר די אינדישע געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס און נים ווי אצינד, ווען דער גוירל פון אינדיע ווענדט זיך מער אינעם ענגלישן פארלאמענט, ווי איי־דער אינעם ווילן פון די איינוווינער זיינע.

דאָס זיינען אָבער נאָר האווטאָכעס געווען. די רע־פאָרמען גופע זיינען זייער נישטיקע געווען. דאָך זיינען זיי גע־

נוג געווען קעדיי אריינצוטראָגן א שפאלטונג אינעם אינדישן קאָנגרעס און אָפּצושפּאלטן פון אים די היפשסטע בורזשואזיע און די רייכערע אינטעלי־גענץ, וואָס האָבן זיך, ווייזט אויס, באנוגנט מיט די ענגלישע רעפאָרמען אָדער, ריכטיקער, זיי האָבן פון צוויי ראָעס אויסגעקליבן די קלענערע, די קלענערע פאר זיי. אין דער פערספעקטיוו פון דער נאציאָנאלער באוועגונג האָבן זיי גלייך דערזעען, אז דאָס וועט אויפוועקן די פארשלאָפענע אָפּגעשטאנענע פאָלקס־מאסן. האָבן זיי זיך גלייך אָנגעהובן טוליען צום אלמעכטיקן אימפעריאליסטישן קאפיטאל, וואָס ווייסט ווי צו האלטן אין צוים די עקספּלואטירטע מאסן.

די מערהייט אָבער פונעם קאָנגרעס האָט אין 1919 יאָר דרייסט אופגעהויבן די פאָן פון „סוואראדזשא”, וואָס איז די טייטש: זעלבסטפארוואלטונג. אין אינדיע, האָבן זיי געטייַנעט, דארפן זייַן באלעבאטים די אינדיער.

## 47. אינדיע אַף מאָרגן נאָך דער מילכאָמע.

די אומצופרידנהייט אין אינדיע אָבער האָט זיך קלאָר ניט באנוגנט מיט די בורזשואזע און אינטעליגענטישע קרייזן. דער אינדוסטריעלער אופבוי, וואָס האָט געבראכט צו דער קאָנצענטראציע פון גרויסע מענגעס מענטשן אין די שטעט און דעריבער פון א גרויסער דאכקעס און נויט, האָט געשאפן אין דער ארבעטערשאפט אן אויסגעצייכנטן באָדן פאר אופברויז.

און דאָ האָבן זיך נאָך טכילעס מילכאָמע אומגעקערט פון אמעריקע די אינדישע ארבעטער, וואָס האָבן אהין עמיגרירט לאנג נאָך פאר דער מילכאָמע, און שפעטער אויך די אינדישע סאָלדאטן פון די פראָנטן פון דער וועלט־מילכאָמע.

אָט־אָ די עמיגראנטן האָבן געזעען אין אמעריקע און אפילע אין אייראָפּע אנדערע לעבנס־באדינגונגען פונעם ארבעטער־קלאס, אזעלכע באדינגונגען, וואָס ווי באשיידן זיי זאָלן ניט זייַן, זייַנען זיי פאָרט געווען אן אידעאל פארן אינדישן ארבעטער. די צוריק

געקערטע זײַנען אויך געבילדעטער געווען און רעוואָליוציאָנער געשטימט, באַזונדערס בענעגייע צו ענגלאַנד.

אָט־אָ די רעוואָליוציאָנערע שטימונגען האָבן זיי צעטראָגן איבערן לאַנד, איבער די שטעט און דערפער, ווען זיי זײַנען אהיים געקומען.

די געוועזענע סאָלדאַטן פון די אייראָפּעיִשע פראָנטן זײַנען נאָכמער לינק געווען געשטימט. זיי האָבן שוין גערעדט ניט בלויז פון קײַן זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר אינדיִע, נאָר אויך פון א סאָציִאַלער איבערקערעניש. האָט זיך דאָס אינדישע דאָרף א וויג געטון.



הונגערנדיקע פּויערים.

באַזונדערס אין פּענדזשאַב. ט'האָבן זיך צעשפּילט די ערשטע אומרוען. הונגעריקע, אויסגעדאַרטע מיט ווײַסע בענדער אַרום דער דיך האָבן זיך די פּויערים אין די דערפער געקליבן. אונטער די העלע שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון האָבן זייערע הוילע לײַבער געגלאַנצט, ווי אָפּגעפּאָלירט רויט האָלץ.

— ברידער! וויפל וועלן מיר ליידן? זעט, וויפל געלער ווייץ ס'וואקסט ארום. אָבער איר ווייסט דען זאס דערפון?

ווער פון אייך לייגט זיך שלאָפן מיט א פולן מאָגן?

דאָס גאנצע ווייץ גייט אוועק אף שטייערן די ענגלענדער און די פריצים אונדזערע, די זעמינדארן, וואָס זיינען א האָר ניט בעסער פון די וועסע. דאָס זיינען די אייגענע בלוטצאפּערס. מיר ארבעטן אף זיי אזוי ווי די אָקסן און דערנאָך שטארבן מיר פון שפּאנקע [1].

— ריכטיק, ריכטיק! — האָט דער האמוין געטומלט.

— וואָס זאָלן מיר אָבער טון? וואָס טוט מען אָן געווער?

— נישקאָשע, אז ס'ניטאָ קיין געווער איז נאָך א קליינער אומגליק. אבי מע האָט שטייפע הענט און א קאָפּ אף די פּלייצעס, געווער קאָן מען קריגן.

— א סאָף זאָל ווערן פון די זעמינדארן! א פייער אף זיי!

א פּאָר טויזנט בראָנזן־לייביקע פּויערים האָבן זיך א לאָז געטון מיט די מאָן־פעלדער, עטלעכע קילאָמעטער האָבן זיך אָט די רויטע פעלדער געצויגן.

זיי האָבן ארומגערינגלט די ווילע פון טשאקכאוואנטי, דעם רייכסטן פּאָרעץ אין דער געגנט, זיך אריינגעריסן אין די טויערן.

דערשראָקענע פּענימער האָבן זיך אין די פענצטער א וויין געטון און ניט געסטייעט, ערגעץ איז א פרוי כאלאָשעס געפאלן.

דער פּארוואלטער אין א ווייס לייוונט העמד האָט געפרווט איבעריידן דעם האמוין. נאָר ס'האָט אים ניט געהאָלפן. א פייערל האָט א פינקל געטון לעבן דער ווערענדע, אָט ברענט שוין דער דאך. דער פלאם לעקט שוין די שכײנישע געביידע, און אָט ברענט שוין דער גאנצער מאיאָנטעק, ווי איין גרויסער שייטער. פון איין מאיאָנטעק האָט מען זיך צום צווייטן געלאָזט. ווען מע האָט שוין

[1] אין אינדיע שטארבן די לעצטע יאָרן פון שפּאנקע מיליאָנען!

באַם פּערטן געהאַלטן, האָבן זיך ענגלישע סאָלדאַטן באַוויזן: מע האָט פאַרגעסן איבערשנײַדן די טעלעפאָן־דראָטן. האָט זיך דערהערט א זאַלפּ פון די ביקסן. האָבן זיך די פויערים מיט געשרייען און מעסערס אַרופגעוואָרן אױף די סאָלדאַטן.

— אױף שטעכמעסער! — האָט א קאָמאַנדע געטון דער ענג־לישער קאַפּיטאַן.

דער שטרײַט איז ניט קיין גלײַכער געווען. ווי אונטערגע־שניטענע זאַנגען זײַנען די פויערים געפאַלן צו דער ערד, דורכ־געשטאָכן פון די סאָלדאַטן.



פויערישע אופשטענדלער.

עטלעכע הונדערט מענטשן זײַנען טויט געפאַלן. די ענגלענדער האָבן אָנגעווירן סאַכאַקל צוויי פון זייערע.

די פויערים האָבן אָפּגעטראָטן. האָבן די ענגלענדער אַסאַך פון זיי אין געפענקעניש גענומען. געבונדן זיי די הענט און זיי געטריבן מיט די פּריקלאַדן איבער די פעלדער געלן ווייך ביז דער נאָענטסטער אײַזנבאַן. און פון דאָרטן אין שטאָט, אין די טפּיסעס אַרײַן.

און דאָ האָט מען ערשט געגרינדעט מיליטערישע פעלדגעריכטן קעדיי זיך נויקעם צו זײַן אין די אופשטענדלער. דער קאָנגרעס פון דער צווייטער זײַט האָט געבילדעט א קאָמיטעט, וואָס האָט אופגערופן די באפעלקערונג צו אן אלגעמיינעם שטרײַק.

די באוועגונג אין פענדזשאב אין אפרעל 1919 יאָר האָט באַשטימט געטראָגן אן אויסגעשפּראָכענעם סאָציִאַל-עקאָנאָמישן כאראקטער. דערבײַ האָט מען אָנגעווענדעט גוואלד ניט בלויז בענעגייע צו די ענגלענדער. די ענגלענדער האָבן דערטרונקען אָט דעם אופשטאנד מיט א שרעקלעכער אכזאָריעס. אין איין אמריטסאר אליין—א שטאָט אזא—האָט מען צעשאָסן הונדערטער מענטשן.

דאָס האָט נאָך מער אופגעבראכט די באפעלקערונג. דערצו האָט זיך נאָך צוגעמישט דאָס, וואָס אין יולי 1920 איז אונטערגעשריבן געוואָרן סעווערער אָפּמאַך, וועלכער ווארפט איינגאנצן אונטער טערקײַ די איירָאָפּייער. די צענדליקער מיליאָנען מוסולמענער פון אינדיִע זײַנען אופגעבראכט געוועזן דערפון, וואָס זיי האָבן אָנגעווירן דעם כאליף זייערן (דעם טערקישן אויבערהאר איבער אלע מוסולמענער פון דער וועלט). און געוווסט האָבן זיי, אז אין דער מאפּאָלע פון טערקײַ איז שולדיק ענגלאנד, וואָס שלאָגט בלאט מיט טערקײַס קעגנער, מיט גריכנלאנד.

אָט־אָ דאָס אלץ צוזאמען גענומען: דער עקאָנאָמישער קריזיס, די אומצופרידנהײַט מיט די מיזערע ענגלישע רעפאָרמען, די פענדזשאַבער געשעענישן, די דערנידערונג פון טערקײַ,—האָט ארויסגערופן א באוועגונג אין די סאמע פארשיידענע סאָציִאַלע, נאציאָנאלע און רעליגיִעזע קרײַזן פון אינדיִע.

איבערן לאנד האט זיך צעגאָסן א ברייטע באוועגונג: מיטינגען, געהיימע געזעלשאפטן, טעראָריסטישע אקטן.

די רעגירונג האָט דערויף אָפּגעענטפערט מיט ארעסטן, קעפּונג, מיט פארמאכן צײַטונגען און דערקלערן באלאגערונג־צושטאנד אין א ריי שטעט (דעלי, לאגאָר) און אפילו גאנצע פּראָווינצן (פענדזשאב).

## 48. סוואראדזש און סוואדעשי.

אין שפיץ פון דעם לינקן טייל קאָנגרעס, וואָס איז טריי געבליבן דעם נאציאָנאל־אינדישן אידעאל, איז געשטאנען דער אדוואָקאט מאכאטמא גאנדי, וואָס האָט א גרויסן איינפלוס געהאט אף די אינדישע מאסן.

זיי האָבן באשלאָסן צווינגען די ענגלישע רעגירונג, זי זאָל פאָלגן די פאָדערונגען פון דער אינדישער באוועגונג. נאָר מיינט איר עפשער מאכן אן אופשטאנד מיט געווער אין דער האנט? ניין: דאָס צווינגען, צו וועלכן גאנדי האָט אופגערופן, האָט געטראָגן א גאנץ אָריגינעלן כאראקטער. מע האָט געזאָלט ארויסווייזן די ענגלענדער א פאסיוון ווידערשטאנד: אַלע אינדוסן, וואָס געפינען זיך אף מעלוכע־שטעלעס, דארפן זיך פון זיי אָפזאָגן; אלע אינדישע יוריסטן דארפן אופהערן ארבעטן אין ענגלישע געריכטן, די סטודענטן דארפן פארלאָזן די רעגירונג־שולן, די באפעלקערונג דארף באָיקאָטירן ענגלישע סכוירעס,— דעמאָלט וועלן די ענגלענדער בלייבן איזאָלירט און זיך ניט קאָנען רירן פון דאנען אהין, וועלן זיי בעלעס ברייערע מוזן זיך אונטערגעבן.

אָט־אָ דער מעטאָד האָט געזאָלט לויט גאנדיס מיינונג פון איין זייט ברענגען צום ציל, פון דער צווייטער זייט איז עס געווען א וועג, וואָס האָט ניט געדארפט קאָסטן קיין קאָרבאָנעס און זיך באגיין אָן בלוט־פארגיס.

גאנדיס פראָפאגאנדע האָט געפונען א גרייטן באָדן אין די הערצער פון די אומצופרידענע מאסן און ס'איז אוועק א סעדרע „פאָליטישע שטרייקן" אלפי גאנדיס נוסעך פון פאסיוון ווידערשטאנד.

גלייכצייטיק האָט זיך אויך ברייט צעגאָסן די כוואליע פון דער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געשטאנען אונטערן איינפלוס פון די נאציאָנאַליסטישע קרייזן מיט גאנדין אין דער שפיץ.

אין איין יאנוואר כוידעש נאָר פון 1920 יאָר האָבן געשטרייקט 16 טויזנט אייזנבאנער אין דזשאמאלפורא, 65 טויזנט טעקסטילער

אין קאַלקוטע, 20 טויזנט אַרבעטער אין ראַנגון, 10 טויזנט אַר־בעטער פֿון דער בריטאַנישער שיפֿסקאָמפּאַניִע. אַחוץ דעם איז אין באָמבײ געווען אַן אַלגעמיינער שטרײַק, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט 200 טויזנט מאַן. און נאָך אָט דעם „פּאָטשין" פֿון יאַנוואַר איז אַזוי אַוועק דאָס גאַנצע יאָר. דערצו האָט מען נאָך פּאָ־פּאַגרירט די ענגלישע קליידן און באָיקאָטירט די ענגלישע סחורעס.

גלײַכצײַטיק האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן בעשאַס די וואַלן אין די רעפֿאָרמירטע ראַטן. אינעם באָיקאָט זײַנען געגאַנגען יאַדאַכעס די מוסולמענער מיט די הינדוסן, האַגאַם ביכלאַל עקזיסטירן צווישן זיי שטענדיק רײַבונגען. די ענגלישע מאַכט האָט ניט געשוויגן, אַרעסטירט די אָנפֿירער פֿון די אינדישע געזעלשאַפֿטן אין דעלי און אויך אַלע מוסולמענער „כסידים" (אָנהענגער) פֿונעם כאַליפֿאַט. אין לאַגאָרא האָט מען געשאָסן אין אַ דעמאָנ־סטראַציִע פֿון די גאַנדיסטן. פֿיל אַרבעטער־שטרײַקן האָבן זיך אויך געענדיקט מיט צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי.

דער אַלאינדישער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך צו־נויפֿגעקליבן אין סאָף פֿון 1920 יאָר, האָט מיט נאָך מער אימפּעט אויפֿגערופֿן די באַפֿעלקערונג אײַנצושטעלן זיך פֿאַר דער אידייע פֿון „סוואַראַדזש", פֿאַרשטאַרקן דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד און אויפֿהערן צאָלן שטײַערן.

צום קאָנגרעס איז צוגעשטאַנען די אַלמוסולמאַנישע ליגע.

דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ נײַע כוואַליע שטרײַקן אין די אונ־טערנעמונגען און לערן־אַנשטאַלטן. צו דער סטודענטנשאַפֿט האָט אָנגעהויבן צושטיין צוביסלעכווײַז די פּראָפֿעסור און די דיפּלאָ־מירטע אינטעליגענץ. דערבײַ האָט זיך די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ווידעראַמאָל געשפּאָלטן: בעיס אַ גרויסער טייל איז נאָך גע־בליבן בא דער פֿאָדערונג פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און האָט זיך נאָר געוואָלט דערשלאָגן, אַז אינדיִע זאָל אַלקאָלפּאָנעם ווערן אַזאַ מין זעלבשטענדיקע קאָלאָניִע פֿון ענגלאַנד, ווי קאַנאַדע אָדער אויסטראַליִע, איז שוין אַ צווייטער טייל פֿיל ווײַטער גע־גאַנגען. זייער לאָזונג איז געווען —

## „סוואראדזש דורך סוואדעשי!“

ד. ה. זעלבסטפארוואלטונג דורך זעלבשטענדיקײַט. זיי האָבן געפאָדערט פאר אינדיִע פולקומע פאָליטישע און עקאָנאָמישע אומאָפהענגיקײַט פון גרויס־בריטאַניִע.

זיי זײַנען אויך גרייט געווען אָפצוזאָגן זיך פון די „כסידישע“ מעטאָדן פון פאסיוון ווידערשטאנד און אָנצווענדן אָט־אָ יענע, וואָס דער אימפעריאַליזם גופא ווענדט אָן, ד. ה. די מעטאָדן פון קראפט און אקטיוון, באוואָפנטן ווידערשטאנד.

עמעס, אין זייער לאגער זײַנען נאָך כילוקע־דייעס געווען מעקויעך דעם, וואָס פאר א מעלוכע־אָרדענונג אויסצוקלײַבן פאר אינדיִע: א מאָנארכיסטישע צי א רעפובליקאנישע. ס׳זײַנען אויך רײַבונגען געווען צווישן די אינדוסן און מוסולמענער. איטלעכער פון זיי האָט געוואָלט, אז די קומענדיקע קייסרישע קרוין אָדער דער פרעזידענט־שטול זאָל דאפקע זיי געהערן.

זיי האָבן זיך אָבער צו פרי אָנגעהויבן שפארן איבער דער פעל פונעם לעבעדיקן אימפעריאַליסטישן בער, וואָס האָט נאָך לעסאַטע שטײַף געהאלטן זײַן לאפע איבער אלע „שטרעמונגען“ און „ריכטונגען“ פון דער אינדישער באוועגונג. האָבן זיך די נאַציאָנאליסטן און דעריקערשט גאנדי א וואָרף געטון איבער די אינדישע שטעט און דערפער מיט די לאָזונגען פון באָיקאָטירן די ענגלישע רעגירונג.

## 49. ווען דאָס פויערטום קומט צום וואָרט.

אין יאנוואר 1921 י. האָט זיך די באוועגונג אריבערגעוואָרפן אפן פויערטום. נאָר דאָ האָט זי שוין אָנגעווירן איר נאציאָנאל־אינטעליגענטישן כאראקטער. די פויערשע באוועגונג איז מיט בײדע פיס אף דער ערד געשטאנען, אף דער פעסטער ערד פון פארשארפטן עקאָנאָמישן קאמף. די פויערים האָבן געצונדן די פריצישע מאיאָנטקעס, — ניט די ענגלישע, נאָר דאפקע פון די אייגענע

אינדישע פריצים, — צוליב די הויכע ארענדע־פרײַזן, וואָס זיי פלעגן שינדן פונעם פויער.

די ערד אין אינדיִע געהער קימאט אינגאנצן דער מעלוכע, וואָס באקומט דערפאר פון די גרויסע ארענדאטאָרס א געוויסע ארענדע־פרײַז. אין דאָרעם־אינדיע זײַנען אזעלכע ארענדאטאָרס די ערדארבעטער גופע, וואָס ארענדירן בא דער מעלוכע קליינע ערד־כאלאָקים. אָט־אָ די סיסטעם הייסט בא זיי „ראיאָטווארי“. אין צאָפן־אינדיִע אָבער שטייט צווישן דער מעלוכע און די קליינע אדענדאטאָרס א גרופּע גרויס־ארענדאטאָרס, וואָס פאראַרענדירן דערנאָך איבער די ערד צו די ערדארבעטער. זיי אליין אָבער באארבעטן זי ניט, זיי זײַנען נאָר פאראנטוואָרטלעך פאר דער מעלוכע, אז דאָס ארענדע־געלט וועט זײַן אויסגעצאָלט פּינקטלעך און צו דער צײַט. אָט־אָ די פריצים, אָדער ווי זיי הייסן דאָ „זעמינדארן“, וועלנדיק ארײַנכאפּן צו היפּשע פארדינסטלעך באם איבערארענדירן די ערד, רופן אָפּט ארויס דעם גרימצאָרן פונעם פויערטום. אף אָט דעם באָדן האָט זיך עס צעשפּילט די אגרארע באוועגונג אין 1921 יאָר.

צוגעשפּילט האָט נאָך דער הונגער פון אָט דעם יאָר, וואָס האָט פיל מער אופגעטון איידער די אגיטאציע פון די באָיקאָטיסטן. דער הונגער האָט געפּלאָגט דאָס יאָר סײַ די צענטראלע סײַ די גרעק־פּראָווינצן. דער פּארזיי־שעטעך איז פארקלענערט געוואָרן אף א דריטל און געדראָט, אז די באפּעלקערונג זאָל אויך אף אזויפיל שיר ניט פארקלענערט ווערן. מיליאָנען האָבן געהונגערט. אן אוראגאן פון אופשטאנדן האָט זיך דורכגעקײַקלט איבערן לאנד פון דאָרף צו דאָרף און שטאָט צו שטאָט. און דער וויכער פון אָט דעם אוראגאן האָט אינגאנצן פארטויבט גאנדיס רוף: „קעמפט קעגן אלץ, וואָס שמעקט מיט ענגלאנד, קעדיי צו ווערן באלעבאטים בא זיך אין לאנד“. אן אנדער מעכטיקער רוף האָט געשאלט אין די אויערן: „קעמפט קעגן אלע רײַכע און פארמעגלעכע, קעדיי איר זאָלט זיך פרײַהײַט דערשלאָגן פון אײַערע עקספּלואטאטאָרס און קאָנען אליין אײַנאָרדענען פאר זיך א בעסער

לעבן". אין גאנדיס פאסיוון ווידערשטאנד האָט מען פארגעסן. דער הונגער־מאלכאמאָוועס איז געשטאַנען פאר די אויגן.

דעמאָלט האָבן די אינדישע ערדפארמאָגערס גלייַך פארשטאַנען, אז בעסער איז די ענגלישע בייַטש איידער דאָס פייַער פון פויערשן אופשטאנד, און זיי האָבן אליין געשיקט רופן ענגלישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן זיך נויקעם געוועזן אין דער באפעלקערונג מיט דער גרעסטער אכזאָריעס. מיליטער־געריכטן און טויט־שטראָף האָבן געהוליעט א טאָג און געווילדעוועט איבערן אינדישן פויער און ארבעטער.

## 50. אין שרעק פאר דער מאסע.

נאָך מער אגמאס־נעפעש האָבן די ענגלענדער געהאט פון די ארבעטער.

אין אינדיע זייַנען די ארבעטער־אָרגאניזאציעס פון טכילעס אָן אופגעקומען צוליב פּאָליטישן קאמף, ניט ווי אין אייראָפּע, ווו זיי זייַנען דעריקער פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס. דעריבער האָבן די שטרייַקן אין אינדיע קיינמאָל קימאט ניט געטראָגן קייַן אויסגעשפראָכענעם עקאָנאָמישן כאראקטער, נאָר קעסיידער געווען פארבונדן מיט געוויסע פּאָליטישע פאָדערונגען.

פּראָלעטאריער איז אין אינדיע בא א 20 מיליאָן. דאָס איז א גאנץ היפשע מאכט, אפילע ווען זי איז שוואך אָרגאניזירט. דעריבער האָט די שטרייַק־באוועגונג זיך שטארק אָפּגערופן אף דער אינדוסטריע, וועלכע איז אין פיל ערטער אָפּגעשטעלט געוואָרן.

נאָך אין דער באוועגונג פון 1921 יאָר האָבן זיך באטייליקט ניט בלויז די ארבעטער. אין די דעמאָנסטראציעס האָבן זיך אָפּט גאנצע שטעט אופגעהויבן. די ענגלישע אכזאָריעסדיקע רעפּרעסיעס האָבן נאָך מער אונטערגעצונדן די באפעלקערונג. אפילע די נאציאָנאליסטן האָבן זיך אָנגעהויבן אראָפּגליטשן אפן וועג פון רעוואָליוציאָנערן קאמף. דערוף האָט זיך גאנדי ניט גערעכט, ער

האָט זיך פארלוירן אינעם טאָג, ווען ס'האָט אופגעריסן דער פּאָלקס־צאָרן און די מאסן האָבן זיך א וואָרף געטון צו דער ביקס, צום געווער, ער האָט זיך נאָך מער פארלוירן, ווען די ענגלענדער האָבן געפּראווועט א בלוט־סודע איבער די פעלדער פון אינדיע.

וואָס טוט מען? ווער איז שולדיק דערינען?—האָט גאנדי בּא זיך געפרעגט און געמאָנט ענטפער. שולדיק זײַנען, פארשטייט זיך, די מאסן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אפן „געפערלעכן" וועג פון אקטיוון קאמף, פון באוואָפנטן שלאכט; שולדיק זײַנען די אָנפירער אף די ערטער, וואָס האָבן ניט מעקאיעם געווען די „פּארעווע" דירעקטיוון פון צענטער און נאָכגעגעבן דעם געדראנג פון די מאסן, שולדיק איז עפּשער אפילע ער אליין, גאנדי, וואָס ער איז צו ווײַט פארגאנגען מיט זײַנע פאָדערונגען, — אזוי האָט בּא זיך גאנדי געפּאסקנט, אזוי איז אויך געבליבן בּא א גרויסן טייל פון דער נאציאָנאליסטישער באוועגונג.

די ענגלישע רעגירונג, וואָס נוצט קונציק אויס דאָס מיטל פון „צעטייל און געוועלטיק", האָט מער ניט באדארפט האָבן, זי האָט גלײַך אויסגענוצט די כאראָטע־שטימונגען פון די פרומע אינדישע נאציאָנאליסטן. צווישן אינדישן וויצע־קעניג און גאנדין זײַנען פאָרגעקומען א ריי באראטונגען. ס'ווערן געגרינדעט „ליגעס פון שאָלעם־און אָרדענונג". גאנדי פאָרט אראָפּ אף דער מאדרייגע פון אן אלאינדישן „גוטן־יידן", וואָס האלט דראָשעס קעגן שיקרעס, רופט אויף, אז איטלעכער זאָל בא זיך האָבן א שפּינדריידל און א היימישן וועבשטול, קעדיי ער זאָל זיך קאָנען אָנקליידן פון זײַן אייגענעם שטאָף „קאדאָר" און ניט דארפן אָנקומען צו די ענגלישע טעקסטיל־סכוירעס, ער דערמאָנט אויך ניט פארגעסן דערינען, אז איטלעכער אינדישער פּאטריאָט דארף אָפּגעבן קאָוועד דער קו, צו וועלכער ס'קניִען און ס'בוקן זיך די אינדישע פרומע לײַט.

פּאראלעל אָבער מיט אָ די מידעס־טויוועס, צו וועלכע גאנדי רופט אוף די באפעלקערונג, פירט ער אן ענערגישן קאמף קעגן די קאסטן־גרופּירונגען און אנטוויקלט אין די מאסן דעם באוווסטזײַן, אז אלע מענטשן זײַנען גלײַך. ער שטעלט זיך אויך ניט אָפּ קעגן

וואָרענען די אינדישע סאָלדאטן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן גיין אף א מילכאָמע קעגן טערקיי, אויב די ענגלישע רעגירונג וועט עס פאָדערן.

אזוי האָט זיך גאנדי, וואָס האָט געוויזלט אויסשפּילן דעם „סוואראדזש" פאר אינדיע מיט קאָשערע וועגן, זיך געוואָרפן פון רעכטס אף לינקס און צוריק. זיין רעליגיעז־מאָראלישע נאטור האָט אָפטמאָל א גרויסע ראָליע געשפּילט אין דער באוועגונג



מאכאטמא גאנדי אין ארעסטאנטן-מאלבעש.

בעיס מע האָט געדארפט ריידן צום פאָלק. גאנדי איז א זעל־טענער רעדנער און זיין איינפלוס אף דער אינדישער מאסע איז ניט אָפּצושאצן. אלס פּאָליטיקער אָבער האָט ער קיין גראָדע לי־ניע קיינמאָל ניט געהאט. און אויב זיין וועג האָט זיך אויסגעלאָזט פאר פאלש, פלעג ער דערפאר ניט זעלטן אָפּפאסטן. דאָס איז

ניט קיין שפּאס. ניט איינמאָל האָט גאַנדי אַף זיך אַ טאָנעס אַרופגעלייגט, ווען ער האָט געדעכנט, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט און פאַרפירט די מאַסן. היינט האָט ער געמאָלדן, אַז אויב אינדיע וועט ניט אויספירן דעם „סוואַראַדזש", וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד.

פאַרשטייט זיך, אַז אָנשרעקן מיט אַזוינע מיטלען די ענגלישע רעגירונג, הייסט אַרויסשטעלן אַקעגן די איצטיקע טאַנקעס אַ „שעם האַמפּוירעש".

אין דעם איז די ווידערשפּרעכלעכקייט און גלייכצייטיק אומבאַהאָלפנקייט פון גאַנדיס בעליסאָפעק מאָראַלישער פּערזענלעכקייט. „אין דער צייט פון מילכאָמע — זאָגט אַן אַלט ווערטל — שווייגן די מוזעס (די געטנס פון קונסט און רועך־האַקוידעש)" אין דער צייט פון רעוואָליוציע דאַסגלייכן ווערן אויך אַנטשוויגן, דאַרפן אַנטשוויגן ווערן, די געטער פון אַלטן קלאַסן־יוישער. „ניט איז די רעוואָלוציע אין געפאַר, יויצע זיין פאַר ביידע צדאָדים—איז אַ גאַנץ קאָשערע—אָבער פאַנטאַסטישע אופגאַבע.

דעריבער איז געווען אַ צייט, ווען די ברידער אַלי, די לידערס פון דער מוסולמאַנישער באַוועגונג, וואָס זיינען אַנטשלאָסענער געווען פון גאַנדין, האָבן געוווּנען מער סימפּאַטיעס בא דער אופגערייצטער באַפעלקערונג.

## 51. מאַלייבאַרער אופשטאַנד.

טכילעס אַווגוסט איז אין מאַלייבאַרער געגנט (אַרום קאַלקוטע), וואָס איז באַזעסן פונעם מוסולמאַנישן שייוועט „מופּלאַס", פאָרגעקומען אַ שטורמישער אופשטאַנד. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַן ערד־מאַכלויקעס צווישן אַ פּאָרעץ און אַן אַרענדאַטאָר, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס מיט אַן אופשטאַנד אַקעגן די ענגלענדער. גלייך זיינען צו די אופשטענדלער צוגעשטאַנען אַ ריי שטעט: ערנאַד, טאַנור, פּאַראַפּאַנאַנגאַדי, פּיראָען און טירורען. די רעגירונג־באַאַמטע האָט מען אָדער געהאַרגעט אָדער

ארויסגעטריבן. די אײַזנבאַן־און טעלעגראַף־ליניעס פארניכטעט, קעדייִ איבערצוריַיסן דעם פארקער. די פריצישע מאיאָנטקעס כאָ־רעוו געמאכט. אינעם אופשטאנד האָבן זיך באטייליקט דרײַ טויזנט קולי, וואָס האָבן געארבעט אף דער נאָענטסטער פּלאַנטאַציע. די אופשטענדלער זײַנען געווען גוט באוואָפנט, די ענגלענדער האָבן זיך ניט געקאָנט צערעכענען מיט די בונטארעס מיט דער הילף פון די אָרטיקע גארניזאָנען. זיי זײַנען געווען געצוווּנגען צו שיקן קיין אינדיע א ספּעציעלע שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס האָט ארעס־טירט, געשמיסן און צעשאָסן טויזנטער מענטשן. ארעסטירט האָט מען אויך די אָנפירער פון דער מוסולמאנישער באוועגונג, די ברידער אלי און פיל אנדערע אָנגעזעענע טוער פון דער אינדי־שער באָיקאָט־באוועגונג. סאָף 1922 נעמען זיך ווידער צונויף די שיראים פון קאָנגרעס. זיי רופן אוף די באפעלקערונג מע זאָל „ניט פּאָלגן די ענגלענדער" און לאָזן ארויס א לאָזונג: „אלע אין טפיסע ארײַן", ד.ה. איטלעכער אינדוס דארף מוירעד זײַן (פּאסיוו, ניט פאָלגנדיק) אין די ענגלענדער און זיך לאָזן ארעס־טירן.

גאנדי מעלדעט וועגן דערפון העפלעך דעם וויצע־קעניג, און, לויַ יעראכעס, עפּשער וועט דער שייני־לעמעלעך זיך דערשרעקן פאר דערפאר און שענקען דעם לאנד די געוווּנשענע „סוואראדזש".

דער וויצע-קעניג אָבער אײַלט זיך, ווײַזט אויס, ניט. דעמאָלט דערקלערט גאנדי די געגנט באַרדאָלי פון באָמבייער פּראָווינץ פארן צענטער פונעם אופשטאנד קעגן דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט דערשטיקט די פרײַהײַט פון מינדלעכן און געדרוקטן וואָרט, די פרײַהײַט פון פארזאמלונגען. נאָר דאָ כאַזערט זיך ווי־דעראמאָל איבער די אלטע געשיכטע. די באוועגונג וואקסט נאָכ־אמאָל אריבער גאנדיס מאסשטאב. דער שוונק פון דער רעוואָ־לוציאָנערער כוואליע שווענקט גלייַך אראָפּ די צו־פּאַרזיכטיקע פירער און טרעט ארוף אפן וועג פון הארטע מעַסים און אנט־שלאָסענע טאטן. דער צאָרן פון די געדריקטע מאסן וויל ניט וויסן קייַן אָפּהאלט, אין טשורי־טשורא האָט דער צעוויל־

דעוועטער האמוין פארברענט און לעבעדיק צעריסן עטלעכע פּאָליציי־לײַט.

גאנדי דערשרעקט זיך ווידער פאר די מאסן, רופט צונויף דעם אויספירקאָם פונעם קאָנגרעס און לייגט פאָר אָפּצושאפן דעם אופרוף „ניט פאָלגן", מאכמעס דאָס קאָן ווײַט פארפירן.

פיל אײַנוווינער פון טשורי־טשורא זײַנען געקעפּט און פאר־שיקט געוואָרן נאָך יענער מײַסע, און גאנדי אליין האָט געפאסט פינף טעג קעדיי אויסצוקויפן זײַן שולד פאר די קאָרבאָנעס, וואָס דאָס „ניט פאָלגן" האָט מיטגעבראַכט.

גאנדיס טאנייסים אָבער—האָט די ענגלישע רעגירונג, ווײַזט אויס, געהאלטן — זײַנען צו א קליינע שטראָף פאר אים און זי האָט אים פארמישפּעט צו זעקס יאָר טפיסע פאר „ארויסרופן סינע אין פאָלק און פאראכטונג צו זײַן מאַיעסטעט, דעם קעניג פון ענגלאנד".

## 52. אין אינדישן פארלאמענט.

די באָיקאָט־באוועגונג לעבט איבער א קריזיס. לאנג באָיקאָ־טירן א מעלוכע־אפּאראט, וואָס געפינט זיך אינעם קעגנערס הענט, קאָן מען ניט. די סטודענטן האָבן ניט געקענט יאָרנלאנג פארבלײַבן אויסער די ווענט פון די לערן־אנשטאלטן. די אינדישע יוריסטן און אדמיניסטראטאָרס האָבן ניט געקענט זיך לאנג האלטן אָן זייער ארבעט און זיך געמוזט אומקערן, א טייל פונעם קאָנגרעס מיטן נאציאָנאליסטישן לידער דאס קומט צום סייכל, אז איזאָלירן זיך פונעם מעלוכע־אפּאראט, קעדיי אָנצושרעקן די ענגלענדער האָט קיין שום זינען ניט. די ענגלענדער שרעקן זיך גאָרניט אזוי גרינג. פארקערט, מע דארף ארײַנגיין אין די רע־גירונג־אנשטאלטן, מע דארף זיך באטייליקן אין די וואלן צו די רעפאָרמירטע ראטן און אומעטום בילדן אן אקטיווע אָפּאָ־זיציע, אומעטום ארויסשטעלן די פאָדערונג פון זעלבסטפאר־ווטלונג. דער אקטיווסטער טייל פון קאָנגרעס מיט דאסן בעראָש גרינדעט צוליב דערצו די „פארטיי פון סווארידזש".

אַט די פּארטיי צוזאמען מיט אַנדערע אינדישע פּארטייען געמט א אינטערנאציאָן אנטייל אין די ראטן־וואלן פון 1923 יאָר. סע צעבּרעכט זיך א לעבּהאפטע וואל־קאמפּאניע, פון וועלכער די ענגלישע רעגירונג לאָזט, פארשטייט זיך, דאָס אויג ניט אראָפּ. ענדלעך, קריגן די סוואראדזשיסטן אין דער אלאינדישער געזעצגעבּערישער פארזאמלונג 45 ערטער פון 144.

דעם 1־טן פעבּרואר פון 1924 יאָר עפנט דער אינדישער וויצע־קעניג רעדינג די ניי־אויסגעקליבּענע געזעצגעבּערישע פאר־זאמלונג און איז אגעוו מודיע אין דער עפענונגס־רעדע, אז

„קיין שום ענגלישע רעגירונג וועט ניט איינגיין דערויף, אז אינדיע זאָל גלייך קריגן פולע זעלבּסטפּארוואלטונג, ווי די ענגלישע דאָמיניאָנען (קאנאדע, אוסטראליע א.א.וו.). קיין שום ענדערונגען אין דער ענגלישער קאָנסטיטוציע קאָנען ניט געמאכט ווערן אָנעם העסקעם פונעם (באלעבּאָס!) ענגלישן פּארלאמענט. אויבּ עמעצער מיינט עס דערשלאָגן זיך מיט גוואלד, וועט ער קריגן אָנגעלערנט דערפאר".

און קעדיי די אינדישע נאציאָנאליסטן זאָלן כאסוועשאָלעם ניט מיינען, אז דאָס איז די ליניע פון די ענגלישע קאָנסערוואַ־טאָרן און אז די ענגלישע אַרבּעטער־פּארטיי האָט אן אנדער מיינונג, האָט זיך מאקדאָנאלד אליין, דער דעמאָלטיקער מיניסטער, מאטריעך געווען און צוגעשיקט א טעלעגראמע בּעזע האַ־לאָשן:

„קיין איין פּארטיי פון ענגלאנד וועט זיך ניט דער־שרעקן פאר קיין דראָונגען פון אופשטאנד און פאר קיין קעגן־רעגירונג־פּאָליטיק, און אויבּ אייניקע קרייזן אין אינדיע צווייפלען נאָך דערינען, וועלן זיי אינגיכן האָבּן דאָס געלעגנ־הייט זיך דערינען איבּערצייגן. זאָלן אלע פריינט פון אינדיע זיך מער פארלאָזן אף אונדזער סייכל און גוטן ווילן."

די טייטש דערפון איז דאָך זייער פּאָשעט: איר וועט קיינעם ניט דערשרעקן. פאַר קיין אופשטאנד האָבּן מיר קיין מוירע ניט, מיר האָבּן גענוג בּיקסן. און מיר, מאקדאָנאלד מיט דער כעווראיע,

וועלן בענטשן די קוילן, מיט וועלכע מע וועט אײַך צווינגען איר זאָלט זיך פאַרלאָזן אױף אונדזער יױשער און סײכל.

נאָר קעדײַ צו פאַרשמירן עטוואָס דעם אײַנדרוק פון אָט־אָ די „קלאָרע דיבורים", פאַרענדיקט מאַקדאָנאַלד מיט אײדלקײַט פון א דזשענטלמען:

„איך ווייס גאַנץ גוט, אז גוטע באַציִונגען דאַרפן זײַן פון „ביידע צדדים, דעריבער ווענד איך מיך ניט בלויז צו די „אינדוסן, נאָר אויך צו דער בריטאַנישער רעגירונג".

דערפאַר האָט דער לאָרד אָ ל י ו ו י ע, דער נײַער שטאַט־סעקרעטאַר איבער די איניאָנים פון אינדיִע אין דער לאָרדן־פּאַלאַטע, געגעבן צו פאַרשטיין עפנטלעך דעם סײכל, פאַרוואָס ענגלאַנד האָט ניט קיין ביישעק און האָט דאָס רעכט ניט אָפּ־צוטראָגן זיך פון אינדיִע, פּאָשעט און פּראָסט:

„מאַכמעס מיר, ענגלענדער, האָבן באַשאַפן די איצטיקע „אינדיִע, און ווען ניט מיר, וואָלט דאָרט אפילע קיין נאַציִאָ־„נאַליסטישע באַוועגונג ניט געקאָנט אױפקומען".

אָט־אָ די אַלע האַסראָעס, וואָס די סוואַראַדזש־פּאַרטײַ האָט באַקומען סײַ פונעם אינדישן־ וויצע־קעניג, סײַ פונעם ענגלישן „פּראָלעטאַרישן" מיניסטער, האָבן איר, פאַרשטייט זיך, קיין מוט ניט צוגעגעבן. פונדעסטוועגן האָבן זיי דרייסט געשטימט קעגן ביודזשעט, ווי אַלע אָפּאָזיציִעס פון דער גאָרער וועלט טוען עס. און דער וויצע־קעניג פון אינדיִע האָט זיי געהערט ווי דעם קאָטער — ווידעראַמאָל ווי אַלע וויצע־קעניגן און קעניגן פון דער וועלט טוען עס, ווען אין זייער רעשוס איז די מאַכט, דאָס כאַיִל און דער גאַנצער מעלוכע־אַפּאַראַט. און האַקאָל—אין אינדיִע איז שאָלעם ווע־שאַלווע, מיט א פאַרלאַמענט און אן אָפּאָזיציִע, אַלץ ווי בא לײַטן...

מער ניט אײַן קלײניקײַט, — די דייַע איבער די הונדערטער מיליאָנען מענטשן פון אינדיִע האָט א פאַרלאַמענט, וואָס זיצט מיט א צען טויזנט וויאָרסט ווײַטער, אין אן אנדער לאַנד: באַם ברעג פון דער טעמזע.

## 53. גאנדי.

ניט געקוקט אױף דעם דורכפאַל פון זײַן פּאָליטיק, האָט גאַנדי געשפּילט א גרױסע ראָליע אין דער אופװאַכונג פון די מאַסן אין אינדיִע. אָפּטמאָל האָט ער גאָר אַזױ װײַט ניט געמײנט װי ער האָט פּועל געװען און געװירקט. דאָס האָט ער דער ערשטער גערופן אין האַנאָעדיקן אינדישן דאָרף דעם לאָזונג: ניט פאָלגן. דאָס האָט אױף זײַן רוף צום ערשטן מאָל אופגעבױגן זײַן אײַנגעבױגענע פּלײצע דער פאַרשטױסענער און צוגעדריקטער אינדישער פּױער. און ענדלעך—דאָס האָט ער, גאַנדי, צום ערשטן מאָל דרײסט אַטאַקירט פאַר די אױגן פון גאַנצן פאָלק די קאַסטן-פעסטונג. די קאַסטן-סיסטעם איז אײנע פון די גרעסטע מעניעס אױפן װעג פון דער באַפרײַונג פון אינדיִע, מאַכמעס צום ניצאָכן קאָן מען קומען, װען מע מאַרשירט אין געשלאָסענע רײען און ניט װען מע איז צעבראָקלט אין צענדליקער קאַסטעס און מע מיִעסט זיך אײנער פונעם אַנדערן. גאַנדי האָט עס פאַרשטאַנען און דעריבער דרײסט אופגעהױבן די פאָן פון קאַמף קעגן אָט דער שעדלעכער טראַדיציִע. קײן שום סװאַראַדזש — האָט ער געװאָרנט — װעט קײנמאָל ניט מעקױעם װערן, קאָלזמאַן אינדיִע װעט האָבן שלאָל מיט קאַסטעס, העכערע און נידעריקערע, פײַנע און ניװזעדיקע. אױב אינדיִע האָט בא זיך אירע פּאַריִער (לעצטע שעבעלעצטע), איז פאַרװאָס זאָל ענגלאַנד ניט פאַררעכענען גאַנץ אינדיִע, אַלע אינדוסן, פאַר פּאַריִער? און ער האָט דערקלערט, אַז איטלעכער קאָן װערן א בראַמינער, װײַבאַלד ער איז א רעװאָליוציאָנער, קעמפט פאַר פרײַהײַט. ניט דער איז א בראַמינער, װאָס האָט דעם טיטל פון זײַנע עלטערן געיאַרשנט. די װאָס האָבן פון זיך ניט אָפּגעװאַשן די זינד פון קאַסטעס-סינע, די זײַנען בעהײמעס.

אין 1921 יאָר האָט גאַנדי געפּרוּװט אָרגאַניזירן א קאָנפערענץ פון יענע אינדישע שװאָטים, װאָס געפינען זיך אױסער קאַסטעס. ער האָט געװעקט זײער באַװוסטזײַן און זעלבסטװערדע.

און די לעצטע צײַט פֿאָדערן שוין די געוועזענע פּאַריזער מע זאָל זיי צולאָזן צו די קאָהאָלשע ברונימער, זיי אַרײַנלאָזן אין די באָטיי־מיקדאָשים און אָנעמען אין די שולן, נאָר זיי באַגעגענען נאָך א שטאַרקן ווידערשטאַנד.

אין 1924 נאָך האָבן די עלטערן פֿון די קינדער פֿון איין נאַציאָנאַליסטישער שול ניט געוואָלט דערלאָזן מע זאָל צונעמען אין דער שול קינדער פֿון פּאַריִער.

גאַנדי האָט זיך געווענדעט צו זיי: סטײַטש, ווי קאָנט איר זײַן נאַציאָנאַליסטן, פֿאָדערן גלײַכהײַט באַ די ענגלענדער בעשאַס איר אַליין שטויסט אָפּ אײַערע אייגענע ברידער?

נאָר ס'האָט אים גאָרניט געהאָלפֿן, האַגאַם ער האָט ציטירט פּסוקים פֿון די הייליקע שריפֿטן. די עלטערן זײַנען דערויף ניט אײַנגעגאַן, און גאַנדי האָט געמוזט אָפּטרעטן און מאַסקים זײַן, מע זאָל גרינדן א באַזונדערע שול פֿאַר אָפּגעשטויסענע.

## 54. אכימזא.

אין אָט דעם וואָרט איז באַהאַלטן די גאַנצע טוירע גאַנדיס. די טײַטש דערפֿון איז: ניט ענטפֿערן מיט קיין גוואַלדטאַט אף גוואַלדטאַט, ניט ווידערשטעלן זיך מיט קיין קויעך קעגן קעגנער, נאָר ווירקן מיט מאָראַלישע מיטלען, ווירקן מיט די אייגענע שטילע ליידן, עפּשער וועט זיך יענער פֿאַרכלינען פֿון דײַן צאַאַר, עפּשער וועט אין אים צעגיין דאָס האַרץ. אין טאָך פֿון זײַן טעאָריִע ליגט דער גלויבן אינעם מענטשן, דער גלויבן דערינען, אז דער יוישער און דער עמעס מוזן סאָפּקאָלסאָף זיגן און אײַנברעכן דעם ערגסטן סוינע, און אײַנברעכן אים ניט מיט קיין גוואַלדקראַפֿט, נאָר מיט דערמיט אַליין שוין, וואָס עמעס איז עמעס און יוישער איז יוישער.

אין גאַנדיס „אכימזא" שטעקט אַסאַך פֿונעם אינדישן אַסקעטיזם פֿון די יאָגן און סאַמיאַסי. זיי לייגן זיך אף בעטלעך מיט צוויעקעס, קעדיי צו דערוועקן דאָס ראַכמאָנעס פֿונעם ריבוינע־

שעל אוילעם, פונעם האר פון דער וועלט, און גאנדי הייסט אויך די מאסן זיך מאטערן און לײַדן ביכדיי פויעל צו זײַן אפן האר פון אינדיִע, זײַן מאיעסטעט דעם וויצע־קעניג.

און זײַגען דען זײַנע טאנייסים ניט קיין קאָפּיִע פון דעם טשוועע־טון און די אינוים־קאָשים, וואָס די אינדישע באלע־טשוועע טוען זיך אָן?

דער כילעק איז נאָר, וואָס דאָ, בא גאנדין, האָבן מיר עס אין דער איידלסטער און ריינסטער פאָרם פון עמעסן אידעאליזם.

אָבער די מאסן איז דערפון ניט גרינגער.

דערפאר אָבער,— דאפקע דערפאר, וואָס דער גאנדיזם האָט אין זיך די נאציאָנאל־רעליגיִעזע שטריכן פון אלע אינדישע באלעטשוועס, דאפקע דערפאר, ווײַזט אויס, האָט זײַן טוירע אזא אײַנפלוס אף די אָפּגעשטאנענע רעליגיִעזע מאסן.

דער מאסן־מענטש געפינט בא גאנדין ניט קיין נײַס: די אייגענע הייליקע קי, דיזעלביקע טשוועע־שטימונגען,— נאָר אין א פיל מער איידעלער און אידעאליזרטער פאָרם.

אינטערעסאנט איז די אקאלי־באוועגונג, וואָס האָט זיך צע־שפּילט אין אינדיִע און וואָס גייט מיט גאנדיס דראָכים, מיטן וועג פון אכימזא.

אקאלי — דאָס איז א סעקטע' פונעם שייוועס סיקכען. זיי האָבן געוואָלט באפרײַען זייער א דאוונהויז לעם דער שטאָט אמריטסאר, דעם אזויגערופענעם גאָלדענעם טעמפל, וואָס אן אנדער גרופּע האָט פארנומען. יענע אָבער האָבן זיך גע־ווענדעט צו דער רעגירונג, וועלכע האָט זיי גענומען אונטער איר שוץ. איז אוועק א שטרײַט. די סיקכי האָבן געבילדעט א קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט אונטעהאנדלונגען מיט דער רעגי־רונג און אָנגעפירט מיט די אופשטאנדן פון די אקאלי קעגן דער רעגירונג. דערבײַ האָט זיך דער אופשטאנד אויסגעגאָסן אין זייער אן אָריגינעלער פאָרם, אין דער פאָרם פון אכימזא.

טויזנטער אקאלי האָבן ארומגערינגלט דעם גאָלדענעם טעמפּל און פיר טויזנט זײַנען ארײַן אין טעמפּל גופע, און אלע האָבן

זיי א נײדער געגעבן ביז לעצטן אָטעם מילכאָמע פירן דערפאַר, אז דער טעמפל זאָל זיי איבערגעגעבן ווערן, זיי און זייער סעקטע. אלע טאָג פלעגן אנדערע הונדערט מאן ׳ארויסגיין צום בריק, ווו ס׳איז געשטאנען אן אָפּ־טייל ענגלישע פּאָליציאַנטן, ארויסגיין אָנגעטאָן אין שווארצע ספּאָדיקעס מיט ווײַסע גירליאנדן בלומען און זיך שטעלן דאַווענען. פלעגן זיי די פּאָליציאַנטן באַגעגענען מיט לאַנגע שטעקנס; וואָס האָבן אײַזערנע שפּיצעקן געהאַט, און זיי נעמען שלאָגן, געשלאָגענע פלעגן די דאַווענער פאלן, זיך נאָכאַמאָל אופהייבן און ווידעראַמאָל פאלן צעהארגעטע, צעמאַזיקטע ביז זיי האָבן שוין קיין קויעך ניט געהאַט אופצוהייבן זיך פון עם אָרט. און די אלע קלעפּ און וווּנדן פלעגן זיי צונעמען אָן איין געשריי, אָן א זיפץ אפילע, אָן א געבעט אין די אויגן, און דער איבעריקער אוילעם ארום האָט איבערגעלעבט א גוואַלדיקע היספּײַלעס פון אָט דעם מין מעסירעס נעפעש. סאָפּקאָלסאָף האָבן זיך די אַקאַלי זייערס דערשלאָגן, די ענגלישע מאכט האָט זיי אָפּגע־געבן דעם גאָלדענעם טעמפּל. נאָר ס׳איז א גרויסער סאָפּעק, וואָס האָט דאָ מער פּויעל געווען: די אכימזא, דער שטומער ווי־דערשטאַנד פון די מיספּאלעלים, צי די מוירע פון דער רעגירונג, אז דאָס געדולד זאָל בא די אַקאלי ניט פּלאצן און זיי זאָלן איבערגיין פון אכימזא צו אנדערע קאַמף־מיטלען; צווייטנס, וואָס האָט דאָ ענגלאנד אָנגעווירן, צי איז דער גאָלדענער טעמפּל בא די אקאלי געווען, צי בא עמעצן אנדערש?

די אקאלי האָבן זיך זייערס דערשלאָגן. נאָר אצינד פירן זיי אף דעמזעלביקן אויפן א שטרײַט פאר א צווייטן ניצאָכן. די ענג־לענדער האָבן אראָפּגעזעצט פון עם שטעל איינעם א ראדזשא, א נאָסי פון א קליין סיקכיש מעלוכעלע „נאבבי״. די אקאלי אָבער זײַנען דערמיט ניט צופרידן. קעמפן זיי דערפאַר מע זאָל אומקערן די קרוין זייער באליידיקטן נאָסי. קעמפן אויך דורכדעם, וואָס זיי לאָזן זיך שלאָגן און הארגענען ביז דער לעצטער מאדרייגע.

און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אף דער פרומער פאָרם פון אָט דעם קאמף־מיטל, קאָן ער אויך דערפירן צו בלוטיקע צו־זאמענשטויסן, ווען ער נעמט אָן א מאסן־פאָרמע.

אין איין שטילשוויַיגנדיקער סיקכישער דעמאָנסטראציִע, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט צעגיין, האָבן די ענגלענדער אָנגעצילט זייערע קוילנוואַרפערס. א הונדערט זיַינען דערהארגעט געוואָרן אפן אָרט און פירהונדערט פארווּנדעט. האָבן די אקאלי א ניַיע מאכנע אף זייער אָרט געשיקט, א מאכנע צום דערשאָסן ווערן; נאָר די ענגלישע מערדער האָבן זיך עס שוין ניט דערוועגט צו טון. זיי האָבן דערפילט, אז זיי שטייען באם קראטער פון א ווולקאן, האָבן זיי שוין די צווייטע מאכנע ארעסטירט, איז נאָך איר ארויס א דריטע, א פערטע, א פינפטע, א זעקסטע און אַ זיבעטע, און אלע זיַינען זיי ארעסטירט געוואָרן. מיט וואָס סע וועט זיך ענדיקן, איז נאָך לעסאטע ניט באוווּסט. באוווּסט איז מער ביט איין זאך, אז גאנדיס לאָזונג „אלע אין טפיסע אריַין" ווערט ליַיכטער אויסגעפילט דורך די ענגלענדער איידער דער לאָזונג פון זעלבסטפארוואלטונג.

## 55. דאָס ניַיע וואָרט.

לופטיק־גרינג האָבן געשוועבט די גריפן איבער באָמביי, קריַיזלענדיק זיך אין דער לופטן. צוויי שלאפקיַיטן זיַינען אומגעגאן אין שטאָט: טשומא און שפאנקע, זיַינען טויזנטער מענטשן געפאלן אין די גאסן. און די גריפן זיַינען פון טאָג צו טאָג פעטער געוואָרן.

אין דעם אזיאַטישן טייל שטאָט, אין איינער פון די שמאָלע געסלעך, האָבן זיך מענטשן געקליבן. געקליבן און ניט געסטיַיעט עפעס אין א רויטן טויער אזא. און זיי האָבן געהאלטן אין איין גיין, און געגאנגען זיַינען אלע אין איין ריכטונג.

טכילעס מיט א שמאָלן דורכגאנג, דערנאָך מיט אן אָפענעם הויף ביז זיי האָבן געטראָפן אין א גאנץ היפשער דירע, פון יענער זיַיט הויף מיט פענצטער הויך איבער דער ערד.

געפּאַקט איז דאָרט געווען — אַ גוואַלד! מענטשן, וואָס ריידן אויף דער שפּראַך מאַראַטי, זײַנען געזעסן ענג אויסגעזעצט אויף די בענק. אַלע האָבן געטראָגן טורבאַנען אויף די קעפּ, קיין איין אייראָפּייער ניט, אַלע מיט טונקלברוינע פּנימער, פאַרטראַכטע אָקסענע אויגן, גראָבע ליפּן, אַ שטאַרק אַנטוויקלטן אונטערשטן מוילביין און מיט נאַקעטע פעסטע אַקסלען.

אַלע אין העלן געקליידעט, אין ווײַסן, ווײַס־ראָזיקע, ציטריןגעלע און שמאַראַגד־גרינע קליידער.

אין איין עק צימער איז געווען צונויפגעקלאַפּט עפּעס אַ מין טריבונע. און לעבן איר — טישן. און אַרום זיי — מענטשן, וואָס האָבן ערנסט עפּעס פאַרשריבן.

ווען אין זאַל האָט זיך אַזויפיל אוילעם אָנגעקליבן, אַז ס'איז שוין געוואָרן שווער אויסצודרייען זיך, איז אויף דער טריבונע אַרויף איינער אַ קליינער פּולבלעכער מענטש און אָנגעהויבן קלינגען מיט אַ גלעקעלע.

דאָס איז אַ געהיימע־פאַרזאַמלונג. איינע פון די אומצאָליקע געהיימע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע די אײַנוווינער פון אינדיע קלײַבן זיך באַ זיך אין לאַנד.

דאָ האָט מען געקאָנט פרײַ ריידן און אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס ס'האָט אָנגעזאָטן אויפן האַרצן.

ענגלאַנד וואַרגט מיט איר שווערן יאָך די העלדזער פון די אינדוסן. ווען וועט שוין ווערן לײַכטער, ליכטיקער? צי ווייסן די פאַרזאַמלטע וועגן פּאָליטישן מאָרד אין קאַלקוטע? וועגן גענעראַל, וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן מיט וויכטיקע פּאַפּירן? די פּאַפּירן האָט מען באַ אים אויפן גערעגער געפונען, אָן זײַנען זיי! און אָן איז דער טעלעגראַפישער קאָד, דער שיפער. איז די צײַט דען נאָך ניט געקומען?

— צווישן די דיקע שווייסיקע אינדוסן זיצט אַסאַך יונוואַרג, וואָס ס'ברענט אין זיי, ס'גליט דער גאַר צו אַרבעטן און קעמפן פאַר דער באַפרײַונג פון אינדיע:

— נידערן זאָל דער ענגלישער יאָך!

— נידערן זאָלן די רויטע פּענימער! — אַזוי רופן זיי די אייראָ־פּייער, וואָס ווערן רויט־אָפּגעבּרענט פון דער זון אין די טראָ־פּישע לענדער.

דער אוילעם האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, מע כאַפּט זשעדנע איטלעך וואָרט.

מערסטנטייל טרעט אַרויס יונגוואַרג, נאָר ניט זעלטן רעדן אויך באַיאָרנטע מענטשן.

נאָר אָט איז אַרויף אויף דער טריבונע אַ מענטש מיט פּעך־שוואַרצע האָר, מיט אַ ברענענדיקן קוק, מיט צעבּאָרשטענע האָר, וואָס האָבן ערטערווײַז אַרויסגעשטעקט פון אונטערן טורבּאַן. זייער דאַר איז ער געווען אָט דער מענטש, נאָר זײַן שטימע האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע ווינקעלעך פון זאַל: אַלע האָבן זי געהערט. און ער רעדט עפּעס נײַעס.

פונוואַנען האָט ער עס גענומען?

די באַיאָרנטע זײַנען געזעסן עפּעס ווי דערשראָקן, בּאַ דער יוגנט אָבער האָט דאָס בּלוט אָנגעהויבּן פריילעך שפּילן אין אַלע אָדערן. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז בּאַ זיי וואַקסן פליגל אויס.

פון שטענדיק זײַנען זיי געוווינט, אַז אויף אַלע פאַרזאַמלונגען רעדט מען פון איין זאַך:

— אינדיִע פאַר די אינדוסן!

רײַך און אָרעם, — פון אַלעמען רעדט מען אין איין נוסעך, גלײַך ווי סע קיין קאַסטעס ניטאָ אויף דער וועלט. גלײַך, וויווירקלעך אַלע אינדוסן זײַנען שוין גלײַך צווישן זיך און אַז מע זאָגט „אינדיִע פאַר די אינדוסן" — ווייסן שוין אַלע וועמען מע מיינט.

אָט־אָ דער מענטש אָבער איז עפּעס אַראָפּ פון דעם אויס־געדראָשענעם נוסעך. עפּעס שטעלט ער נײַע פראַגן — און פאָ־דערט אַ קלאָרן ענטפער.

— ווער איז ער אָט־אָ דער? ווער האָט אים געבּראַכט אַהער?

ער לאַכט נאָר אויס. ער שטעלט זיך אַנידער. איר זאָלט נאָר זען, מיט וואָס פאַר אַמין שטעל און פרעגט:

— פאַר וועלכע אינדוסן?

— עפשער פאר די פריצים, די זעמינדארן, די בלוט־צאפערס פונעם פאָלק, וואָס גייען אָפּט יאדאכעס מיט די ענגלענדער, צי פאר די מיליאָנען ארבעטער, וואָס שמאכטן אין די ענגע ווארשטאטן און גיסן זיך אָפּ מיטן בלוטיקן שוויים פאר׳ן פיסנעם שטיקל ברויט? — פאר וועמען?

עפּעס רעדט ער ניט צו דער זאך, דער רעדנער, אין זאל איז א באוועגונג. איינציקע שטימען פאָדערן מע זאָל בא אים צונעמען דאָס וואָרט. ער הייבט אָבער אוף שטאָלץ דעם קאָפּ אפן לאנגן דארן האלדז און פרעגט די פארזאמלונג:

— צווישן וועמען איז ער? עפשער ניט קיין פריינדענקערישע מענטשן? איז דאָ ניט קיין פרייהייט פון וואָרט — צי קאָן ער ניט זאָגן דאָס, וואָס ער וויל?

מע לאָזט אים ריידן. זיין שטימע האָט אין זיך עטוואָס, וואָס צווינגט צוהערן זיך צו אים, און זיינע ווערטער זיינען ניי. דאָס איז א קאָמוניסט.

דאָס ערשטע מאָל קלינגען דאָ אָט־אָ די נייע געדאנקען אָט־אָ דאָ אין אזיע, צווישן מענטשן, אף וועלכע סע הויערט נאָך די יערושע פון דוירעס, פון מיטאלטער, פון געצנדינערייַ. פארשטייט זיך. ער איז אויך קעגן די ענגלענדער, וואָס פארהאלטן די אנטוויקלונג פון לאנד און זויגן פון איר אויס די בעסטע זאפטן. נאָר צי זיינען נאָר זיי די סאָנים פון די 300 מיליאָן איינוווינער פון אינדיע? און ווו זיינען די זעמינדארן, וואָס נאָגן אויס דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון מיליאָנען פויערים? און ווו זיינען די טעקסטיל־פאבריקאנטן אונדזערע, די אינדוסן דאפקע, וואָס ווערן ניסאשער אפן כעשבן פון די ארבעטער, וואָס שטארבן פון הונגער?

— איז דען ניטאָ קיין אינדוסן, וואָס זיינען ערגער פון ענגלענדער? וואָלטן זיי אזוי ניט געווען, ווי זיי זיינען דאָ!

— נאקעט זיינען מיר אלע געבוירן געוואָרן און נאָכן טויט וועלן מיר זיך צוריק אומקערן צו דער ערד. קאָלזמאן מיר לעבן אָבער, ווילן מיר אלץ געניסן פונעם לעבן, און געניסן וואָס בעסער.

צוליב דערצו אָבער דאַרף מען אָפּווישן דעם כילעק צווישן קאַסטעס און קלאַסן און פאַרניכטן דעם יאָך פון רײַכע און פּריווילעגירטע, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַר א קאָליר פון פּאָנעם זיי זאָלן ניט האָבן!

נעמט אָבער אומיסטן טוט א קוק, ווי וווינען און לעבן אונדזערע אַרבעטער? כאַפּט זיך אַרײַן אין „טשוילי", די אַרבעטער־קאַזאַרמעס, ווו קיין וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע מעגט איר אַפילו ניט זוכן, — צי האָט איר דאָרט כאָטש געווען לופט צום אָטעמען? אין א קעמערל פון 3 קוו. מעטער וואַלגערט זיך א גאַנצע אַרבעטער־מישפּאָכע פון עטלעכע נפשות. אַמאָל וווינען אין אַזא צימערל, די גרייס ווי א גענעץ, עטלעכע מישפּאָכעס און מע שלאָפט לויט דער ריי. אָט דאָס איז א לעבן?

איז דען א כידעש דערבײַ, וואָס עפּידעמיעס רײַסן אַרויס טויזנטער און מיליאָנען אַרבעטער־לעבנס פּאַראַמאָל?

איז ווו זאָל דער אַרבעטער נעמען קויעך זיך ראַנגלען מיט שלאַפקײַטן, אויב ער אַרבעט 10—15 שאָ א טאָג, און עסן קען ער נאָר איינמאָל אין טאָג, — אַף מער קלעקט אים זײַן לוין ניט. א רובל א טאָג — אַן אַרבעטער, 50 קאָפּ. — אַן אַרבעטערן און 15־20 קאָפּ. פאַר קינדערשער האָרעוואַניע, — אָט דאָס זײַנען די רעוואָכים פון אונדזערע אַרבעטמאַסן, וואָס שאַפן ווילטאָג פאַר די אינדישע פאַבריקאַנטן און ענגלישע קאָלאָניזאַטערס. אַזוי לעבט די גרעסטע מערהײַט פון אונדזער 50־מיליאָניקן פּראָלעטאַריאַט אין שטאָט און אין דאָרף, אַף די טעקסטיל־פאַבריקן און טיי־פּלאַנטאַציעס; באַזונדערס שרעקלעך איז די לאַגע פון די לעצטע, פון די אַרבעטער אַף די פּלאַנטאַציעס. אייניקע אַרבעטן פאַר 10 קאָפּ. א טאָג. הײַנט ווי באַגייט מען זיך דאָרט מיט די אַרבעטער? וואָס פאַר א ווערט האָט פאַרן פּלאַנטאַטער דאָס לעבן און געזונט פון זײַן „קולי"? ווער וועט זיך אָננעמען זייער קריוודע? אונדזער אַרבעטער האָט זיך ערשט ניט־לאַנג אָנגעהויבן צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אַף דער וואַך פון זײַנע אינטערעסן שטייט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־פאַריין, — נאָר אויך דאָ דראָט אים שוין

א געפאר מיצאד די באלעבאטים, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָרגאניזירן בעק וון פארעטערישע ארבעטער־פארייגען, קעדיי אונטערצוריַיסן דעם ווידערשטאנד אקעגן דער מערדערישער עקספלואטאציע. זיי צוהילף קומט די ענגלישע אדמיניסטראציע, וואָס פארווערט די ווידקלעך־רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־אָרגאניזאציעס און רוידעפט זיי מיט אלע מיטלען. נאָר דאָס העלפט זיי ווייניק וואָס: אין 1922 י. איז בא אונדז געווען בא 30 פאריינען מיט 50.000 מיטגלידער. אין 1928 י. איז שוין געווען בא 100 פאריינען מיט 200.000 מיטגלידער.

אָט ווו סע ליגט דער וועג פון באפריַיונג! אָרגאניזירן די עקספלואטירטע מאסן אין קאמף פאר א בעסער לעבן, פארייניקן אונדזערע קויכעס מיט די אָנשטרענגונגען פון דער רעוואָליוציע אין אנדערע לענדער,— דאָס און נאָר דאָס וועט אויסלייזן אינדיע פון אונטער דער מאכט פונעם ענגלישן פויסט. גאנדים טאנייסים און פשאָרעסדיקע פאָליטיק־טריַיבעריַי בענעגייע צו די ענגלישע בלוט־זויגערס וועט אונדז אף קיין רעכטן וועג ניט ארופירן. פארקערט, דידאָזיקע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע האנדלונג פון אונדזערע נאצי־אָנאליסטן ברענגט מיט זיך די וויַיטערדיקע פארשקלאפונג פון אינ־דיע אונטערן יאָך פון ענגלישן אימפעריאליזם. נאָר וואָס ארט דאָס די סווואראדזשיסטן? זייער גאנצער נאציאָנאלער קאמף איז דאָך אין טאָך אריַין מער ניט ווי א קאמף דערפאר, ווער סע זאָל עקספלואטירן דעם אָרעמען אינדוס. דאָס דארפן באנעמען אונדזערע ארבעטער־מאסן, און דאן וועלן זיי געפינען זייער ריכטיקן וועג, דעם וועג פון קאמף פאר דער מאכט פון ארבעטער און פויערים!

## 56. דער אופריַיס.

עטלעכע מיַיל וויַיט פון דער שטאָט דעלי, די ווינטעריקע רעזידענץ פון ענגלישן וויצעקעניג, געפינט זיך א טויטע שטאָט: נ יַ י ־ ד ע ל י. דאָס איז א שטאָט אָן דירעס, קלייטן און מארקן, א שטאָט פון קאנצעליאריעס, ארכיוון און קלערקן („טשינאָווני־קעס"). די שטאָט, ווו סע געפינט זיך דער צונויפגעדריקטער ענג־לישער פויסט, וואָס דראָט הונדערטער מיליאָנען אינדוסן.

טבילעס אפרעל 1929 איז אין נײַ־דעלי פֿאָרגעקומען א געשעעניש, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער גאנץ אינדיִע און אויך אויסער די גרענעצן אירע.

אין דעם פּרעכטיקן זאל פון דער ענגליש־אינדישער געזעצ־געבערישער פארזאמלונג האָט מען בעיס א זיצונג, בעשאסן ,באַ־האנדלען א געזעצפּראָעקט וועגן „געזעלשאפטלעכער באוואָרנט־קײַט", ארײַנגעוואָרפן צוויי באָמבעס. די באָמבעס האָבן צעבראָכן עטלעכע בענק, אף וועלכע סע זיצן די אָנהענגער פון דער רעגי־רונג, אייניקע מענטשן זײַנען פארוווּנדעט געוואָרן. גלײַכצײַטיק מיט די באָמבעס האָט מען אין זאל ארײַנגעוואָרפן עטלעכע פּראָ־קלאמאציעס. זיי זײַנען געווען אונטערגעשריבן: „באלראדזש, דער הויפּט־קאָמאנדיר פון דער אינדאָסטאנער סאָציאַליסטישער ארמיי",— א טיטל אביסל צו א הויכער און פאטעטישער. די די־בורים אָבער פון דער פּראָקלאמאציע זײַנען איינפאכער און פאר־שטענדלעכער. דאָרט איז געשטאנען:

„דאָס אינדישע פאָלק ווארט פון סײַמאָנען ברעקלעך האנאָ־בעס און קריגט זיך אפילע איבער יענע בײַנדלעך, וועלכע מע האָט אים נאָך לעסאטע אפילע ניט צוגעוואָרפן. אין דערזעלביקער צײַט טוט זיך די רעגירונג אירס, זי פּראָעקטירט און גיט ארויס געזעצן קעגן ארבעטער־אומרוען, קעגן אגיטאציע און פּראָפּאגאנדע, זי ארעסטירט די ארבעטער־פירערס. מיט איין וואָרט, זי גיט אונדז צו וויסן, אז מיר האָבן ניט וואָס צו ווארטן פון איר!"

דידאָזיקע באָמבעס האָבן א שטיקל פּאָרגעשיכטע. אין 1919 י. האָט אינדיִע באקומען פון ענגלאנד אן האווטאָכי, אז ניט שפּעטער, ווי אין 10 יאָר ארום, ד. ה. פון 1929, קריגט זי די נײַע קאָנסטיטור־ציע, א מין אווטאָנאָמיע,— און דאָס איז נאָר א אָנ[illegible] ווײַטער־דיקע רעפאָרמען אפן וועג דערצו, אינדיִע זאָל ווערן ז[illegible]שטענדיק.

איז דאָך גוט. די צאָרע איז נאָר, וואָס די טײַטש פונעם וואָרט „זעלבשטענדיק" פארשטייט מען אנדערש אין לאָנדאָן און אין אינדיִע. „לאָנדאָן" האלט, אז מע דארף אויספרווון דעם דויפּעק, צי־איז שוין אינדיִע דערוואָקסן, זי זאָל זיך קענען באַגיין אָן א אייבער־

האר. האָט מען געגרינדעט א ספעציעלע קאָמיסיע, וואָס דארף טאָפן דעמדאָזיקן דויפעק און באשטימען, וויפל גראם קאָנסטיטוציע מעג אײַנעמען דאָס אינדישע פאָלק. אין דערדאָזיקער קאָמיסיע וועגן דער אינדישער אווטאָנאָמיע איז קיין איין אינדוס ניט אריין. צו וואָס דארפן זיי דאָס? מע וועט זיי דאָך געבן א פארטיקע אווטאָנאָמיע!

איז בעכיין זיצט און ווארט אף כעסעד, אף סײַמאָנס כעסעד: סײַמאָן איז דער פאָרזיצער פון דערדאָזיקער קאָמיסיע, וואָס איז מיט דעם צוועק אראָפגעקומען פון לאָנדאָן אין י. 1928 פארשטייט זיך, אז סײַמאָנס אראָפגעקומענע קאָמיסיע האָט געהאט אין אינדיע א רעכטע באגעגעניש: פראָטעסט־מיטינגען, טרויער־מאניפעסטאציעס א. אז. וו., א. אז. וו. דאָס האָט אף אים געהאט א שטיקל פעולע, האָט ער ערגעץ־ווו געוואָרפן א וואָרט, אז אינדיע וועט באקומען די רעכט פון א דאָמיניאָן, ד. ה. זי וועט זײַן אונטערגעוואָרפן ענגלאנד ניט מער ווי קאנאדע אָדער אווסטראליע. דערמיט האָט ער געקויפט די הערצער פון די וואקלדיקע נאציאָנאליסטישע גרופירונגען. ער האָט אָבער גלײַך געקריגן א „אָנצוהערעניש" פון לאָנדאָן, אז קיינער האָט אים ניט געשיקט טיילן קיין האווטאָכעס, אז זײַן זאך איז זיך מער ניט דערוויסן, „צי איז מען דערוואָקסן" און אף „וויפל איז מען דערוואָקסן", און אים טאקע בעפיירעש געגעבן צו וויסן, אז ער זאָל מער פון קיין דאָמיניאָען ניט דערמאָנען. בעשאס סע ווערן געשריבן דידאָזיקע שורעס, איז שוין פארעפנטלעכט דער פראָעקט פון סײַמאָנס קאָמיסיע. פון קיין דאָמיניאָן־רעכט איז אין אים קיין זייכער ניטאָ. ענגלאנד בלײַבט באלעבאָס איבער דער ארמיי פון אינדיע, איבער איר אויסערלעכער פאָליטיק און איבער צווישן־אינדישע באציונגען, צווישן די באזונדערע מעלוכעלעך. אלץ קעדיי צו האָבן די מעגלעכקײַט פון „צעטיילן און געוועלטיקן", לויטן אלטן שפריכוואָרט.

אָט אזא טײַך האָט זיך אויסגעלאָזט פון דער צוגעזאָגטער אין 1919 י. אינדישער אווטאָנאָמיע.

די בורזשואזע נאציאָנאליסטן, וואָס האָבן געלייגט דערוף אלע

ווייטערע האַפּענונגען, האָבן זיך פּולקאָם קאָמפּראָמעטירט אין די אויגן פון די מאסן. די באָמבעס אין נײַ־דעליער פּאַרלאַמענט זײַנען געווען א אויסדרוק פון אָט דער טיפער אומצופרידנקײַט, וואָס די ענגלישע ביוראָקראַטן און די אינדישע בורזשואזע אָפּאָרטוניסטן האָבן ארויסגערופן אין די ארבעטנדיקע מאסן.

## 57. די זוימען פון רעוואָליוציע.

איינע פון די לעצטע געזעלשאפטלעכע געשעענישן אין אינדיע, וואָס עפענען א נײַ קאפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אינדישער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, איז די אויסבילדונג פון אן ארבעטער־ און פּויערשער פּארטיי.

געגרינדעט האָט זי זיך אין מאדראס און טראָגט דעם נאָמען „לייבאָר־קיסאָן־פּארטיי", ד. ה. ארבעטער־ און פּויערים־פּארטיי. אין איר שפּיץ שטייט איינער סינגאראוועלו טשעטיאר, וואָס האָט נאָך אפן אלינדישן קאָנגרעס פון 1922 י. זיך דערקלערט אלס קאָמוניסט. ער האָט ווירקלעך אָנגעפירט מיט אסאך שטרײַקן.

אין 1927 י. האָט די ארבעטער־ און פּויערים־פּארטיי פּארעפנטלעכט איר פּראָגראם. זי אנטבלויזט דאָס פּאָנעם פון דער נאציאָנאליסטישער באוועגונג, איר צווייפּנימדיקײַט און אומאנטשלאָסנקײַט. פּאראן אייניציקן מיטל פון קאמף האלט די ארב.־ און פּויערים פּארטיי דעם דירעקטן ארײַנמיש פון די מאסן און דעם קאָנטראָל פון די ארבעטער־פּאריינען איבער די אײַזנבאנען, פּאָסט און טעלעגראף. ווייניקער אנטשלאָסן איז אָט די פּארטיי אין דער אגראר־פּאָליטיק, און דעריבער גיט זיך איר לעסאטע ניט אײַן צו דערווערבן די סימפּאטיעס פון די ברייטע שיכטן פּויערים.

פּאראן, פּארשטייט זיך, אויך א קאָמוניסטישע פּארטיי, נאָר זי מוז לעסאטע פירן איר ארבעט אונטערערדיש, קעדיי די ענגלישע סקאָרפּיאָנען זאָלן צו איר ניט דערגרייכן.

זי פירט לעסאטע א קאמף פאר אן אכטשאָיקן ארבעט־טאָג, פאר א מינימאלן ארבעטלוין, פאר א קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע,

און ווען ס'וועט שלאָגן די שאָ, וועט זי אויך ארויסשטעלן די פאָדערונג פון אן ארבעטער־רעגירונג. לעסאטע איז די קאָמפּאַרטיי אויך די איינציקע, וואָס קעמפט פאר דער באפרייונג פון אינדיע פונעם ענגלישן יאָך. ווייל סיי די בורזשואזיע און אינטעליגענץ, סיי דער נאציאָנאלער קאָנגרעס,— אלע גייען זיי אָף האנאָכעס בע־נעגייע צו ענגלאנד, זיי שרעקן זיך פיל מער פארן „טיל" פאר זיי־ערן, פאר די אייגענע ארבעטער, פויערים און פאריער, וואָס פילן זייער אכדעס מיטן אלוועלטלעכן רעוואָליוציאָנערן פראָלעטאריאַט.

די לאגע, וואָס עקזיסטירט איצט אין אינדיע, האָט געצוואונגען די קאָמוניסטישע פארטיי אויסארבעטן פאר אָט דעם לאנד א דערווייליקע, אזוי גערופענע מינימום־פראָגראם. די הויפּט־פונקטן פון אָט דער פראָגראם באשטייען אין פאָלגנדיקן: 1) פול־שטענדיקע נאציאָנאלע אומאָפּהענגיקייט בא א דעמאָקראטישער רעפּובליק, וואָס איז געבויט אָף אלגעמיינעם וואל־רעכט; 2) אָפּ־שאפן פּריוואט־אייגנטום אָף ערד; 3) קלענער מאכן דעם ארענדע־אָפּצאָל פאר ערד, פארקלענערן די אומדירעקטע שטייערן און פארגרעסערן דעם פּראָגרעסיוון האכנאָסע־שטייער; 4) אָנווענדן אין דער לאנדווירטשאפט די מאָדערנע טעכניק; 5) נאציאָנאליזירן די אונטערנעמונגען פון געזעלשאפטלעכער ווערט; 6) איינפירן א 8־שאָעיקן ארבעט־טאָג און איינשטעלן א מינימום פון ארבעט־לוין.

דער VI קאָנגרעס פונעם קאָמינטערן האָט אָנגעצייכנט א קלאָרן וועג פאר דער יונגער קאָמפּארטיי פון אינדיע. זי דארף באקעמפן אלע רעשטלעך פון פעאָדאליזם אין אינדיע, צוגרייטן די אגרארע רעוואָליוציע און א פראָלעטארישע דיקטאטור אינעם געשטאלט פון א סאָוועטישער רעפּובליק. דאָס קען דערגרייכט ווערן אפן וועג פון אויפבויען א פעסטע קאָמוניסטישע פארטיי, מיט קעמער־לעך אָף די אונטערנעמונגען, פראקציעס אין די פראָפאריינען און גרופּעס אקטיוויסטן אינעם אופוואכנדיקן פויערטום, וואָס זאָלן אָרגאניזירן פויערישע פארבאנדן צום קאמף מיט די עקספּלואטא־טערישע שיכטן פון דאָרף.

---

# ליטעראטור.

1. Проф. А. Е. Снесарев — Индия.
2. Г. Ретбоун — Индия.
3. А. Мухараджи — Аграрная Индия.
4. Б. М—цев — Азия.
5. Рабиндранат Тагор — Бенгалия.
6. „ „ — Воспоминания.
7. „ „ — Гора.
8. Шейэ Т. — Современная Индия.
9. Бонзельс В. — По Индии.
10. Эверс Г. — Индия и я.
11. Голигер А. — Волнующаяся Азия.
12. Штейнберг Е. — Индия.
13. „ Рабочее движение в Индии.
14. Геккель Э. — Натуралист под тропиками.
15. Фостер — Поездка в Индию.
16. Крубер — Очерки географии, изд. Антика.
17. „ и др. — Азия (геогр. сборник).
18. Вольф-Мебус — География иностр. государств.
19. Рой — Новая Индия.
20. Корнеруп Э. — В сказочной стране.
21. Павлович М. — Борьба за Азию и Африку.
22. „ — Империализм и борьба за великие железно[illegible] и морские пути будущего, ч. I и II.
23. Ратцел[illegible] — [illegible]оведение, т. I и II.
24. Хоррабин [illegible]торико-экономическая география мира.

# אינהאלט


פֿאָרוואָרט . . . . . . . . . 3

1. ווי ווײַט איז קיין אינדיע . . . 5
2. פֿארוואָס ציטערט אזוי ענגלאנד איבער אינדיע . . . . . . . 8
3. דאָס רווארג פֿון אינדיע . . . 10
4. אינדיע פֿאַר זיך . . . . . . . 12
5. געוויקסן, ווינט און רעגן . . . 14
6. עטוואָס געשיכטע . . . . . . 19
7. איצטיקע אינדיע . . . . . . . 22
8. אייניקע ציפֿערן . . . . . . . 25
9. דער ארײַנפֿאָר קיין ציילאָן . . . 27
10. דער פֿעטאך . . . . . . . . . 29
11. אין געל-פּיים-האָטעל . . . . . 33
12. די וואלד-מענטשן . . . . . . 35
13. אין די בערג פֿון ציילאָן . . . . 39
14. די דזשונגלי . . . . . . . . . 42
15. די הויפּטשטאָט פֿון די קייסאָרים פֿון לאנקא . . . . . . . . 45
16. דער גאניירון אין ציילאָן . . . . 47
17. די קרעלן-גערטנער . . . . . . 52
18. דער נאטור-פֿאָרשער באַם ברעג ים . . . . . . . . . . . 56
19. א טאָג אויסקומעניש אין ציילאָן 58
20. אין א סינגאלעזער דאָרף . . . 62
21. דער קראאל . . . . . . . . 65
22. צווייערליי אינדיעס . . . . . . 71
23. באָמביי . . . . . . . . . . 73
24. קאלקוטע . . . . . . . . . . 75
25. די אנדערע נײַע שטעט . . . . 76
26. די זומער-שטעט . . . . . . 77
27. אינדיע פֿון דער פֿארגאנגענהײַט 78
28. די שטאָט פֿון דער בעסטער וואסער 79
29. בראמא . . . . . . . . . . 83
30. דער אינדישער פֿאנטעאָן . . . 86
31. דאָס הייליקע אינדזל . . . . . 89
32. די באלעטשווע . . . . . . . 94
33. דער גורל פֿון סוואמי-פּארא-סוואטי . . . . . . . . . 98
34. די אינדישע פֿרוי . . . . . . 100
35. די יונגע מאמע . . . . . . . 103
36. די באיאדערקע . . . . . . . 104
37. די קונצנמאכערס . . . . . . 107
38. די באשווערער פֿון שלענג . . . 111
39. די קאסטעס . . . . . . . . . 113
40. די טמייים („אומריינע") . . . . 117
41. די פּארסים . . . . . . . . . 122
42. דער שווײַג-טורעם . . . . . . 124
43. אין דאָרף . . . . . . . . . 129
44. די רײַז-פּעלדער באנגאבט . . . 132
45. אינדוסטריאליזאציע פֿון אינדיע . 135
46. די נאציאָנאלע באוועגונג . . . 137
47. אינדיע אף מאָרגן נאָך דער מילכאָמע . . . . . . . . . 140
48. סווארדזש און סוואדעשי . . . 145
49. ווען דאָס פֿויערטום קומט צום וואָרט . . . . . . . . . 147
50. אין שרעק פֿאַר דער מאסע . . 149
51. מאליבארער אויפֿשטאנד . . . 152
52. אין אינדישן פּארלאמענט . . . 154
53. גאנדי . . . . . . . . . . 157
54. אכימזא . . . . . . . . . . 158
55. דאָס נײַע וואָרט . . . . . . 161
56. דער אומרײַס . . . . . . . . 166
57. די זוימען פֿון רעוואָלוציע . . 169

85

ІНДІЯ й ЦЕЙЛОН